STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01514

PALESTINE, DI ARABER, DER TSIYONIZM

P. Novik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. נאָוויק

פּאַלעסטינע
די אַראַבער
דער ציוניזם

פאַרלאַג :
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן
80 פינפטע עוועניו
ניו יאָרק, 1932

Copyright by the
International Workers Order, Inc.
New York
1932

35 East 12th Street
New York City
33

אינהאַלט

זייט

לאַנדקאַרטע פון פּאַלעסטינע און אַרומיגע לענדער — 5

פאָרוואָרט — 7

וואָס פאַר א לאַנד איז פּאַלעסטינע?

אַ בריק צווישן קאָנטינענטן. — ווי גרויס איז פּאַלעסטינע? —
די באַפעלקערונג. — פעלאַכן און קאָלאָניסטן — 13

די אַראַבער

די בלוטזויגערישע ראָל פון עפענדי. — דער אַראַבער טרינקט זיך
אין חובות. — ניטאָ קיין ערד. — וויפיל לאַנד מוז מען האָבן?
דעם אַראַבער ווערט אַלץ ערגער. — אימפּעריאַליסטישע אויסזוי־
גונג — 25

צו וואָס דאַרף ענגלאַנד פּאַלעסטינע?

די „דייטשע היים. — דער ערשטער צוזאָג: אַן אַראַבישע מלוכה.—
די באַלפור־דעקלאַראַציע. — די ציוניסטן ווערן אַגענטן פון ענגלאַנד.
—די אַראַבער קריגן נאָך א צוזאָג. — 41

דער ציוניסטישער אָנגריף אין פּאַלעסטינע

כיבוש הארץ אין דער פּראַקטיק. — ציוניסטן טרייבן אַראָפּ אַראַ־
בישע פּויערים. — די שרעק פון דעם פעלאַך. — „אוווידאָ איוורים
טעהוירא" — 55

אויף אימפּעריאַליסטישע באַיאָנעטן

ווייניגער רעכט ווי בעת דער הערשאַפט פון טערקיי. — נאָר ניט
קיין פּאַרלאַמענט! — אַרסענאַלן — 68

די „אידישע היים" פון אינעווייניג

ציוניסטישע „קאָלאָניזאַציע". — דער לעכערדיגער זאַק. — די
„אינדוסטריע". — די געטאָ — 74

דער באַנקראָט

פון „יודענשטאַט" ביז „צוויי־נאַציאָנען־שטאַט". — א מיש־מאַש
פון ריכטונגען. — פראַנצויזישער אימפּעריאַליזם זוכט פראַנצויזי־
שע ציוניסטן. — די אָריענטאַציע אויף אַמעריקע. — ביי דער
צעבראָכענע קאָריטע. — נאָכאַמאָל: דער לעכערדיגער זאַק — 91

דער ציוניזם אין זיין אמת'ער ראָל

טעאָדאָר הערצל. — פון פאָן פלעווע ביז גאָווערנאָר פולער. — פעטליורע, גראַבסקי, פּילסודסקי — — — — — — — — — — — — — — 105

דער ציוניזם און ראַטנפאַרבאַנד

ביינקשאַפט נאָכ'ן צאַריזם. — נעפליים און אינטערווענציאָניסטן. —דער קאַמף געגן די „יעווסעקן" — — — — — — — — — — — 115

פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג

דער קלאַסן־קאַמף אין פּאַלעסטינע. — אַראַבישער סאָציאַל־פאַשיזם. —דער ציוניסטישער סאָציאַל־פאַשיזם. — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — דער אויגוסט־אויפשטאַנד. — פּאַלעסטינע א פולווער־פאַס. 128

וואָס־זשע וועט זיין מיט'ן „אידישן פאָלק"?

ציוניזם באַשאַפט אַנטיסעמיטיזם. — אידן אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווערן דעקלאַסירט. — סאָוועטן־פאַרבאַנד ווייזט דעם וועג. — די אידישע פראַגע איז געלייזט געוואָרן! — דער אויסוועג — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 142

ביילאַגע

די באַלפור־דעקלאַראַציע. — דער אָפּמאַך צווישן פּעטליורע און די ציוניסטן. — איינוואַנדערונג און אויסוואַנדערונג אין פּאַלעסטינע. 158

די סטראַטעגישע פּאָזיציע—פּאַלעסטינע



לאַנדקאַרטע פון פּאַלעסטינע און אַרומיגע לענדער (פּאַלעסטינע איז אַרומגענומען מיט דיקע ליניעס). די פּייל־צייכנס ווייזן די פאַרשיידענע וועגן קיין אינדיע, און די סטראַטעגישע ראָל, וואָס פּאַלעסטינע שפּילט דערביי. איין וועג—דורכ׳ן סועץ־קאַנאַל און רויטן ים אין אַראַבישן ים. אַן אַנדער וועג—איבער פּאַלעסטינע, טראַנס־יאַרדאַניע, איראַק, ביז באַסרא, און פון דאָרט מיט׳ן פּערסישן גאָלף קיין אינדיע. א דריטער דורכאויסיגער יבשה־וועג—פון איראַק קיין פּערסיע און אינדיע. עס איז דאָ, צווישן אַנדערע, ווערט צו באַמערקן די סטראַ־טעגישע ראָל פון פּאַלעסטינע אויפ׳ן וועג צום סאָוועטישן קאַווקאַז און צו די איל־קוואַלן פון באַקו, דורך טראַנס־יאָרדאַניע, איראַק און פּערסיע.

פאַרוואָרט

1.

דער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם, דער לאַנג־פאַרצויגענער אַלוועלט־כער אַגראַר־קריזיס, די עפּאָכע פון קאָלאָניאַלע רעוואָלוציעס און די אימפּעטיגע סאָציאַליסטישע בויאונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד—און צו־זאַמען דערמיט די דאָרטיגע אימפּעטיגע איבערבויאונג פון אידישן לעבן אויף געזונטע יסודות—האָט אונטערגעפירט אַ שאַרפן שטריך אונטער די פופציג יאָר קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע און פינף-און־דרייסיג יאָר הערצל־ציוניזם.

דער אויפשטאַנד פון די אַראַבישע מאַסן אין פּאַלעסטינע אין אויגוסט 1929, האָט אויפגעריסן די גאַנצע קאָרטן־געביידע, וואָס דער ציוניזם האָט דאָרטן אויפגעשטעלט און אונטערגעשפּאַרט מיט ענג־לישע באַיאָנעטן. דריטהאַלבן יאָר איז שוין אַוועק, און נאָך טראָגן זיך די דונער־כוואַליעס פון יענעם אויפריים. דער אויפשטאַנד האָט געבראַכט מיט זיך אויספאָרשונגען, און באַריכטן, און „ווייסע" פּאַ־פּירן, און ווידער־אויפגעלעבטע אַרסענאַלן, און נאָך איז די אונ־טערשטע שורה ניט אונטערגעצויגן געוואָרן. ווייט דערפון. עס ווערט אַלץ קלאָרער, אַז יענער אויפריים, אין 1929, איז געווען אַן אָנהויב, אַן איבערבראָך אין דער שטימונג פון די ברייטסטע מאַסן, אַ מאָמענט פון דערוואַכונג פון ריזיגע מאַסן אונטערדריקטע, וועלכע האָבן ערשט אָנגעהויבן שרייבן זייער געשיכטע.

דער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם און די מעכטיגע קלעפּ פון די קאָ-לאָניאַלע פעלקער, האָבן אַ טרייסל געטאָן די פונדאַמענטן פון דעם אימפּעריאַליזם, און אין דער ערשטער ליניע — פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם. דער לייב פון דער טעמזע, אַ פאַרוואונדעטער פון פיר יאָר אימפּעריאַליסטישער מלחמה, אַ צעטרייסלטער פון העכער צען יאָר עקאָנאָמישן קריזיס און ברייטע מאַסן־קאַמפּן אין ענגלאַנד גופא, האָט געקראָגן אַ טויטלעכן קלאַפּ אין אינדיע און אַנדערע קאָלאָניעס. איין קאָלאָניע באַווירקט די אַנדערע, און אַלע צוזאַמען

ווערן זיי באַווירקט פון קריזיס פון קאַפּיטאַליזם, און אַלע צוזאַמען העלפן זיי באַווירקן דעם קריזיס, אים פאַרשאַרפן, און אַלע צוזאַמען האָבן זיי צעטרייסלט דעם אַלוועלטלעכן אימפּעריאַליזם, און אין דער ערשטער ליניע—ווידעראַמאָל—דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם. דער ענגלישער לייב—ביז דער מלחמה דער קעניג פון אַלע רויב־חיות—ווארפט זיך איצט אויף אַלע זייטן, מאַנעווורירט, רעאַרגאַניזירט זיך, ווערט געטריבן צו „קאָנפערענצן ביי גרינעם טיש", און פון זיי צו אָפענע בלוטיגע אַקטן. דער פאַרוואונדעטער לייב פון דער טעמזע מאַכט שאַרפע זיגזאַגן. די איבערגרופּירונג אין דעם לאַגער פון די אימפּעריאַליסטן, דער אויפשוואונג פון דעם וואָל סטריט אימפּעריאַליזם, באַשאַפט נייע סיטואַציעס. דאָס אַלץ ווערט רעפלעקטירט אויף דעם פּינטל, וואָס רופט זיך פאַלעסטינע—ווייל פאַלעסטינע איז א אימפּעריאַליסטישע קאָלאָניע און ווייל דאָס דאָזיגע „לאַנד" שטעלט פאַר מיט זיך א סטראַטעגישע פּאָזיציע. און אָט די זיגזאַג־פּאָליטיק קריגט אַן אָפּשפּיגלונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין דער איבערגרופּירונג פון דער דאָזיגער באַוועגונג, אין איר צעמישעניש.

דער פאַרשאַרפטער קלאַסן־קאַמף אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, דער אויפשוואונג פון סאָציאַליסטישער בויאונג אין ראַטנפאַרבאַנד—וועלכער איז איינער פון די טרייב־כחות פאַר דעם פאַרשאַרפטן קריזיס און פאַר די קאָלאָניאַלע רעוואָלוציעס און אויפשטאַנדן—האָט אַלץ שטיפער אָנגעצויגן די ליניע און אַלץ בולט'ער אויסגעטיילט די מחנות פון קאַפּיטאַליזם און די מחנות פון דער רעוואָלוציע. דער ציוניזם, וועלכער איז פון סאַמע אָנהויב באַשאַפן געוואָרן ווי א מיטל אין קאַמף געגן אַרבעטער־קלאַס, הערט ניט אויף צו שפּילן זיין ראָל, ניט געקוקט אויף זיין אינערלעכן צוזאַמענבראָך. פאַרקערט, אין דעם קאַמף געגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אין דער העצע געגן ראַטנפאַרבאַנד און אין די צוגרייטונגען פאַר דער אינטערווענציע געגן ראַטנפאַרבאַנד—איז די וויים-בלויע פאָן אויפגעצויגן געוואָרן אויך איבער די לאַגערן פון די אַסימילאַטאָרישע באַנקירן און סאָציאַל־פאַשיסטן, וועלכע זיינען פריער געווען פיינטלעך, אָדער „נייטראַל", צום ציוניזם.

איז נויטיג אַרויסצופירן דעם ציוניזם אין ליכט פון אָט־די וועלט־געשעענישן, באַקענען די מאַסן מיט די פאַקטן וועגן פאַלעסטינע, מיט דער לאַגע פון די אַראַבער, מיט די טריקס און קונצן פון די אימפּעריאַליסטישע רויבער און מיט'ן אוואַנטיוריסטישן, אונטערדריקנדיגן, רעאַקציאָנערן און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פון דעם ציוניזם.

.2

הערצל האָט קיינמאָל ניט דערמאָנט די אראַבער.*) די אראַבער האָבן ניט עקזיסטירט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין אָנהויב אויגוסט 1929 האָט עס אין צירידך נאָך אַלץ געהייסן: „דאָס לאַנד אָן אַ פאָלק פאַר'ן פאָלק אָן אַ לאַנד". שלום אַש האָט דאָס דעמאָלט גענומען אויף זיך די מיסיע אַ זינג צו טאָן וועגן דעם—מיט אַ „ביבלישן טאָן"—ביי דער דערעפענונג פון דער „איידזשענסי"-קאָנפערענץ. אָבער נאָך איידער די ווערטער האָבן פאַרקלונגען, האָט זיך שוין דערהערט דער געבּרום פון דעם אָנקומענדיגן אוראַגאַן אין דעם לאַנד, וואָס פאַרמאָגט יע אַ פאָלק.

זינט דעמאָלט איז דער פּראָזשעקטאָר אָנגעשטעלט אויף פּאַלעסטינע. זינט דעמאָלט זיינען אַ סך נייע פאַקטן באַוואוסט געוואָרן. זינט דעמאָלט האָבן ציוניסטן אַליין געמוזט צוגעבן זאַכן, וואָס זיי האָבן פריער ניט געוואָלט צוגעבן. סיי דער אויסזען פון דעם „לאַנד" און נאָכמער די לאַגע פון די אַראַבער און די רויב-פּאָליטיק פון די אימפּעריאַליסטן און ציוניסטן, איז בולט'ער ארויסגעפירט געוואָרן, זייער פיל דערפון—צום ערשטן מאָל. אָבער אויך דאָס מאָל, פּונקט ווי אין אַלע ביז-איצטיגע רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבן וועגן פּאַלעסטינע, וועט אויסקומען צו באַנוצן זיך מיט ציפערן און פאַקטן פון ציוניסטישע באַריכטן, פון באַריכטן פון די קאָמיסיעס און שלוחים פון דער ענגלישער רעגירונג.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פאַרוואָרלאָזטקייט פון אַזאַ קאָלאָניע, ווי פּאַלעסטינע, וואָס עס איז וועגן איר קיין סטאַטיסטיק ניט פאַראַן. עפּעס איז יע דאָ, אַלע מאָל געווען, אָבער איין ציפער האָט דאָס סותר געווען די אַנדערע. ווי קליין פּאַלעסטינע איז ניט, איז נאָך עד-היום ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן דער שטח אירער. דאָס איז נאָר איין ביישפּיל. אַזוי אויף דער גאַנצער ליניע, ווי דער לייענער וועט האָבן די געלעגנהייט צו זען. דאָ האָט געשפּילט אַ ראָל ניט נאָר דער פאַקט, וואָס פּאַלעסטינע איז פון הונדערטער יאָרן אָן אָרט, וואו עס האָבן געהערשט און עס הערשן באַצווינגער פון דער אָרטיגער באַפעלקערונג, אונטערדריקער, וואָס קימערן זיך ווייניג וועגן דער לאַגע פון די אָרטיגע איינוואוינער און וועגן זייער וואוינאָרט. דאָ האָט אויך געשפּילט אַ ראָל דער מאָמענט, וואָס די ציוניסטן גייט אין לעבן צו פעלשן און פאַרטושן די פאַקטן: וואָס מער „אויס-

---

*) ניט בלויז אין זיינע ווערק, נאָר אויך אין זיינע „טאַגעביכער", וואו ער האָט אויסגעלייגט אַלערליי דעטאַלן פאַר דעם „יודענשטאַט", ווערן די אַראַבער, ווי אַ פאַקטאָר אין פּאַלעסטינע, ניט דערמאָנט.

ציען״ דעם שטח לאַנד, באַזונדערס דעם טייל, וואָס קען קולטיווירט ווערן, און וואָס מער פאַרקלענערן די אַראַבישע באַפּעלקערונג—און אין דער אייגענער צייט, פאַרשטייט זיך, פאַרגרעסערן די אידישע. די ציוניסטן דערגייען דאָ אָפּט ביז די ווילדסטע פעלשונגען*). דער כאַאָס און די פעלשונגען, ווען עס קומט צו פּאַלעסטינער ציפערן, איז אַזוי גרויס, אַז די ציוניסטן קענען זיך ניט אָפּשטעלן ביי איין ציפער, אפילו, ווען עס רעדט זיך וועגן זייערע אייגענע געשעפטן. איר וועט זעלטן טרעפן צוויי ציוניסטישע באַריכטן, וואָס זאָלן שטימען אין זייער אָפּשאַצונג וועגן דער באַפּעלקערונג אין די קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינע, אָדער וועגן דער צאָל אידישע אַרבעטער אין לאַנד.

דער לייענער וועט מוזן נעמען אין אַכט אָט־די ״שטרויכל־שטיינער, וואָס מיר האָבן געהאַט פאַר זיך. אָבער יענער פּראָזשעקטאָר, וואָס איז זינט 1929 אָנגעשטעלט אויף פּאַלעסטינע, האָט צום גרויסן טייל געהאָלפן אַזעלכע שטיינער אויסמיידן. און מער פון אַלץ האָבן געהאָלפן אין משך פון דריטהאַלבן יאָר די אַראַבישע מאַסן, וועלכע האָבן גערעדט העכער פון אַלע פאַקטן, האָבן אָפּט איבערגעצויגן אַ שאַרפן שטריך איבער אַלע דערגרייכונגען פון די אימפּעריאַליסטיש־ציוניסטישע קאַנצעלאַריעס, און טיילווייז געצוואונגען די זעלביגע קאַנצעלאַריעס אַראָפּצונעמען די פעלשנדיגע האַנט. מיט דער הילף פון אָט דער ריכט־שנור, און מיט דער הילף פון די אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן אין דער רעוואָלוציאָנערער, אַנטי־אימפּעריאַליסטישער און אַנטי־ציוניסטישער ליטעראַטור, האָפן מיר, האָט זיך איינגעגעבן איבערצוגעבן די סיטואַציע אין פּאַלעסטינע, ווי זי איז.

.3

איינער פון די הויפּט־צוועקן פון דעם בוך איז צו געבן דעם אידישן אַרבעטער אַ נעענטער בילד וועגן דעם לעבן און די ליידן און

*) אַ ביישפּיל. נאָך די אויגוסט־געשעעניש, אין 1929, האָט דער ניו־יאָרקער זשורנאַל „קורענט היסטאָרי״ (נאָוועמבער־אויסגאַבע) געדרוקט אַן אַרטיקל פון אַן אַראַבישן שרייבער, אַמען ריהאַני, און גלייכצייטיג אַן ענטפער פון דעם רעדאַקטאָר פון דעמאָלטיגן אָרגאַן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע („ניו פּאַלעסטאַין״), מ. וויסגאַל. פאַרגינט זיך דער לעצטער אָנצוגעבן, אַז פּאַלעסטינע פאַרמאָגט אַ באַפּעלקערונג פון 750 טויזנט, און ד ע ר פ ו ן 160 טויזנט אידן (דאָרט, זייט 284), בעת דער וואַרבורג־מעלטשעט־פרענקעל־וואַסערמאַן באַריכט צו מאַרשאַל און וויצמאַן, אין 1928, האָט אָנגעגעבן, אַז שוין אין 1927 האָט די באַפּעלקערונג פון פּאַלעסטינע באַטראָפן 900,500 (זייט 35 פון באַריכט). אַן אַנדערער, דער פּועל־ציוניסט ניר, אין אַ בוך, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין 1930, דערציילט (זייט 38), אַז אין 1925 האָט די באַפּעלקערונג אויסגעמאַכט 720,000 פערזאָן, בעת דער אָפיציעלער צענזוס פון 1922 רעדט וועגן 757,182,—און אין די דריי יאָר צווישן 1922 און 1925 איז געווען אַ היבשער וואוקס.

דעם קלאַסן־קאַמף פון דעם אַראַבישן האָרעפּאַשניק, הויפּטזעכלעך פון דעם אַראַבישן פעלאַך (פּויער), וועלכער מאַכט אויס דעם גרעסטן טייל פון דער אַראַבישער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג.

דעם אידישן אַרבעטער גייט אָן דער אַראַבער ניט מער און ניט ווייניגער, ווי עס גייט אים אָן דער אַמעריקאַנער, אָדער דייטש, אָדער אימיצער, וואָס געהערט אן אַנדער נאַציאָנאַליטעט. דאָס איז—אין אַלגעמיין גערעדט. אויף וויפיל אָבער עס עקזיסטירט אן אוואַנטיורע נעגן די אַראַבער, אין נאָמען פון א „אידישער היים", אָדער פון „אידישן פאָלק", איז עס דער חוב פון דעם אידישן אַרבעטער נעענטער צו פאַראינטערעסירן זיך מיט'ן לעבן פון די אַראַבישע מאַסן, ווי דאָס איז דער חוב, למשל, פון די אַרבעטער אין אַמעריקע בכלל, באַזונדערס צו פאַראינטערעסירן זיך מיט'ן לעבן פון די מאַסן, וואָס ווערן אָנגעגריפן פון דעם אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם, כלומרשט אין די אינטערעסן פון „אַמעריקאַנישן פאָלק".

קאָמוניסטן גייען צו צו די אַראַבער, ווי צו וועלכן עס איז פאָלק, פון דעם שטאַנדפּונקט פון קלאַסן־קאַמף. די אַרבעט פון דעם שאָוויניסט איז צו ריידן פון דעם אַראַבער, ווי דער אַנטיסעמיט רעדט פונ'ם אידן: אַלע זיינען גלייך. עס איז אָבער ניטאָ קיין סתם אַראַבער, ווי עס איז ניטאָ קיין סתם אידן. עס זיינען פאַראַן קלאַסן. אין פּאַלעסטינע קומט פאָר א קלאַסן־קאַמף, ווי אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דער אַראַבישער האָרעפּאַשניק, ווי יעדער האָרעפּאַשניק, מוז געשטיצט ווערן אין זיין קאַמף. דער אַראַבישער עקספּלואַטאָטאָר און פּאַראַזיט און פאַרפאָלגער, ווי יעדער אַנדערער פון דעם מין, מוז באַקעמפט ווערן. דער שאָוויניסט מישט אומישנע אויס דעם עפענדי (פּריץ) מיט'ן פעלאַך, פּונקט ווי דער אַנטיסעמיט מישט אומישנע אויס דעם אידישע פאַבריקאַנט מיט'ן אידישן אַרבעטער. אָט דאָ מוז דער שאָוויניסט באַקעמפט ווערן. די קלאַסן־צעטיילונג אין פּאַלעסטינע מוז שאַרף אַרויסגעפירט ווערן פאַר'ן אידישן אַרבעטער. וואָס נעענטער דאָס לעבן פון די אַראַבישע פּויערים־מאַסן וועט ווערן די אידישע אַרבעטער, אַלץ ווייניגער געפאַר, אַז אידישע אַרבעטער זאָלן פאַרפירט ווערן און געטריבן ווערן אין אוואַנטיורעס קעגן זיי. וואָס שאַרפער די ליניע פון קלאַסן־קאַמף ווערט אונטערגעשטראָכן, אַלץ ווינציגער שאַנסן פאַר דער אידישער בורזשואַזיע, אָדער פאַר'ן בורזשואַזן אינטעליגענט, צו פאַרפירן אידישע אַרבעטער פאַר די קלאַסן-אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע.

באַזונדערס איז דער ענין אַראַבער, ווי דער ענין פּאַלעסטינע בכלל, וויכטיג פאַר די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע.

דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם האָט ערשט אָנגעהויבן שפּילן

זיין אימפּעריאַליסטישע ראָל אין פּאַלעסטינע. די ראָל ווערט אַלץ שטאַרקער—מיט דער צעטרייסלונג פון ענגלישן אימפּעריאַליזם און מיט'ן פארשטאַרקטן גאַנג נאָך מערב. די אָפּשוואַכונג פון דער פּאָזיציע פון ענגלאַנד אין אינדיע רוקט אַרויס פאַר'ן אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם די נויטוועדיגקייט אַריינצושטעלן אַ פוס אין אָדער אַרום אינדיע. דער ציוניזם, און די גרייטקייט פון דער אידישער בורזשואַזיע צו דינען, גיט אַ געלעגנהייט דעם אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם צו אַריינשטעלן אַ פוס אין פּאַלעסטינע. אָט דער פאַקט, צוזאַמען מיט'ן פאַקט, וואָס די אידישע בורזשואַזיע פון אַמעריקע שפּילט אַ דאָמינירנדיגע ראָל אין דער ציוניסטישער אַוואַנטיורע בכלל און וואָס ביי יעדער געשעעניש אין פּאַלעסטינע—און געשעענישן וועלן ערשט קומען—וועט זי זוכן צו מאָביליזירן די אידישע מאַסן פאַר אירע צוועקן און פאַר די צוועקן פון אַמעריקאַנישן אימפּעריא-ליזם,—אָט־דער פאַקט רוקט אַרויס נאָך שאַרפער די נויטוועדיגקייט אין אַ מין האַנט־בוך וועגן פּאַלעסטינע, מיט וויפיל ניט איז פאַקטי-שען מאַטעריאַל—וועגן דעם דאָזיגן „לאַנד" און זיין באַפעלקערונג, וועגן די ציוניסטישע דערגרייכונגען דאָרטן, און וועגן דעם קלאַסן־קאַמף אויך אין דעם אידישן סעקטאָר פון דער באַפעלקערונג.

דער ציוניזם איז באַנקראָט, אָבער דער ציוניזם וועט לעבן אַזוי לאַנג ווי די אידישע בורזשואַזיע וועט לעבן—אַזוי לאַנג ווי דער קאַפּיטאַליזם וועט לעבן. אונטער פאַרשיידענע מאַנטלען, אונטער פאַרשיידענע אימפּעריאַליסטישע פאָנען און קאָמבינאַציעס, וועט נאָך די אידישע בורזשואַזיע זוכן אויפצולעבן פינסקער'ס „חובבי" ציוניזם, אָדער הערצל'ס „יודענשטאַט" ציוניזם—ווי עס וועט זיך לאָזן און לוינען. באַזונדערס וועלן די פאַרזוכן פאַר אַזאַ אויפלעבונג געמאַכט ווערן אין מאָמענטן פון פאַרשאַרפטע רעוואָלוציאָנערע קאַמפן, אין וועלכע מאַסן אידישע אַרבעטער וועלן אַלץ מער אַריינגעצויגן ווערן. דער אידישער אַרבעטער מוז זען דעם הינטערשלאַק פון די אַלע פאַר-זוכן און קאָמבינאַציעס, און לערנען פון דער געשיכטע, וואָס דער ציוניזם האָט דורכגעמאַכט ביז אַצינד.

פּ. נאָוויק.

ניו יאָרק, פעברואַר 1932.

וואָס פאַר אַ לאַנד איז פּאַלעסטינע?

אַ בריק צווישן קאָנטינענטן

דער שליסל צו דער געשיכטע פון פּאַלעסטינע איז איר סטראַטעגישע פּאָזיציע.

די שוועל פון אַראַבישן האַלב-אינזל (אַראַביסטאַן), אויפ'ן שיידוועג פון צוויי קאָנטינענטן—אַפריקא און אַזיע (זע לאַנדקאַרטע), איז פּאַלעסטינע אין משך פון טויזנטער יאָרן געווען אַן אָרט פאַר קאָנפליקטן און פאַרכאַפּערישע אַמביציעס. פון די צייטן, ווען פּאַלעסטינע איז געלעגן אויפ'ן וועג פון די האַנדלס-קאַראַוואַנען און מיליטער-קאַראַוואַנען צווישן קאַאיראָ, דאַמעסעק, באַגדאַד,—ביז איצינד, ווען עס האַנדלט זיך וועגן נאַפט-רערן און סטראַטעגישע באַן-ליניעס, איז דער קליינער שטח לאַנד ביים ברעג פון מיטל-לענדישן ים אַן אָביעקט פאַר באַצווינגער.

אין משך פון אַ די טויזנטער יאָרן האָט פּאַלעסטינע ניט געהאַט און האָט ניט געקענט האָבן, קיין זעלבשטענדיקייט, איינגעשלאָסן אויך די, פאַרהעלטניסמעסיג, קורצע מאָמענטן, וואָס ווערן אין דער געשיכטע באַצייכנט ווי מאָמענטן פון אידישער הערשאַפט,—וועלכע האָט זיך, לויט די זעלביגע בורזשואזע היסטאָריקער, אויסגעשפּרייט אויף דעם שטח פון עטלעכע דיסטריקטן, וואו פאַרשיידענע קאַסטעס (יהודה, ישראל) האָבן זיך יאָרנלאַנג אַרומגעריסן. אין פּאַלעסטינע איז כסדר פאָרגעקומען אַ פּראָצעס פון אַרויסשטופּן איינער דעם אַנדערן, אָדער פון אויס-און-איינוואַנדערן, און שטענדיג האָבן געהערשט—קאַאירא, דאַמעסעק, רוים, מעקאַ, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אָבער ניט די אָרטיגע איינוואוינער.

די עלעמענטן, וואָס ווערן איצט באַצייכנט ווי אַראַבער, און וועלכע געפינען זיך שוין אין פּאַלעסטינע אַן ערך צוויי טויזנט יאָר, האָבן בלויז אין אַ פּעריאָד פון ניינציג יאָר, צווישן די יאָרן 660 און 750, געהאַט אַ פאַרוואַלטונג פון אייגענע פעאָדאַלן און גייסטלעכע,—אויף וויפיל אין פּאַלעסטינע קען זיך האַנדלען וועגן אייגענער פאַרוואַלטונג פון די אָרטיגע איינוואוינער. דערנאָך זיינען זיי ווידער באַהערשט געוואָרן פון דער אָדער יענער אַרומיגער מאַכט—קעניג, אָדער קאַליפאַט, אָדערביידע צוזאַמען.

אין יאָר 1516 איז פּאַלעסטינע איינגענומען געוואָרן פון די טערקן, וועלכע האָבן דאָס לאַנד געהאַלטן אונטער זייער הערשאַפט ביז דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה,—מיט אַן איבעררייס פון ניין יאָר, צווישן 1831 און 1840, ווען פּאַלעסטינע איז געווען אין די הענט פון דעם דעמאָלטיגן גאָווערנאָר פון עגיפּטן.

די אַלע הונדערטער און טויזנטער יאָרן האָבן געליגט זייער שטעמפּל אויף פּאַלעסטינע, ווי אויף דעם גאַנצן אַראַבישן האַלב־אינזל. די מדבריות'ן און די זומפּן קענען דאָ צום גרויסן טייל צוגע־שריבן ווערן צו דער טראַגישער געשיכטע פון דער געגנט. אָרימקייט, קראַנקהייטן, כראָנישע הונגער־פּעריאָדן, אָפּגעשטאַנענקייט און פּאַר־וואָרלאָזטקייט, איז געווען דער רעזולטאַט פון דער דאָזיגער געשיכטע. אָבער אויף פּאַלעסטינע ספּעציעל איז אויסגעפאַלן נאָך אַ „גליק"— דריי רעליגיעס שלאָגן זיך איבער איר, און—האָבן זי געהאַלפן נאָך מער דערשלאָגן.

יעדע פון די דריי רעליגיעס—אידישע, קריסטלעכע, מאַכמעדאַני־שע—האַלט, אַז פּאַלעסטינע געהערט איר, איז איר „הייליג" לאַנד. יעדע פון די רעליגיעס קומט צו פּאַלעסטינע ניט נאָר מיט „היסטאָ־רישע רעכט", נאָר אויך מיט „הימלישע רעכט". יעדע האָט דאָרט אירע „הייליגסטע" ערטער, וועלכע ווען ניט אויפהערן צו זיין קוואַלן פון פינצטערניש און ראַסן־האַס אַזוי לאַנג ווי רעליגיע וועט עקזיס־טירן.

אַ „מוסטערהאַפטער" קוואַל פון דעם סאָרט איז די געגנט, וואו עס געפינט זיך דער אַזוי־גערופענער „כותל מערבי", אין ירושלים. לויט דער אידישער רעליגיע איז אָט דער „כותל" (וואַנט) די איי־בערבלייבעניש פון דעם „טעמפּל", פון „בית המקדש". לויט דער מאַכמעדאַנישער רעליגיע איז דער אָרט אויך פון די סאַמע „הייליגס־טע", ווייל דאָ האָט זיך געפונען די.... שטאַל, וואו עס איז, הייסט עס, געשטאַנען מאַכמעד'ס פערד, „בוראַק", און די „וואַנט" זאָל, הייסט עס, זיין אַ טייל פון דער אַמאָליגער שטאַל, און זי רופט זיך טאַקע ביי די מאַכמעדאַנער: „בוראַק־וואַנט". אָט דאָ, לעבן דער „וואַנט", זאָל זיך טאַקע אויך געפינען דער פעלז, פון וועלכן מאַכ־מעד איז רייטנדיג אַרויף אויפ'ן הימל... אָבער גראָדע דער זעלביגער פעלז איז „הייליג" ביי די אידישע פאַנאַטיקער, ווייל אויף אים האָט, הייסט עס, אברהם געזאָלט האָבן געבראַכט יצחק'ן צו דער עקידה...

ניט גענוג דער באַרבאַרישער פלאַנטער צווישן צוויי רעליגיעס, איז אין פּאַלעסטינע זייער ברייט צעליגט די קריסטלעכע רעליגיע, מיט איר „גאָט", וועלכער איז, הייסט עס, געבוירן געוואָרן אין בית־לחם, לעבן ירושלים, און וואו די „מוטער" מיט די „אַפּאָס־

טאָלן" האָבן ארומגעוואַנדערט. פּאַלעסטינע איז ביי די קריסטן „דאָס הייליגע לאַנד", און איז פול מיט אַלערליי „הייליגע" קלויסטער־געביידעס, וואָס זיינען אין משך פון הונדערטער יאָרן אויסגעבויט געוואָרן. די אַרמייען פון די קרייץ־צוגן, וועלכע האָבן—צווישן די יאָרן 1096 און 1099—מאַרשירט אויף פּאַלעסטינע, כדי צו „באַפרייען" דאָס „הייליגע לאַנד" פון די דעמאָלטיגע עגיפּטישע הערשער, האָבן געבראַכט חורבן די פאַרשיידענע לענדער אויף זייער וועג קיין פּאַלעסטינע, און האָבן אין משך פון אַכט און אַכציג יאָר פון זייער הערשאַפט—פון 1099 ביז 1187—געהאַלפן נאָך מער פאַרוויסטן און פאַרפּעסטן דאָס „הייליגע לאַנד". זינט דעם אָנהויב פון פערטן יאָרהונדערט האָבן זיך אָנגעהויבן ציען קיין פּאַלעסטינע קריסטלעכע פּיליגרימען־קאַראַוואַנען — קיין בית־לחם און נצרות (נאַזאַרעט), וואו יעזוס זאָל האָבן געוואוינט,—פּונקט ווי עס ציען זיך אידישע און מוסולמאַנישע פּיליגרימען־פאַנאַטיקער צו זייערע „הייליגע" ערטער אין דעם „הייליגן" לאַנד.

ווי גרויס איז פּאַלעסטינע?

די געשיכטע פון פּאַלעסטינע און איר „הייליגער" כאַראַקטער האָבן, ווי געזאָגט, ביינעשטייערט צו אירע מדבריות און זומפּן. אַזוי אַז ווי קליין דאָס לאַנד זאָל ניט זיין, פאַרמאָגט עס די גרעסטע פּאַפּירוס־זומפּן אין דער וועלט און פּראָפּאָרציאָנעל ריזיגע שטרעקעס וויסט לאַנד, וואָס קאָן ניט באַנוצט ווערן פאַר אַגריקולטור. דער וואַרבורג־מעלטשעט באַריכט*), וועלכער דערציילט וועגן די זומפּן, כאַראַקטעריזירט דעם באָדן אין פּאַלעסטינע אַזוי:

„חוץ די מענטשלעכע און פינאַנציעלע פּראָבלעמען, וואָס די קאָלאָניזיר־אַרבעט באַגעגנט, עקזיסטירט אַן אַנדער שווערינקייט פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע, און דאָס איז די אומפּרוכטבאַרקייט פון דעם באָדן, וועלכער קען אין געוויסע געגנטן גאַרניט באַוואַסערט ווערן. דער וואַסער־זאַפּאַס פון לאַנד איז באַגרעניצט, מיט'ן אויסנאַם פון ירדן־טאָל, א טייל פון עמק, און אַן אומבאַשטימטער, הגם באַדייטנדיגער, שטח פון דעם ברעג־פּלעין, מוז די לאַנדווירטשאַפט בכסדר געפירט ווערן אויפ'ן באַזיס פון טרוקענער לאַנדבאַאַרבעטונג, און דאָס איז ריכטיג בנוגע דעם סאַמע גרעסטן טייל פון לאַנד (ז. 50).

פּאַלעסטינע פאַרמאָגט כמעט אינגאַנצן קיין וואַלד ניט (דאָרט,

---

*) זע „וואַרבורג־באַריכט", זייט 155.

ז. 131). דאָס זייער־קליינע לאַנד פאַרמאָגט די גרעסטע פּאַפּירוס־זומפּן אין דער וועלט, אין דעם כולע פּלעין. די געגנט איז שטאַרק פאַרפּעסטעט, און אירע זומפּן זיינען פון אזא פאַרנעם און כאַראַק־טער, אַז אין קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען קען מען ניט טראַכטן פון אויסטריקענען זיי, דאָס וואָלט אָפּגעקאָסט צווישן פיר און זעקס מיליאָן דאָלאַר. יעדער געוואונענער אַקער לאַנד וואָלט אויף אזא אופן אָפּגעקאָסט 468 דאָלאַר... (דאָרט, ז. 59־60).

די שאָ־קאָמיסיע*) גיט וועגן דעם באָדן פון פּאַלעסטינע אזא אָפּשאַצונג:

„הגם פּאַלעסטינע איז קליין אין שטח, פאַרמאָגט זי א קאָלעקציע פון געאָגראַפישע דעטאַלן, און פון באָדן און קלימאַט — גרעסער ווי דאָס איז דער פאַל מיט לענדער, וואָס זיינען פיל מאָל אַזוי גרויס אין פאַרנעם. צו דרום און דרום־מערב געפינען זיך גרויסע שטרעקעס זאַמד־דונען און מדבר. דער איבעריגער שטח טיילט זיך איין אין דריי פּאַסן—דער בערג-פּלעין, די באַרגיגע געגנט, און דער ירדן־טאָל.

„ליינג־אויס דעם מערב־טייל פון ברעג, ליגט א פּאַס פּרוכטבאַרער פּלעין פון זאַמד און זאַמדיגן באָדן. צו דרום־צו פאַרמאָגט דער פּאַס א ברייט פון 20 מייל, אָבער וואָס העכער אויף צפון ווערט דער פּאַס אַלץ שמעלער, אַזוי אַז ביים קאַרמל־באַרג, לעבן חיפה, זיינען שוין די בערג אינגאַנצן א פּאָר הונדערט יאַרד פון ים. העכער פון קאַרמל בריטערט זיך דער פּלעין ווידער אויס, אָבער די געגנט איז זומפּיג און פול מיט מאַלאַריע". (זז. 6־7).

זומפּן, זאַמדן, מדבריות'ן, שטייניגער באָדן, באָדן אָן וואַלד, אָן וואַסער—דאָס איז די „קאָלעקציע", וואָס מוז אַרויסנעמען פון רעכענונג א באַדייטנדיגן טייל פון דעם קליינעם לאַנד און וואָס לאָזט איבער ווייניג קולטיווירבאַר לאַנד פאַר די נויטן פון דער באַפעל־קערונג.

איידער מיר שטעלן פעסט דעם שטח קולטיווירבאַר לאַנד, איז נויטיג צו קריגן א באַגריף ווי גרויס פּאַלעסטינע איז אינגאַנצן. און דאָ שטויסן מיר זיך גלייך אָן אויף דעם ציפערן־פּלאָנטער, מיט וועלכן פּאַלעסטינע, און כמעט אַלץ אין פּאַלעסטינע, צייכנט זיך אויס.

די „ענציקלאָפּעדיא בריטאַניקאַ" זאָגט: עטוואָס העכער פון 9,000 קוואַדראַט מייל". די ענגלענדער ליוק און קיט ראָוטש, אין זייער „האַנט־בוך פון פּאַלעסטינע" זאָגן: 10,000 ק. מ. לאָרד סטענ־האָופּ האָט פעסטגעשטעלט: 8,528 ק. מ. די עקספּערטן פון דער

*) זע „שאָ־באַריכט", זייט 155.

וואַרבורג־קאָמיסיע גיבן אָן די ציפער—8,880 קוואַדראַט מייל. ניט געקוקט דערויף, וואָס דער וואַרבורג־באַריכט איז—מיט אַלע זיינע, פאַר די ציוניסטן, ביטערע פּילן—אָנגענומען געוואָרן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט דער קרן היסוד געגעבן סימפּסאָנ׳ען*) די ציפער 10,170 ק. מ.

מען מעג אָננעמען, אַז 9,000 קוואַדראַט מייל איז אין ערך דער שטח פון פּאַלעסטינע.

עס וועט גענוג זיין צו דערמאָנען, אַז ליטע פאַרמאָגט א שטח פון 20,550 קוואַדראַט מייל—כדי צו באַגרייפן ווי קליין פּאַלעסטינע איז...

דער אַלגעמיינער שטח זאָגט נאָך אָבער גאַנץ ווייניג. עס איז וויכטיג צו דערגיין וויפיל פון די 9,000 קוואַדראַט מייל, אָדער אַרום 25 מיליאָן דונאַם**) איז פּאַסיג פאַר אַגריקולטור. דאָ קומען מיר צו נאָך א גרעסערן ציפער־פּלאָנטער, ווי דער פריערדיגער.

זשאַבאָטינסקי האַלט, אַז צווישן 16 און 18 מיליאָן דונאַם זיינען גוט פאַר אַגריקולטור. קיין שום אָפיציעלער ציוניסטישער באַריכט האָט נאָך די ציפער קיינמאָל ניט אָנגעגעבן. צי זשאַבאָטינסקי האָט דאָ באַנוצט דעם טערקישן דונאַם, אָנשטאָט דעם מעטרישן, אָדער ער האָט אויך אין זינען געהאַט דעם באַדן אין טראַנסיאָרדאַניע—די רעוויזיאָניסטן האַלטן, אַז טראַנסיאָרדאַניע געהערט אויך צו פּאַלעסטינע—איז ניט באַקאַנט און ניט וויכטיג. די אָפיציעלע ציוניסטישע ציפער איז—צוועלף און א האַלב מיליאָן דונאַם קולטיווירבאַר לאַנד, דאָס הייסט—א העלפט פון דעם שטח פון פּאַלעסטינע. די עקספּערטן פון דער וואַרבורג־קאָמיסיע האָבן אָבער דערגרייכט א ציפער — 6,719,400 דונאַם, דערין העכער צוויי מיליאָן דונאַם לאַנד, וואָס קאָן ניט געאַקערט ווערן. לאַנד צום אַקערן איז אין פּאַלעסטינע, לויט דעם זעלביגן באַריכט, פאַראַן ניט מער ווי 4,665,100 דונאַם, אַרום א פינפטל פון דעם גאַנצן לאַנד־שטח אין פּאַלעסטינע. (אהער גייט שוין אויך אַריין 520,300 דונאַם לאַנד, וואָס קאָן ניט באַוואַסערט ווערן). דזש. ה. סימפּסאָן גיט אָן די אַלגעמיינע ציפער פון קולטיווירבאַר לאַנד אין פּאַלעסטינע — 6,544,000 דונאַם. עס קוקט דעריבער אויס, אַז די ציפער פון די וואַרבורג־עקספּערטן איז די ריכטיגסטע, ניט געקוקט דערויף, וואָס די ציוניסטן, וועלכע האָבן די ציפערן פון וואַרבורג־באַריכט ניט באַשריטן, האָבן געגן די ציפערן פון דזש. ה. סימפּסאָן אויפגעהויבן א מלחמה.

ווי אַזוי האָט זיך די אָרטיגע באַפעלקערונג צעטיילט מיט׳ן לאַנד?

---

*) זע „סימפּסאָן־באַריכט", זייט 155.

**) א דונאַם איז ווייניגער ווי א פערטל (.23) פון אַן אַקער.

איז דאָ גענוג לאַנד פאַר די פעלאַכן (פּוערים)? איז דאָ פריי לאַנד פאַר קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע? דאָ מוזן מיר פריער זען ווי גרויס די באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע איז.

די באַפעלקערונג

די זעלביגע סיבות, וואָס באַוועגן די ציוניסטן „אויסצוציען" דעם שטח פון דעם פּאַלעסטינער באָדן—באַזונדערס, פון קולטיוויר־באַרן—אויף צו להכעיס די פאַקטן, באַוועגן אויך די ציוניסטן צו „פּאַרקלענערן" די באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע. ציוניסטן הערן ניט אויף צו ריידן וועגן „זעקס הונדערט טויזנט" אַראַבער אין פּאַלעס־טינע, הגם די ציפער איז אַלט צען יאָר (צענזוס פון 1922), און אויך דעמאָלט איז די ציפער געווען ריכטיג נאָר בנוגע די מוסולמאַנישע אַראַבער אַליין (590,890). חוץ זיי, איז אין 1922 געווען אין פּאַ־לעסטינע 82,498 קריסטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען מאַסן אַראַבער, פון קריסטלעכן גלויבן.

די ציוניסטן זיינען געווען געגן דעם צענזוס פון 1931. די רעווי־זיאָניסטן, וועלכע האָבן אַלע מאָל אויפ'ן צונג, וואָס ביי די אַנ־דערע ציוניסטן איז אויפ'ן לונג, האָבן אָפן אַגיטירט, אַז מען זאָל זיך ניט לאָזן ציילן... און די רעזולטאַטן פון דעם צענזוס האָבן באַ־וויזן, אַז די ציוניסטן האָבן געהאַט זייער וואָגיגע סיבות פאַר ניט לאָזן פעסטשטעלן די מער־וויינ גענויע ציפער פון דער פּאַלעסטי־נישער באַפעלקערונג.

לויט'ן צענזוס זיינען צום סוף 1931 געווען אין פּאַלעסטינע (לויט דער רעליגיע):

מאַכמעדאַנער — — — — — — —	759,952
אידן — — — — — — — — — —	175,006
קריסטן — — — — — — — — —	90,607
אַנדערע*) — — — — — — — —	9,589
צוזאַמען —	1,035,154

לויט'ן געשלעכט טיילט זיך די באַפעלקערונג:

מענער — — — — — — — — —	526,078
פרויען — — — — — — — — —	509,076

*) אהער גייען אריין „ניט־גלויביגע" און, מעגלעך, אנדערע „גלויביגע". אַ דעפּעשע אין ניו יאָרק „טיימס" פון 11טן דעצעמבער (1931) גיט אָן די צאָל גלויביגע אויף ניט מער ווי 600, און פאַרשווייגט די קאַרגע ניין טויזנט אַנדערע.

פון דעם העכער אַ מיליאָן איינוואוינער אין פּאַלעסטינע, זיינען 387,525 (37 פּראָצענט) שטאָטישע איינוואוינער און 647,629 איינוואוינער אין די אַגריקולטור געגנטן (63 פּראָצענט).

די באַפעלקערונג אין די גרעסערע שטעט:

ירושלים	90,526
יפו	51,876
חיפה	50,869
תל־אָביב	46,109

דער אומנאָרמאַל־גרויסער פּראָצענט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין אַזאַ אַגריקולטור לאַנד ווי פּאַלעסטינע, נעמט זיך אָן ספק דערפון, וואָס די שטעט זיינען צום מייסטן עקאָנאָמיש קינסטלעכע: זיי ציען ניט זייער יניקה פון דער אָרטיגער עקאָנאָמיק, נאָר לעבן פון אויסלאַנד. דאָס איז באַזונדערס ריכטיג בנוגע דער „הייליגער שטאָט" ירושלים—„הייליג" פאַר דריי רעליגיעס—און בנוגע דער ציוניסטישער, קינסטלעך-אויפגעבויטער, „הויפּט־שטאָט", תל־אביב. עס ווערט געגעבן אַנצואווייזן, אַז אין ירושלים האָבן זיך אין 1930 געפונען—לויט'ן באַריכט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אויפ'ן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין באַזל—5,189 אידישע אַרבעטער, און אין תל־אביב מיט יפו צוזאַמען—6,695...*)

אַ פאַרגלייך פון דעם צענזוס פון 1931 מיט'ן צענזוס פון 1922 איז דאָ וויכטיג, מען זאָל זען דעם וואוקס פון די באַזונדערע צענזוס־קאַטעגאָריעס פון דער באַפעלקערונג.

צענזוס־קאַטעגאָריע	1922	1931	וואוקס	פּראָצענט
מאַכמעדאַנער	590,890	759,952	169,062	29
אידן	83,794	175,006	91,212	106
קריסטן	82,498	90,607	8,109	9

מיר זעען דאָ, אַז די אידישע באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע האָט אין די ניין יאָר געהאַט אַ באַדייטנדיגן וואוקס, פּראָצענטועל—דעם גרעסטן. דאָס נעמט זיך פון דער גרויסער אימיגראַציע אין די יאָרן 1925—1926 („פערטע עליה"), אַן אימיגראַציע, וואָס איז פאָרסירט געוואָרן אין פּעריאָד פון דער גרעסטער „פּראָספּעריטי" אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. דאָ מוז אָבער, ערשטנס, גענומען ווערן אין אַכט, אַז די אימיגראַציע איז זינט 1926 שאַרף געפאַלן, און איז

*) גענויערער אַנאַליז פון דעם „ישוב" אין קאַפּיטל: „די אידישע חיים פון אינעווייניג".

די לעצטע צייט אָפּגעשטעלט געוואָרן*). עס מוזט אויך גענומען ווערן אין אַכט דער פאַקט, וואָס דער ציוניסטישער צוועק פון דער אימיגראַציע איז—זיך צו דערשלאָגן, סוף־כל־סוף, א אידישע מערהייט אין פּאַלעסטינע. די ציפערן ווייזן אָבער, אַז די יאָרן פון דער גרעסטער אידישער אימיגראַציע אין פּאַלעסטינע, צוזאַמען מיט'ן נאַטירלעכן וואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג, האָבן געבראַכט א צוואוואוקס, וואָס איז, אין דער צאָל מענטשן, געווען עטוואָס מער ווי א העלפט פון דעם צוואוואוקס פון דער מאַכמעדאַנישער באַפעלקערונג אליין, אָדער א העלפט פון דעם וואוקס פון דער גאַנצער ניט־אידישער באַפעלקערונג. אין די ניין יאָר איז דער צוואוואוקס אָנגעיאָגט געוואָרן קוים אויף א העלפט—אָפּגערעדט פון אָניאָגן אויך עטוואָס אויף דעם „קרן".

ציוניסטן האַלטן, אַז חוץ די 175,006 אידן זיינען פאַראַן נאָך א געוויסע צאָל, „קעמפּנדיגע רעוויזיאָניסטן", וועלכע האָבן זיך פאָרט ניט געלאָזט אָפּציילן. מען קען זיך משער זיין, אַז די צאָל איז דאָ פון קנאַפּער באַדייטונג, ווייל אויף וויפיל די אידישע באַפעלקערונג איז צום מייסטן א שטאָטישע, אָדער זיצט אין באַשטימטע קאָלאָניעס, איז שווער געווען אויסצומיידן די ציילער. עס איז אָבער ריכטיג, אַז די ניט־אידישע באַפעלקערונג איז דאָס מאָל, ווי אין 1922, ניט איינגאַנצן געציילט געוואָרן, ווייל צווישן די בעדואינער הערשט א פאָראורטייל נעגן לאָזן זיך ציילן, און זיי איז ניט שווער אויסצומיידן די אַגענטן פון דער צענזוס־קאָמיטע**).

ווי דאָס זאָל ניט זיין—אין פּאַלעסטינע געפינט זיך א באַפעלקערונג פון אַן ערך א מיליאָן מיט פופציג טויזנט איינוואוינער. דאָ בעט זיך ווידער א פּאַראַלעל מיט ליטע, וואו עס געפינען זיך העכער צוויי מיליאָן איינוואוינער***). אזוי ווי דער שטח פון ליטע איז העכער צוויי מאָל אזוי גרויס ווי דער שטח פון פּאַלעסטינע, ווי מיר האָבן פריער געזען, איז קלאָר פון אויבן־אויף, אַז אויב עס וואָלטן אפילו אין פּאַלעסטינע ניט געווען קיין וויסטענישן און זומפּן, און אויך ניט קיין מאַנגל אין וואַלד און וואַסער,

*) זע טאַבעלע וועגן אימיגראַציע און עמיגראַציע אין פּאַלעסטינע אויף זייט 157.

**) די צאָל בעדואינער וואָלט זייער וויכטיג געווען פעסטצושטעלן צוליב טעמים, וואָס ווערן באַרירט ווייטער. אין 1922 האָט דער צענזוס אָנגעגעבן די בעדואינישע באַפעלקערונג אויף 103,331.

***) ליטע האָט לויט דער ציילונג פון סעפּטעמבער 1923 געהאַט 2,011,173 איינוואוינער.

וואָלטן מיר אויך געהאַט צו טאָן מיט א לאַנד, וואָס איז *באזעצט* אַזוי געדיכט ווי ליטע. און ווער קאָן זאָגן, אַז ליטע איז א לאַנד פאַר אימיגראַציע? ווער קאָן זאָגן, אַז אין ליטע זיינען פאַראַן באַדייטנדיגע שטח'ן ערד פאַר קאָלאָניזאַציע?

פעלאַכן און קאָלאָניסטן

עס ווערט גלייך קלאָר, אַז אין פאַלעסטינע, וואו בלויז א *פינפטל* פון דעם באָדן קאָן באַנוצט ווערן צום אַקערן, און אין בעסטן פאַל קאָן באַאַרבעט ווערן—א פערט־חלק, איז *אַן אומגליק מיט פרייער ערד.*

עס שטעלט זיך גלייך די פראַגע: ווי אַזוי קומט די פויערים־באַפעלקערונג אויס מיט אַזא קליינעם שטח קולטיווירבאַר לאַנד? גייען מיר צו נעענטער צו דער דאָרפישער באַפעלקערונג, שטויסן מיר זיך גלייך אָן אָן דער ערד־פראַגע — *די אַקס אַרום וועלכער עס דרייען זיך די געשעענישן אין פאַלעסטינע.*

וויפיל זיינען אין פאַלעסטינע פאַראַן פעלאַכן (פויערים)?

דאָס איז וויכטיג פעסטצושטעלן, אויב מען וויל וויסן גענויער, צי עס איז פאַראַן גענוג לאַנד פאַר דער אָרטיגער באַפעלקערונג. די ציוניסטן, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, באַמיען זיך צו אָנגעבן אַלץ קלענערע ציפערן וועגן דער אַראַבישער לאַנד־באַפעלקערונג. ווען די שאָ קאָמיסיע האָט אָנגעגעבן, אַז אין פאַלעסטינע זיינען פאַראַן אויפ'ן לאַנד 460.000 אַראַבער, חוץ בעדואינער, און זיינען איינגעטיילט אין 92,000 פאַמיליעס, האָט דער מעמאָראַנדום פון דער אידישער אַגענטור די ציפער שאַרף באַשטריטן, הגם קיין אייגענע ציפערן האָט דער מעמאָראַנדום ניט אָנגעגעבן. מען האָט זיך סתם געדונגען. אָבער פון דעם צענזוס פון סוף 1931 זעט מען, אַז די אַגריקולטור־באַפעלקערונג מאַכט אויס 647,629. ווען מען זאָל רעכענען, אַז ביי די בעדואינער איז דער נאַטירלעכער וואוקס פון דער באַפעלקערונג זינט 1922 געווען אַזוי גרויס ווי ביי דער איינגעזעסענער אַראַבישער באַפעלקערונג—א ריינער צואוואוקס פון 26 פער טויזנט יערלעך—וועט אויסקומען, אַז אין פאַלעסטינע געפינען זיך איצט, אין קיילעכדיגע ציפערן, אַרום 125,000 בעדואינער. דאָס לאָזט איבער פאַר דער איינגעזעסענער דאָרפישער באַפעלקערונג—העכער 520,000. נעמען מיר אַראָפּ דערפון די 30,000 אידישע אַגריקולטור־איינוואוינער*), באַקומט זיך

*) גענויער וועגן דער אידישער באַפעלקערונג אויפ'ן לאַנד, זע קאַפּיטל: „די אידישע היים פון אינעווייניג", ז. 74.

490,000 פאַר דער אַראַבישער דאָרף־באַפעלקערונג—אַ פיל גרעסערע ציפער, ווי די שאָ־קאָמיסיע האָט אָנגעגעבן (און די שאָ־קאָמיסיע איז געווען ליבעראַל צום ציוניזם ניט נאָר בנוגע דער ציפער, נאָר אויך בנוגע דעם שטח לאַנד פון פאַלעסטינע).

אָבער די בעדואינער מוזן גערעכנט ווער־רען. די ציוניסטן האָבן פיינט צו רעכענען די בעדואינער. דאָס זעלביגע מיט די ענגלישע קאָמיסיעס (איינגעשלאָסן דעם „לייבאָר" מיטגליד פון דער שאָ־קאָמיסיע, הערי סנעל). די ציוניסטן לאָזן אויס די בעדואינער, סיי ביים באַטראַכטן דעם שטח לאַנד, וואָס מען דאַרף האָבן פאַר דער אָרטיגער באַפעלקערונג, סיי ביים מאַכן דעם רע־כענונג פון דעם פּראָצענטועלן באַטרעף פון דער אידישער באַפעל־קערונג. פון אַזעלכע „רעכענונגען" קאָן אָבער קיין גוטס ניט אַרויס־קומען. אָפּגערעדט פון דעם „מאָראַלישן" ווערט פון אַזעלכע „רעכע־נונגען"—די בעדואינער, ווי ווער עס זאָל ניט זיין, וועלן זיך ניט לאָזן אָפּווישן פון דער ערד.

די אַראַבישע לאַנד־באַפעלקערונג אין פאַלעסטינע, אַראָפּרעכענענ־דיג די 30,000 אידן, וואָס וואוינען אין די אַגריקולטור־געגענטן, באַ־טרעפט דעריבער 617,629 נפשות. סימפּסאָן האָט אין זומער 1930 אָנגענומען די דעמאָלטיגע ציילונג פון געזונטהייט־דעפּאַרטמענט פון פאַלעסטינע, אַז די לאַנד־באַפעלקערונג, אַרום און אַרום, מאַכט אויס 605,029. הגם די פאַקטישע ציפער איז דעמאָלט געווים געווען גרע־סער—דאָ איז אַן אונטערשייד אין העכער 40,000 פון די ציפערן פון צענזוס אין סוף 1931, בעת דער ריינער נאַטירלעכער צוואוקס פאַר די אַכצן חדשים איז געווען אין ערך 22,000—וועלן מיר אָננעמען סימפּסאָנ'ס ציפערן, כדי צו זען זיינע אויספירן בנוגע דעם ערד־מאַנגל אין פאַלעסטינע.

סימפּסאָן רעכנט אַראָפּ פון דער ציפער 605,029 די לאַנד־באַפעל־קערונג פון בעירשעווא, ווייל דער דיסטריקט קאָן צוליב אַ גאַנצער ריי סיבות—כאַראַקטער פון באָדן, קלימאַט, בעדואינישע וואַנדערונג—ניט גענומען ווערן אין אַכט ווען מען רעדט וועגן קאָלאָניזאַציע.*) אין אַכט דאַרפן גענומען ווערן די אייגנטלעכע אַגריקולטור־דיסט־ריקטן פון פאַלעסטינע: 1) דער ים־ברעג, 2) דער אַקר־פּליין, 3) דער עזדראַעלאָן־טאָל, 4) דער כולע־פּליין, און 5) דער ירדן־פּליין. ווי מען נעמט אַראָפּ פון דעם אַלגעמיינעם רעכענונג פון 605,029 די לאַנד באַפעלקערונג אין בערשעווע—90,012—און די באַפעלקערונג

*) אויך דער וואַרבורג־באַריכט לאָזט אויס די געגנט.

אין די אידישע קאָלאָניעס — 36,627 *)—וועט אויסקומען, אז די אראבישע באפעלקערונג אין די פינף דיסטריקטן איז—478,390. אזוי ווי די דורכשניטלעכע גרויס פון אן אראבישער פאמיליע, לויט'ן באַ־ריכט פון געזונטהייט־דעפּאַרטמענט, איז 5.5, פּירט סימפּסאָן אויס, אז אין די פינף אגריקולטור־דיסטריקטן זיינען פאראן 86,980 אראַ־בישע פויערים־פאמיליעס.

סימפּסאָן ברענגט א באריכט, וועלכער האָט די ציוניסטן באַזונ־דערס אויפגעבראכט—אן אויספאָרשונג פון דער פּאַלעסטינע־רעגי־רונג וועגן דעם עקאָנאָמישן צושטאנד אין 104 דערפער, וואָס שטעלן פאָר דעם פּנים פון דער אראבישער לאנדווירטשאפט. די אויספאָר־שונג האָט באוויזן, אז פון די 23,573 פאמיליעס, וואָס האָבן אין די דערפער געוואוינט, זיינען 6,940 פאמיליעס — 29.4 פּראָצענט — א י נ ג א נ צ ן א ָ ן ע ר ד. די ענגלישע רעגירונג האָט די ציפער 29.4 פּראָצענט פויערים אָן ערד—אָנגענומען. פאספילד'ס ווייסער פּאַפּיר**) רעדט וועגן דעם. אויף וויפיל קיין גענויע ציילונג פון די ערדלאָזע פויערים־פאמיליעס איז ניטאָ—און צוליב פארשטענדלעכע סיבות!—קענען די ציוניסטן די ציפער באשטרייטן, הגם די פאקטן ריידן פאָר איר.

קיין ערד איז ניטאָ. עס פעלט ערד. האָט מען אין זינען, אז סימפּסאָן האָט ארום אכצן טויזנט אראבישע דאָרף־איינוואוינער פאר־ציילט, ווערט קלאָר, אז די לאגע איז נאָך ערגער, ווי ער שטעלט זי פאָר.

און ניט נאָר איז אין פּאַלעסטינע איצט א מאנגל אין ערד. אפילו מיט צען יאָר צוריק, איידער נייע זיבעציג טויזנט אידן האָבן זיך דאָרט באזעצט, איז דאָרט קיין ערד ניט געווען!

דער וואָרבורג־באריכט, אויף זייט 139, זאָגט דיפּלאָמאטיש:

„אין די באדינגונגען, וואָס האָבן עקזיסטירט נאָך דער מלחמה, איז פּאַלעסטינע ניט געווען קיין גינסטיגער פעלד פאר קאָלאָניזאציע —אפילו ווען איר שטח וואָלט געווען גרעסער און דער באָדן — פּרוכטבאַרער". (אונטערגעשטראָכן פון מיר.—פּ. נ.).

דער מאנגל אין ערד ווערט קלאָר פון די פאָלגנדיגע ציפערן, וואָס דער וואָרבורג־באריכט ברענגט (ז. 141):

„ווען מען זאָל נעמען אין אכט דאָס גאנצע קולטיווירבארע לאנד אין פּאַלעסטינע, וואָלט אויסגעקומען, אז עס וואָלט מעגלעך געווען צו פאנאנדערטיילן דעם באָדן אויף 33,000 באוואסערטע נאכלעס און 50,000 ניט־באוואסערטע".

*) 36,627 איז סימפּסאָנ'ס ציפער—אן איבערטריבענע (זע זייט 76).
**) זע: „פּאספילד ווייסער פּאַפּיר", זייט 155.

83,000 נאַכלעס (פּארמס) ארום און ארום—בעת בלויז די אראַבישע באַפעלקערונג אין די אַגריקולטור־דיסטריקטן—פּאַרמאָגט 86,980 פאַמיליעס! רעכנט מען אהער צו די 30,000 אידישע אגריקולטור־איינוואוינער, ווערט קלאָר, אַז טויזנטער אַראַבישע פאַמיליעס זיינען אָן לאַנד. גיט מען א טראַכט, אַז עס איז פאַראַן פּריציש ערד, וואָס שטייט ליידיג, און ליידיגע שטח'ן לאַנד, וואָס געהערט צו דער קירכע, ווערט קלאָר, אַז די לאַגע איז זייער אַ פאַרשאַרפטע!

מיר קומען דאָ צו צו דער סאַמע אַקס, ארום וועלכער עס דרייען זיך די געשעענישן אין פאַלעסטינע, צום צענטראַלן פּונקט פון דעם קאָנפליקט צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג, פון איין זייט, און די ציוניסטן און די ענגלישע אָקופּאַנטן, פון דער אַנדערער.

מיר קומען צו דער ערד-פראַגע אין פאַלעסטינע!

די אַראַבער

די בלוטזויגערישע ראָס פון עפענדי

„אַראַבער"—איז אַ זידל־וואָרט ביי די ציוניסטן און ביי „עכטע" אידן פון אַלע מינים. אַן אַראַבער איז אַן אכזר, אַ ווילדער מענטש, דאָס ערגסטע אין דער וועלט. ניט נאָר איז דאָס אַ „גוי", וואָס האָט ניט קיין „נשמה", נאָר פשוט אַ גנב, אַ גזלן, און אַן אומווירדיגע זאַך דערצו. גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס בעת דער פּאַלעסטינע־וואַק־כּאַנאַליע, ווען דער ציוניסט האָט געוואָלט צום טיפסטן באַליידיגן די קאָמוניסטן, האָט ער זיי אָנגערופן: „אַראַבער"...

די באַציאונג פון דעם ציוניסט צום אַראַבער, איז ווי די באַציאונג פון יעדן אימפּעריאַליסט צום „נעיטיוו", צום געבירטיגן. אַזוי קוקט דער ענגלישער אימפּעריאַליסט אויפ'ן געבירטיגן אין אינדיע און עגיפּטן, אַזוי קוקט דער יענקי־אימפּעריאַליסט אויפ'ן געבירטיגן אין ניקאַראַגואַ און האַוואַי, אַזוי קוקט דער יאַפּאַנעזישער אימפּעריאַליסט אויפ'ן געבירטיגן אין קאָרייע און מאַנדזשוריע. די „מיינונג" וועגן דעם געבירטיגן איז אַ באַרעכטיגונג פאַר דער אייגענער אויס־ראַטונג־פּאָליטיק. אויב דער „נעיטיוו" איז גאָר קיין מענטש ניט, אַ געפאַר פאַר דער „ציוויליזאַציע", מעג מען דאָך אים אויסראָטן—איז דאָך עס אַ מצוה! עס איז געגן די אינטערעסן פון אימפּעריאַליזם, אַז די אייגענע מאַסן זאָלן קענען דאָס לעבן פון די „נעיטיווס". עס איז דערום געגן די אינטערעסן פון ציוניזם, אַז די אידישע מאַסן זאָלן וויסן פון דעם לעבן און די ליידן פון די אַראַבישע מאַסן. דאָס וואָלט דערוועקט סימפּאַטיעס צו די אַראַבער, דאָס וואָלט באַוויזן, אַז דער ציוניזם איז עס איינע פון די סיבות, וואָס פאַרפינצטערן די אַראַ־בישע מאַסן דאָס לעבן.

אַ באַקאַנטשאַפט מיט'ן לעבן פון די אַראַבישע מאַסן, מוז גלייך פירן צו דער ערד־פראַגע אין פּאַלעסטינע—און דאָס טויג געוויס ניט פאַר'ן ציוניזם!

ערד, באָדן—אין דעם אָרימען פרוכטלאָזן לאַנד. 1,517,000 אַקער, אָדער 6,700,000 דונאַם, קולטיווירבאַר לאַנד אין גאַנץ פּאַלעסטינע.

ווי אזוי האָט זיך דער אַראַבישער פּויער „איינגעאָרדנט" אויף אָט־דעם לאַנד?

דער אַראַבישער פּויער האָט געוויינטלעך ניט קיין אייגענעם באָדן. דער באָדן געהערט צום פּריץ. ווי גרויס עס איז דער פּראָצענט פון פּויערים, וואָס האָבן זייערע אייגענע נחלות, איז אונז ניט באַקאַנט. אין די אַלע ספּעציעלע אויספאָרשונגען און דערקלערונגען—פון די ענגלישע און ציוניסטישע קאָמיסיעס און פאָרשטייער—איז ניט אויסגעקומען צו אָנשטויסן זיך אויף אינפאָרמאַציע וועגן דעם ענין. איינס ווערט אָבער צוגעגעבן פון אַלע זייטן, אַז די גרעסטע מערהייט פּויערים זיצט ניט אויף אייגענעם באָדן. דעריבער האָט מען עס אַזוי געלייגט גרויס געוויכט—מצד דער ענגלישער רעגירונג און אויך מצד די ציוניסטן, הגם צוליב פאַרשיידענע מאָטיוון—אויף די מיטלען צו באַשיצן אַרענדאַר־פּויערים (פאַכטער, טענענטס), וואָס זיצן אויף „פרעמדן" באָדן. עס זיינען פאַראַן אין פּאַלעסטינע עפענדים (פּריצים), וואָס פאַרמאָגן צענדליגער און הונדערטער טויזנטער דונאַם לאַנד, וואָס ווערט באַאַרבעט פון די פּויערים־אַרענדאַרן. אַזעלכע עפענדים זיינען—אָדער זיינען, טיילווייז, געוועזן—די סורסוקס, די פאַמיליע כורי לעבן חיפה. פיל פון די עפענדים זיינען אַזעלכע, וואָס לעבן אַליין אין אויסלאַנד. ווי דאָס איז דער פאַל מיט די סורסוקס*), און ציען קאַפּיטאַלן פון דער אַרענדע, וואָס די פּויערים צאָלן זיי. און דערפאַר ווייל קיין ערד איז ניטאָ, ווייל עס הערשט אַ ערד־הונגער, איז די עקספּלואַטאַציע פון דעם אַראַבישן פּויער אין דער פעאָדאַלער, פון ענגלאַנד באַהערשטער קאָלאָניע, פּאַלעסטינע, אין געוויסע פּרטים נאָך שאַרפער ווי אין אַנדערע קאָלאָניעס.

וועגן דער שוידערלעכער עקספּלואַטאַציע פון אַראַבישן פּויער איז פאַראַן אַ „רייכער" מאַטעריאַל. קיין אימפּעריאַליסטישע אויספאָרשונג, און אפילו ציוניסטישע פּאַבליִיט און שרייבער, האָבן ניט געקאָנט אינגאַנצן באַהאַלטן די פאַקטן וועגן דער מערדערלעכער עקספּלואַטאַציע פון דעם אַראַבישן פּויער. די ציוניסטן האָבן עס אָפּט געטאָן פון דעם „שטאַנדפּונקט" זייערן, אַז דעם אַראַבישן פּויער איז, ערשטנס, סיי־ווי ביטער, און אַז פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע קאָן ער, צווייטנס, געווינען. וועגן דעם—ווייטער. אָבער די לאַגע פון דעם אַראַבישן פּויער איז אין געוויסע פּרטים בולט אַרויסגעבראַכט געוואָרן.

*) טעאָדאָר הערצל, אין זיינע „טאַגעביכער" (יודישער פאַרלאַג", בערלין, 1922), רעדט וועגן דער פאַמיליע סורסוק, וואָס האָבן דורך זייערע אַגענטן אין פּאַריז שוין געזוכט צו פאַרקויפן ריזיגע שטרעקעס לאַנד אין פּאַלעסטינע. (זע ווייטער, ז. 57).

אַזוי שרייבט דער געזונטהייט־דירעקטאָר פון פאַלעסטינע:

„די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער אַגריקולטורעלער באַפעלקערונג איז אַ פאַרצווייפלטע. עס איז קוים פאַראַן אַן אַראַביש דאָרף, וואָס איז ניט איינגעטונקען אין חובות. די פעלאַכן זיינען אַזוי שטאַרק באַלאָדן מיט שטייערן, אַז עס איז זייער שווער פאַר זיי צו זאָלן דעם איסור.*) נאָכמער, נאָך אַ גלענצנדיג גערעטעניש האָבן זיי ערשט ניט קיין מעגלעכקייט צו פאַרקויפן זייער קאָרן, אָדער גרויפן, אָדער אייל. אין פופצן דערפער אין גאָליל, וואָס דער שרייבער האָט ניט לאַנג צוריק באַזוכט, איז געווען צו באַמערקן די זעלביגע פאַרצווייפלטע לאַגע. געלט איז אַזאַ זעלטענע זאַך, אַז די פויערים מוזן אין געוויסע ערטער קויפן זייער לעבנסמיטל דורך אויסטויש, און זייער איסור קענען זיי ניט צאָלן, סיידן דורך מאַכן וויטערע חובות. דאָס ברענגט דערצו, אַז זייער אַזוי אויך גרויסער חוב צום פראָצענטניק ווערט נאָך גרעסער... „מיר ראַנגלען זיך אַזוי אין טיפן וואַסער די לעצטע יאָרן און גאָר אין גיכן וועט דאָס וואַסער זיין איבער אונזערע קעפ", האָט מען מיר אין איין דאָרף דערקלערט, און אָט דאָס קען אָנגענומען ווערן ווי די טיפישע שטימונג פון אַלע דערפער**).

דר. ווילקאַנסקי, דער הויפט פון דער ציוניסטישער עקספערימענטאַלער אַגריקולטור־סטאַנציע, שרייבט אין זיינעם אַ בוך:

„...די דיעטע פון דעם פעלאַך איז אָרים און מאָנאָטאָן. זיין הויפט שפייז איז די „פיטעס" (אַזעלכע ניט־אויפגעגאַנגענע פלעצלעך, אָדער מצות), וועלכע ער באַקט יעדן טאָג. עטלעכע „פיטעס", מיט ציבעלע און רעטעך, אָט דאָס איז זיין עסן אין דער פרי און בייטאָג. געקאָכטע שפייז, „טאַביאך", עסט ער נאָר אין אָוונט. דער מאכל באַשטייט פון גראָזן—„הורבזא"—געווירצט מיט ציבעלעס און פעפער. ווען עס איז דער סעזאָן פון טאָמאַטן, עסט ער טאָמאַטן־סאַלאַד געווירצט מיט פעפער"... „...דער פעלאַך נוצט זייער ווייניג פלייש. אויף מכבד זיין געסט, קוילעט ער אַ קראַנקן שעפס, אָדער אַ קראַנקע עוף. ווען אַן אָקס, אָדער אַ קעמל, ווערט קראַנק און עס איז שוין ניטאָ מער קיין האָפנונג ער זאָל געזונט ווערן, עסט די פאַמיליע פלייש. אין אַזאַ פאַל איז די פאַמיליע מכבד דעם גאַנצן דאָרף מיט פלייש. אַמאָל, ווען די ווייב פאַרקויפט אויפ'ן מאַרק אירע עופות, קעז און אייער, קויפט זי איין אַ פאָר פיס, אַ קאָפ, אָדער ענלעכעס, און זי מאַכט דערפון אַ יום־טוב ווען זי קומט אַהיים".***)

*) אַ צענטל פון דער גערעטעניש (עשור).
**) סימפסאָנ'ס באַריכט, ז. 65.
***) ציטירט אין סימפסאָנ'ס באַריכט, זז. "6—66.

דער אַראַבער טרינקט זיך אין חובות

קלאָד פּ. סטריקלענד, אן ענגלישער רעגירונגס־עקספּערט שרייבט:

„...די אויפאָרשונג פון דזשאַן ה. סימפּסאָן און אַנדערע האָט באַויזן, אַז די אַראַבישע באַפעלקערונג האָט איצט ניט גענוג לאַנד אויפצוהאַלטן איר אַזוי אויך נידעריגן סטאַנדאַרד דורך די איצטיגע מעטאָדן פון אַגריקולטור, און אַז אַ גרויסע מערהייט פון פויערים־קלאַס איז טיף, אויב ניט האָפנונגלאָז, פאַרזונקען אין חובות. מיין אייגענע אויספאָרשונג פון דעם אַראַבישן דאָרף־איינוואוינער אין פּאַלעסטינע סוף זומער 1930, האָט מיר אויך געפירט צו די אייגענע אויספירן".

„... (דער אַראַבער) באָרגט ווען ער דאַרף צאָלן דעם לאַנד־שטייער, ער באָרגט ווען ער דאַרף קויפן ציגאַרעטן, אייראָפּייאישע קליידער, אָדער חתונה מאַכן זיין טאָכטער, און ער זעט פאַר זיך ניט קיין אויסוועג, חוץ גרעסערע חובות".

„... פיל פון די אַראַבער זיינען אייגנטלעך באַנקראָט, און לעבן מיט'ן חסד פון די פּראָצענטניקעס—געוויינטלעך, דער אַראַבישער הענדלער, וועלכער קויפט זיין גערעטעניש"*).

זייער אָפּט איז עס דער עפענדי, וועלכער איז אין דער זעלביגער צייט אויך דער פּראָצענטניק און ביי וועמען דער אַראַבער ווערט איינגעטונקט אין חובות. דער פּועל ציון ניר שרייבט וועגן דעם:

„דער פעלאַך קריכט אַלץ מער און מער אין יאָך, און פון זיין קליינעם חלק גערעטעניש קלעקט אים ניט צו צאָלן די פּראָצענטער,—ווערט צום צווייטן יאָר דער חוב גרעסער און מען מוז נעמען אַ נייע הלואה. דאָס דויערט אַזוי לאַנג, ביז דער פעלאַך ווערט אַן אמת'ער קנעכט פונ'ם עפענדי, וועמען ער איז נישט מער אימשטאַנד צו באַצאָלן זיין חוב. אַזוי אַרום ווערט דער פעלאַך, אָן ליַיב-אייגנטום, פאַרפעסטיגט צו איין עפענדי. ער האָט נישט קיין מעגלעכקייט איבערצוגיין צו אַן אַנדערן, ווייל דאַן פאַרקויפט דער עפענדי זיין האָב און גוטס. ער קאָן אויך נישט באַשעפטיגן זיך מיט קיין אַנדער אַרבעט, ווייל דאָס פעלד פון עפענדי וועט דאָך בלייבן אומבאַאַרבעט. די דאָזיגע לאַגע נוצט אויס דער עפענדי און דריקט נאָך מער דעם פעלאַך".**)

אין אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּאַלעסטינע, „האַלאַמאַן" („פּאָראויס"), שרייב טאַ געוועזענער פירער פון האַמדי על הוסיינים גרופּע „לינקע" נאַציאָנאַליסטן:

*) „קורענט היסטאָרי„ (מאָנאַטלעכער זשורנאַל פון דער „ניו יאָרק טיימס"), אַפּריל 1931.

**) ניר, „ווירטשאַפט און פּאָליטיק אין ארץ ישראל", וואַרשע, 1930.

„איך ווייס פון אַ רייכן הענדלער, וואָס האָט אויסגעליען איין דאָרף די סומע פון 500 פונט (2,500 דאָלאַר), אויף פינף יאָר צייט. נאָך דעם טערמין איז די סומע אויסגעוואַקסן אין 1,800 פונט סטערלינג (9,000 דאָלאַר). צוליב אַזעלכע וואוכערשע פּראָצענטן איז די באַפעלקערונג פון דאָרף געווען געצוואונגען צו פאַרקויפן אַלע פּראָדוקטן, אַנדערע האָבן אויך פאַרקויפט טיילן פון זייער באַלעבאַטישקייט, און דאָך האָט מען ניט געקענט דעם חוב אָפּצאָלן".

„אונזערע פּויערים שטאַרבן פון הונגער, די אימפּעריאַליסטן זויגן אויס זייער בלוט, די אַראַבישע פּריצים פאַרקויפן די אינטערעסן פון פאָלק. נאָר אַ רעוואָלוציע קאָן איבעראַנדערשן די לאַגע".*)

דאָס דאָזיגע עדות־זאָגן, פון פאַרשיידענע זייטן, קאָן געבן אַ געוויסן באַגריף וועגן דעם פינצטערן לעבן פון דעם אַראַבישן פּויער. אַ נעענטערן באַגריף וועלן אונז געבן די ציפערן פון דעם „איינקונפט" פון דעם אַראַבער, און די רעזולטאַטן פון זיין פאַרשולדיגטקייט און זיין באַנקראָט אויף זיין געזונט און לעבן. די קאָמיסיע וועגן די „עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון די אַגריקולטוריסטן" שרייבט:

„...ביז אין מיטן 1929 איז די ריינע הכנסה פון דער דורכשניטלעכער פּויערים־פאַמיליע געווען צווישן 25 און 30 פונט, און די פאַמיליע האָט באַוויזן צו לעבן אויף אַזאַ הכנסה. עס איז אָבער קלאָר, אַז עס זיינען געווען אַ סך פאַמיליעס, וועלכע זיינען געווען אין אַ וויניגער גינסטיגער לאַגע און זיינען געווען געצוואונגען, ענטוועדער צו אַראָפּלאָזן זייער סטאַנדאַרד אָדער אַריינגיין אין חובות**).

עס איז אָך און וויי, אַז אַ הכנסה פון 25—30 פונט אַ יאָר (125—150 דאָלאַר) ווערט גערעכנט פאַר וויפיל ניט איז גינסטיג. אָבער דער אמת איז, אַז אַזעלכע פּויערים־פאַמיליעס זיינען די „גליקלעכע". אויף דער אויספאָרשונג פון דער שאַ־קאָמיסיע האָט הערי סנעל, דער „לייבאָר"־מיטגליד, אַ פרעג געטאָן אין אַראַבישן עדות וויפיל עס איז דער דורכשניטלעכער פאַרדינסט פון אַ פּויערים־פאַמיליע. דער ענטפער איז געווען:

— פון 12 ביז 18 פונט אַ יאָר (פון 60 ביז 90 דאָלאַר).***)

מען דאַרף בלויז זען וויפיל פאַמיליעס עס זיינען פאַרטונקען אין חובות, כדי צו דערגיין, ווי גרויס די צאָל פון די „גליקלעכע" איז.

אין 1929 זיינען אין חיפה געווען 8,701 געריכטלעכע קלאַגעס וועגן חובות, און עס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן 2,756 אָרדערס אויף אַריינזעצן אין טורמע. אין דעם דיסטריקט אַרום חיפה געפינען זיך

*) ציטירט פון „קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל", נומער 13, 1930.
**) סימפּסאָן־באַריכט, ז. 68.
***) „אינפּרעקאָר", נומער 70, 1930.

13,560 פאַמיליעס. קומט אויס, אַז העכער 64 פראָצענט פון דער באַפעלקערונג (64.2) זיינען אַנגעקלאַגט געוואָרן צוליב חובות. און ווען מען נעמט נאָך אין אַכט, אַז אין דעם סוב־דיסטריקט פון חיפה געפינען זיך 20 פראָצענט אידן, וועלכע האָבן פון אַזעלכע לאָדעגישן ווייניג געליטן, דערזעט מען, אַז כמעט די גאַנצע אַראַבישע פויערים־באַפעלקערונג איז פארזונקען אין חובות (עס זיינען דאָך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן מיט'ן געריכט אין 1929 ניט געהאַט צו טאָן און זיינען דאָך געווען פארשולדיגט), און אַז די דערמאָנטע „גליקלעכע", וואָס פארדינען 125—150 דאָלאַר אַ יאָר, זיינען אַ מינדערהייט.

דאָ איז וויכטיג צו געדיינקען, אַז די ציפערן פון דער „הכנסה" פון דעם אַראַבישן פויער זיינען ניט געשטאַנען אויף אַן אָרט. זינט 1929 זיינען אַגריקולטור־פּראָדוקטן, צוליב דעם אַלוועלטלעכן אַגראַר־קריזיס, טיפער געפאַלן אין פּרייז (זיי זיינען ביז 1929 אויך געפאַלן). דאָס „לעבן" פון דעם אַראַבישן פויער איז, הייסט עס, געוואָרן נאָך ביטערער, פאַקטיש—אוממעגלעך!

ווידעראַמאָל: ניטאָ קיין ערד

די סיבות פון דעם אומגליקלעכן לעבן פון דעם אַראַבישן פויער זיינען דריי:

1) ער האָט ניט גענוג ערד.
2) ער צאָלט צו הויכע אַרענדע.
3) ער צאָלט צו הויכע שטייערן.

דער אַראַבישער פויער האָט ניט גענוג ערד. ווי מיר האָבן געזען (ז. 23), זיינען דאָ מאַסן פויערים, וואָס האָבן אינגאַנצן קיין ערד ניט. פויערים, וואָס האָבן ערד, האָבן ניט גענוג. סימפּסאָן, נאָכדעם, ווי ער רעכנט אַראָפּ די 29.4 פּראָצענט פון דער פויערים־באַפעלקערונג, וואָס האָט קיין ערד ניט, קומט צום אויספיר, אַז 61,408 אַראַבישע פויערים־פאַמיליעס באַארבעטן 5,644,000 דונאַם לאַנד, צו קאַרגע 92 דונאַם (91.9) פער פאַמיליע.*) אַזאַ רעכענונג איז אָבער אַ בוכהאַלטערישער, ווייל צוליב דעם דראַנג פון די ערדלאָזע און, נאָכמער, צוליב דעם אָנגריף פון די ציוניסטן אויפ'ן באָדן, איז דער דורכשניט ניט קיין באַשטענדיגער. כדי צו העכערן די אַרענדע, אָדער כדי צו קענען פארקויפן זיין לאַנד, לאָזט דער עפענדי אָפט שטיקער לאַנד שטיין ליידיג. אָפט פאַסירט עס צוליב דעם אַרעסט פון אַ פארשולדיגטן פויער. די קאָמיסיע וועגן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון דער אַגריקולטור־באַפעלקערונג דערציילט טאַקע, אַז אַן אויספאָרשונג פון

*) סימפּסאָן־באַריכט, ז. 64.

16,633 פויערים־פאַמיליעס האָט באַוויזן, אַז דער דורכשניט פּער פאַמיליע איז 75 דונאַם. אַן אויספאָרשונג פון 23,573 פאַמיליעס האָט באַוויזן, אַז נאָר 5,477 פאַמיליעס לעבן אינגאַנצן פון אַגרי־קולטור. פון זיי האָבן 3,873 פאַרמאָגט צו העכער 240 דונאַם לאַנד און 1,604 פאַמיליעס האָבן פאַרמאָגט יעדע צווישן 120 און 240 דונאַם.*) ווען מען רעכנט אַראָפּ דאָס הייפעלע „גליקלעכע" פּויע־רים, וואָס פאַרמאָגט עטוואָס מער ערד, קומט אויס, אַז דער באָדן־דורכשניט ביי די אָרימע פּויערים—די גרויסע מערהייט—איז ווייניגער ווי 75 דונאַם. פאַקטיש זיינען דאָ פּויערים, וואָס זייער גערונגענע, אָדער „אייגענע", „נחלה" פאַרנעמט אַזוי גרויס, ווי 10 דונאַם (וויי־ניגער ווי צוויי און אַ האַלב אַקער לאַנד).

ציוניסטן טענה'ן, אַז דער אומגליק ליגט אין דעם, וואָס דער אַראַבער אַרבעט מיט אַלט־פרייִנקישע מעטאָדן און דעריבער מוז ער האָבן אַ „סך" לאַנד. דער אַראַבער, הייסט עס, אַקערט מיט אַ „טשוואָק", ווייס ניט ווי צו באַגיין זיך מיט'ן באָדן, דעריבער איז ער אָרים. אפילו ווען אַלץ זאָל זיין פּונקט אַזוי, איז דאָס בשום אופן קיין אַרגומענט ניט. עס וואָלט געפּאַסט ווי דער אַראַבער וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון אָננעמען אַ טראַקטאָר, אָדער אַגראָנאָמישע הילף! עס איז דאָך אָבער ניטאָ ווער עס זאָל אים אַזוינס געבן אין אַ קאַפּיטאַ־ליסטישער סיסטעם.

עס וועט אָבער ניט שאָדן צו ברענגען עטלעכע פאַקטן וועגן די אַראַבישע מעטאָדן פון באַאַרבעטן דעם באָדן. זאָל ריידן דער ציו־ניסטישער עקספּערט, ווילקאַנסקי:

„...די גרויסע מעלה (פון'ם אַראַבישן אַקער) איז, וואָס ער שניידט דעם באָדן און קערט ניט איבער די צעאַקערטע שטיקער. ער דער־פילט—אמת, זייער פאַמעלעך, אָבער זייער גרינטלעך—אַלע פונקציעס, פאַר וועלכע עס איז נויטיג אַ קאָמבינאַציע פון מאָדערנע מאַשינען—אַ פלוג, אַ וואַל און אַ באָראָנע. זיין גרויסע מעלה איז, וואָס ער ברענגט ניט אַרויף די שטיקער, פרעסט ניט אַרויס, אָדער צעקוועטשט ניט, די פייכטע ערד"... "דאָס אַקערן פון דעם אַראַבער איז אויסער קריטיק. ער גרייט צו זיין פעלד פאַר'ן פאַרזיי קיינמאָל ניט ערגער, ווי די וואָס פאַרמאָגן די בעסטע מכשירים, און אַמאָל מאַכט ער עס נאָך בעסער פון זיי. דער חסרון ליגט נאָר אין דער פאַמעלעכקייט, וועלכע דאַרף געענדערט ווערן, כדי צוצופּאַסן דעם אַרבעט־פּראָצעס צו דעם שנעלן טעמפּאָ פון אונזער צייט".**)

*) דאָרט.
**) ציטירט לויט'ן סימפּסאָן־באַריכט, ז. 66.

דער אַטעסטאַט פון אַ ציוניסטישן עקספּערט מאַכט אַ סוף צו די איבערטרייבונגען וועגן דער אָפּגעשטאַנענקייט פון דעם אַראַבער. נאָך וויינינגער ווערט האָבן די אַרגומענטן, אַז דער אַראַבער איז פויל, אָדער האָט קיין שכל ניט פאַר דער אַרבעט. דאָס ווערט אָפּגעלייקנט פון אַלערליי אויספאָרשער. ווילקאַנסקי לייקנט עס, ווי מיר האָבן נאָר־וואָס אָנגעוויזן. אַז דאָס אַקערן נעמט אָפּ דעם אַראַבער מער צייט, ווי ווען ער וואָלט געהאַט מאָדערנע מאַשינען, איז קיין פראַגע ניט. איז דאָס זיין אומגליק. אַרבעט ער שווערער. אַז דער ענין מאַשינען האָט בכלל ניט צו טאָן מיט דער פראַגע, ווייל אין אַן אימפּעריאַליסטישער קאָלאָניע איז זינלאָז צו ריידן וועגן דעם, אַז ווער עס איז זאָל געבן דעם פויער מאָדערנע מאַשינען, האָבן מיר שוין באַמערקט. אָבער עס איז וויכטיג צו אונטערשטרייכן, אַז דער אַרגומענט וועגן דער אָפּגעשטאַנענקייט פון דעם אַראַבער ווערט אומישנע איבערגעטריבן, — כדי צו פאַרשטאַרקן דעם ציוניסטישן טעזיס, אַז די ציוניסטישע קאָלאָניזאַציע ברענגט דעם אַראַבער ליכט און אַ בעסער לעבן, און דער עיקר—כדי צו „באַווייזן“, אַז דער אַראַבער דאַרף „צופיל“ לאַנד.

וויפיל לאַנד מוז מען האָבן?

די וואַרבורג־קאָמיסיע זאָגט:

„וואָס שייך נעדיכט באַזעצן אידן אויף געקויפטן באָדן, איז עס הויפּטזעכלעך אַ פראַגע פון הוצאות. צי אַ קאָלאָניסט קויפט באָדן פאַר זיין אייגן געלט, אָדער פאַר׳ן געלט, וואָס די ציוניסטישע, אָדער אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע, האָט אים אנטליען, צי ער באַזעצט זיך אויף באָדן, וואָס ווערט געקויפט פאַר אים, אָדער אויף באָדן פון קרן קימת,—דער פּרייז פון קאָלאָניזירן אים איז צווישן 5,000 און 7,000 דאָלאַר. דאָס שליסט איין דעם פּרייז פון באָדן, לויט די עקזיסטירנדיגע פּרייזן, דעם נויטיגן לעבעדיגן אינווענטאַר, מכשירים, א. אז. וו., אַ הויז, אַ שייער, און דאָס אויפהאַלטן אים פאַר דער צייט, וואָס ער קען נאָך ניט פּראָדוצירן. די ציפערן זיינען מינימאַלע, אָננעמענדיג, אַז די פאַמיליע קאָן פּראָדוקטיוו באַזעצט ווערן אויף 100 דונאַם אין עמק. עס איז אָבער איצט פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז 100 דונאַם איז ניט גענוג“.

„פאַלעסטינער דערפאַרונגען האָבן באַוויזן, אַז די טרוקענע פאַרם דאַרף האָבן צווישן 40 און 80 אַקער, צי דאָס איז אין בערג־פּלעין, אָדער אין עמק, און אַז 60 אַקער איז אַ מער זיכערער לימיט ווי 40. וואו דאָס לאַנד קען קינסטלעך באַוואַסערט ווערן, איז נויטיג אַ פיל

קלענערע נחלה צו דערנערן אַ פאַמיליע. אין דעם איצטיגן מאָמענט טוען די אידישע קאָלאָניסטן נאָך די אַראַבישע אין דעם אופן פון באַוואַסערונג, באַזונדערס אין ניי-געפלאַנצטע אָראַנזש-גערטנער. די נחלות קענען באַדייטנדיג פאַרקלענערט ווערן, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז קינסטלעכע באַפרוכטיגונג קען באַנוצט ווערן".*)

דער ענין אידישע קאָלאָניזאַציע אין פאַלעסטינע ווערט באַהאַנדעלט אין אַ באַזונדער קאַפּיטל. דאָ איז וויכטיג פעסטצושטעלן וויפיל ערד אַ פאַמיליע מוז האָבן. מיר זעען, אַז דער וואַרבורג-באַריכט האַלט, אַז אויף 100 דונאַם קען אַ אידישער קאָלאָניסט, מיט אַלע מיטלען, וואָס די ציוניסטן שטעלן אים צו, ניט אויסשלאָגן זיין אויסקומעניש. דער באַריכט האַלט, אַז דער זיכערער לימיט איז 60 אַקער —העכער 240 דונאַם ! וואָס שייך באַוואַסערונג, זאָגט דער וואַרבורג-באַריכט, אַז אין גאַנץ פאַלעסטינע איז ניטאָ מער ווי 4,144,800 דונאַם לאַנד, וואָס קאָן באַוואַסערט ווערן, אָן ערך 60 פּראָצענט פון דעם קולטיווירבאַרן שטח. 2,084,300 דונאַם קאָנען אינגאַנצן ניט באַוואַסערט ווערן קינסטלעך. דער באַריכט רעדט וועגן באַדייטנדיג פאַרקלענערן די נחלות, ווען זיי קענען באַוואַסערט ווערן, אָבער—„באַדייטנדיג פאַרקלענערן" פון אַ לימיט פון 240 הייסט ניט אַרונטערגיין אונטער 100, אָדער אפילו אונטער 150.

דער בעסטער באַווייז איז דער פאַקט, וואָס די אידישע קאָלאָניסטן אין גאַליל, לויט די רייד פון דר. רופּין פאַר דער שאָ-קאָמיסיע, פאַרמאָגן אַ דורכשניט פון 250 דונאַם לאַנד יעדערער. אין אַלע קאָלאָניעס, אַלטע ראָטשילד-קאָלאָניעס און ציוניסטישע, איז דער דורכשניט פער נחלה—130 דונאַם.**) אָבער דאָס איז ניט גענוג. די אידישע קאָלאָניסטן אין פאַלעסטינע, אפילו די אַלטע, קענען נאָך עד-היום ניט שטיין אויף זייערע פיס. באַזונדערס איז דאָס ריכטיג בנוגע די ציוניסטישע קאָלאָניעס. (זע קאַפּיטל : „די אידישע היים פון אינעווייניג", ז. 74).

פון דעם אַלעם איז קלאָר, וואָס עס פאַסירט מיט אַראַבישן פויער, וועלכער האָט ניט קיין טעכנישע הילף, ניט קיין מאָדערנע מאַשינעס, ניט קיין הלוואות, וואָס מען דאַרף ניט אָפּצאָלן, און דאַרף זיך מיט זיינע מכשירים און מיט זיינע חובות אויסשלאָגן חיונה פון אַ נחלה, וועלכע איז, לויט סימפּסאָנ'ס בוכהאַלטערישן דורכשניט—92 דונאַם

*) וואַרבורג-באַריכט, ז. 67.

**) באַריכט פון דער שאָ-קאָמיסיע, ז. 121. דער אַלגעמיינער דורכשניט פון 130 דונאַם איז פעסטגעשטעלט געוואָרן פון די וואַרבורג-עקספּערטן. פונדעסטוועגן באַקלאָגט זיך דער ציוניסטישער באַריכט אין באַזל (ז. 187) פאַרוואָס סימפּסאָן האָט די ציפער אָנגעווענדעט פאַר אַראַבישע פויערים...

די גרויס, לויט׳ן פאַקטישן דורכשניט—75 דונאַם די גרויס, און וועלכע גרייכט, צווישן די אָרימסטע פויערים, די „גרויס" פון 10—15 דונאַם! דער קוואַל פון דעם פינצטערן לעבן פון דעם אַראַבער איז, אין דער ערשטער ליניע דער פאַקט, וואָס ער האָט ניט גענוג ערד. אָפּגערעדט פון דעם פויער וואָס האָט אינגאַנצן קיין ערד ניט.

דער עפענדי באַנוצט זיך דערמיט, וואָס קיין ערד איז ניטאָ און ער העכערט די אַרענדע — ניט געקוקט דערויף, וואָס די פּרייזן פון אַגריקולטור-פּראָדוקטן האַלטן אין פאַלן, און ניט געקוקט דערויף, וואָס דער פויער שלאָגט אויס, דורכשניטלעך, צווישן 60 און 90 דאָלאַר אַ יאָר פאַר זיין פאַמיליע און איז פאַרזונקען אין חובות. סימפּסאָן דערציילט אין זיין באַריכט:

„דער אַרענדע־פּרייז הויבט זיך אַלץ העכער; די, וואָס ווילן דינגען לאַנד, באַגעגענען אַלץ גרעסערע שוועריגקייטן דאָס לאַנד צו קריגן, און שלאָגן פאַר אַזאַ פּרייז, וועלכער קאָן אָפט ניט באַצאָלט ווערן— און עס זאָל דערנאָך בלייבן אַן איבערפלוס פאַר דער אויפהאַלטונג פון דער פאַמיליע, לויט אַ סטאַנדאַרד פון געהעריגן קאָמפאָרט. עס זיינען פאַרצייכנט געוואָרן פאַלן, ווען פעלאַכן, וואָס האָבן געוואָלט קריגן לאַנד, האָבן פאַרגעשלאָגן 50 פּראָצענט פון זייער פּראָדוקציע, מיט׳ן תנאי, אַז דער פּריץ זאָל צאָלן דעם איסור. די קאָמיסיע (די קאָמיסיע וועגן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון אַגריקולטור ביי דער פּאַלעסטינער רעגירונג — —פּ. נ.) גיט איבער, אַז די געוויינלעכסטע אַרענדע איז 30 פּראָצענט פון דער פּראָדוקציע, בעת דעם איסור צאָלט דער פויער, אָדער 40 פּראָצענט פון דער פּראָדוקציע, בעת דער פּריץ צאָלט דעם איסור... דער סאַמע געוויינלעכסטער פּרייז איז צווישן 100 און 150 מילס פאַר אַ דונאַם (צווישן 2 און 3 שילינג, אָדער 50 און 75 סענט). מיר האָבן פריער דערציילט, אַז די אַלגעמיינע הכנסה פון 100 דונאַם פעלד־פּראָדוקציע איז 32 פונט (אַרום 160 דאָלאַר). צו דריי שילינג אַ דונאַם, וועט די אַרענדע אויסמאַכן 15 פונט פון 100 דונאַם, דאָס הייסט — 47 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער הכנסה. איין פאַל האָט זיך באַוויזן אויף ערד, וואָס איז אַריבער אין רשות פון אידן, אָבער איז נאָך פון זיי ניט באַאַרבעט געוואָרן. די אַראַבער פון אַ דערבייאיגן דאָרף האָבן אָפּגעדונגען אין אַרענדע 5,600 דונאַם. ביז 1926־1927 האָבן די פויערים געצאָלט 20 פּראָצענט פון דער פּראָדוקציע, אין פּראָדוקטן. זינט דעמאָלט האָט מען פאַרדונגען דעם באָדן דורך ליציטאַציע (אָקשן), און אין 1927־1928 איז שוין דער פּרייז געווען—260 פונט, אין 1928־1929—400 פונט, און אין 1929־1930—525 פונט".*)

*) סימפּסאָן־באַריכט, ז.ז. 69—70.

סימפסאָן באַמערקט, אַז אויך דער לעצטער פּרייז (525 פונט) איז לויט די אָנגענומענע פּרייזן ניט קיין צו הויכער. דער גאַנצער ענין וועגן ערד, וואָס ציוניסטן פאַרדינגען אראַבישע פויערים, ברייננט אונז אריבער אין דער ספערע פון ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַ־לעסטינע, וואָס וועט באַהאַנדלט ווערן אין א ווייטערדיגן קאַפּיטל („דער ציוניסטישער אָנגריף”). אָבער די העכערונג אויף הונדערט פּראָצענט אין דעם פּרייז פון ערענדע אין משך פון דריי יאָר, איז אַ באַראָמעטער פון דער אַלגעמיינער סיטואַציע. מיר זעען דאָ, ווי ניט געקוקט אויף דעם אגראַר-קריזיס און דעם פאַלן פון פּרייזן אויף פּראָ־דוקטן, ווערט אויף אַ ווילדן אופן געהעכערט דער פּרייז פון ערענדע. דער פויער רייסט זיך צו באַקומען אַ שטיקל ערד, אפילו ווען ער ווייס, אַז מער ווי חובות און אומגליקן וועט ער פאַר זיין שווערער האָרעוואַניע ניט אַרויסקריגן. דער פאַקט דערציילט אונז ווידעראַמאָל אויף אַ שרייענדיגן אופן, אַז קיין ערד איז ניטאָ. דער פאַקט דער־ציילט אונז אויך, אַז דעם אראַבער ווערט ערגער, אַז זיין סטאַנדאַרד פאַלט.

דעם אראַבער ווערט אַלץ ערגער

איינער פון די באַווייזן, אַז דעם אראַבער ווערט ערגער, איז דער פאַקט, וואָס די דורכשניטלעכע גרויס פון דעם פויער'ס נחלה ווערט כסדר פאַרקלענערט. די סימפּסאָן-אונטערזוכונג האָט זיך כסדר אָנ־געשטויסן אויף דעם פאַקט. אין יעדן דאָרף האָבן די אראַבישע פויע־רים אָנגעוויזן דערויף. איינער האָט פאַרקויפט אַ טייל פון זיין באָדן כדי צו באַצאָלן חובות, אַן אַנדערער—כדי צו באַצאָלן רעגירונג־שטייערן, אַ דריטער—כדי צו דערנערן זיין פאַמיליע אַ שטיקל צייט.

דאָ זעען מיר דעמזעלבינן פּראָצעס, וואָס אין אינדיע און אין אַנ-דערע אימפּעריאַליסטישע קאָלאָניעס, אָדער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער בכלל. דעם פויער'ס נחלה ווערט אַלץ מער צוגעשניטן, צוליב פאַרטיילונג, אָדער געצוואונגענעם פאַרקויף, און ווערט אַלץ מער עקספּראָפּריאירט פון די פּריצים און קולאַקעס. אין פּאַלעסטינע האָבן מיר אָבער, חוץ דער עקספּלואַטאַציע פון די פּריצים (עפענדים) און דער אימפּעריאַליסטישער רעגירונג, אויך דעם אָנגריף פון ציו־ניזם אויף דעם פויער'ס שטיקל אָרים לאַנד—אָרים אין שטח און אויך אָרים אין קוואַליטעט.

אַ שרייענדיגער פאַקט פון דער פאַרערגערונג פון דעם לעבן פון דעם אראַבער, איז די פאַרגרעסערטע שטערבלעכקייט צווישן דער אראַ־בישער באַפעלקערונג. די אָפיציעלע ציפערן פון דער רעגירונג וועגן

דער שטערבלעכקייט אין פּאַלעסטינע, פּער 1,000 איינוואוינער, זיי־נען אזעלכע:

יאָר	אידישע באַפעלקערונג		מוסולמאַנישע באַפעלקערונג	
	אַלגעמיינע צאָל	קינדער־שטערבל.	אַלגעמיינע צאָל	קינדער־שטערבל.
1923	14.63	125.76	29.26	199.30
1924	12.6	105.7	29.9	199
1925	15.1	131.3	31.2	200.5
1926	12.1	108.1	28.6	172.5
1927	13.4	115.3	33	216.7
1928	12.1	95.8	35.1	203.5
1929	11.79	89.78	31.67	204.91

מיר זעען דאָ, אז בעת ביי דער אידישער באַפעלקערונג, וואו עס ווערן אָנגענומען ספּעציעלע מיטלען, וואָס רעפּלעקטירן גיט דעם אַר־טיגן עקאָנאָמישן לעבנס־סטאַנדארד (ציוניסטישע פאָנדן און הדסה־שפּיטאָלן, וואָס קומען פון אויסלאַנד), גייט די ליניע פון דער שטערב־לעכקייט־צאָל, מיט וואקלונגען, אַלץ אַרונטער,—גייט די זעלביגע ליניע ביי דער אראבישער באַפעלקערונג, מיט וואקלונגען, אַרויף. צווישן 1923 און 1929, ווען די שטערבלעכקייט ביי דער אידישער באַ־פעלקערונג איז געפאַלן, אין אַלגעמיין, פון קארגע 15 פּער טויזנט אויף קארגע 12 און, ביי קינדער, פון קארגע 126 פּער טויזנט אויף קארגע 90, איז די שטערבלעכקייט ביי די מוסולמאַנער געשטיגן— אין אַלגעמיין— פון העכער 29 פּער טויזנט אויף קארגע 32 און— ביי קינדער—פון העכער 199 אויף קארגע 205. (די גרעסטע צאָל אראבער זיינען מוסולמאַנער. די רעגירונג האָט איינגעטיילט די ציי־לונג לויט רעליגיעס. ביי די קריסטן—קריסטלעכע אראבער און קריסט־לעכע איינגעוואַנדערטע—קאָלאָניסטן, כלי קודש און אנדערע פּאַנאַ־טיקער,—איז דער שטערבלעכקייט־אינדעקס, צוליב די אויסלענדישע מיטלען, נידעריגער ווי ביי די מוסולמאַנער, הגם פיל העכער ווי ביי דער אידישער באַפעלקערונג—צוליב דעם, וואָס דער עלעמענט אראַ־בער צווישן די קריסטן איז א באַדייטנדיגער).

די שטערבלעכקייט־ציפערן זיינען א באַראָמעטער פון דעם פינצ־טערן לעבן פון דעם אראבישן פּויער, א רעזולטאַט פון פּריצישער און

אימפּעריאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און ציוניסטישן אָנגריף. דעם אַראַבער ווערט אַלץ ערגער.

אימפּעריאַליסטישע אויסזויגונג

די שווערע שטייערן, ווי עס איז שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט געוואָרן, זיינען שטיינער אויפ'ן האַלז פון אַראַבישן פויער. די אימפּעריאַליסטישע מאַכט אָריענטירט זיך אויפ'ן עפּענדי און העלפט אים אין זיין עקספּלואַטיר־אַרבעט. זי האָט אריינגעבראַכט אין פּאַלעסטינע די ציוניסטישע אַוואַנטיוריסטישע קאָלאָניזאַציע און האָט געהאָלפן פאַרשאַרפן דעם מאַנגל אין ערד. זי מאַכט שווערער די לאַגע פון דער באַפעלקערונג דורך גרעניץ־אַפּצאָל אויף מיטלען פון אַלגעמיינעם געברויך און רופט אַרויס אין לאַנד אַ יקרות—איינס פון די בלימעלעך פון דעם „לאַנד". זי דערלאָזט ניט קיין אָרטיגע אינדוסטריע אויף אַ געהעריגן מאַסשטאַב. דאָס זיינען אַלץ אַטאַקעס—מער־ווייניג אומדירעקטע. די דירעקטע אַטאַקע פון דער רעגירונג אויף דעם לעבן פון אַראַבער, טאָג־טעגלעך, דריקט זיך אויס אין—די שווערע שטייערן.

שטייערן זיינען אין פּאַלעסטינע פאַראַן דרייערליי: דער „איסור" (אַ צענטל פון דער גערעטעניש), די „ווערקו" (הויז און לאַנד שטייער), און דער „אַגנאַם" (שטייער אויף לעבעדיגן אינוועטאַר—שעפּסן, ציגן, קעמלען, א. א.). חוץ דער „ווערקו" פאַלט דער גאַנצער דירעקטער שטייער אויפ'ן דאָרף (וואַרבורג־באַריכט, זייט 65). דער פויער דאַרף צאָלן אָפט אַלע דריי שטייערן מיטאַמאָל — דעם „איסור", די „ווערקו", דעם „אַגנאַם".

עס איז אמת, אַז צוליב איר גרעסערן פאַרברויך פון אימפּאָרטירטע אַרטיקלען צאָלט די אידישע באַפעלקערונג גרעסערע שטייערן, ווי די אַראַבישע, מייסטנס—אומדירעקטע. די שאָ־קאָמיסיע האָט אויסגערעכנט, אַז די אידישע באַפעלקערונג צאָלט דער רעגירונג—יערלעך —אַרום 17 דאָלאַר פּער קאָפּ אין גרעניץ־אָפּצאָל און אין „ווערקו", בעת דער אַראַבער צאָלט אַרום צען דאָלאַר אין גרעניץ־אָפּצאָל אויף סחורות און אין דירעקטע שטייערן. אָבער מען דאַרף געדיינקען די מורא'דיג נידעריגע הכנסה פון אַראַבישן פויער, כדי צו באַגרייפן ווי שווער די שטייערן לייגן זיך אויף אים (צען דאָלאַר פּער קאָפּ, ניט פּער פאַמיליע!) דער דיסטריקט באַאַמטער פון דער ענגלישער רעגירונג אין יאַפאַ האָט צוגעגעבן, אַז עס מאַכן זיך פאַלן, ווען די גאַנצע גערעטעניש פון פויער ווערט צוגענומען פאַר שטייערן. דער איינציגער מיטל, וואָס דער שטייער־באַאַמטער פאַרמאָגט, איז — אַרויפלייגן די האַנט אויף דעם פויער'ס פּראַצע, און ער טוט עס. אין

אַזאַ פאַל ווערט אוועקגעשטעלט אַ וועכטער אַכטונג צו געבן, אַז דער פויער וועט גאָרניט פאַרקויפן, ביז דער שטייער וועט באַצאָלט ווערן. אָבער דאָס קאָסט דעם פויער ווידער געלט: דער וועכטער ווערט געהאַלטן אויף זיין רעכענונג. דער פויער, פאַרשטייט זיך, ווייס וואָס דאָס באַטייט — קריכט ער אַריין טיפער אין חובות, צאָלט הויכע פּראָצענטן (דרייסיג פּראָצענט איז דער דורכשניט אין פּאַלעסטינע, הגם דער געזעץ זאָגט, אַז מער ווי ניין פּראָצענט טאָר מען ניט נעמען), כדי פטור צו ווערן פון וועכטער.

די קאָמיסיע וועגן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון דער אַגריקולטור דערציילט, אַז בלויז די צוויי שטייערן, דער „איסור" און דער קאָפּ־שטייער אויף'ן לעבעדיגן אינווענטאַר, מאַכט אויס 19 פּראָצענט פון דער ריינער יערלעכער „הכנסה" פון דעם פויער! דער „איסור" איז די לעצטע יאָרן נאָך שווערער געוואָרן, צוליב דעם פאַלן פון פּרייזען. דער באַזיס פון דעם „איסור" איז אוועקגעלייגט געוואָרן לויט די פּרייזן פון די פיר יאָר 1924—1927. לויט דעם באַזיס האָט דער פויער געזאָלט צאָלן אַ צענטל פון זיין אַלגעמיינער הכנסה. אַזוי ווי אָבער די מאַרק־פּרייזן זיינען שאַרף געפאַלן, בעת דער „איסור"־פּרייז איז געבליבן דער זעלביגער, צאָלט איצט דער פויער ניט קיין צענט־חלק פון זיין — אַלגעמיינער! — הכנסה, נאָר אַ סך מער. צוזאַמען מיט די שטייערן, ווי מיר האָבן געזען, גיט אוועק דער פויער דער רעגירונג — ס'הייסט, זי רייסט אַרויס ביי אים,—אַרום צוואַנציג פּראָצענט, אָדער אַ פינפטל, פון זיין ריינער הכנסה, נאָכדעם ווי אַרענדע איז שוין אָפּגעצאָלט. אַזוי אַז די שאָ־קאָמיסיע איז געווען געצוואונגען צוצוגעבן, אַז די שטייערן זיינען איצט שווערער ווי בעת דער טערקישער הערשאַפט איבער פּאַלעסטינע!

און זינט די אַלע אויספאָרשונגען זיינען געמאַכט געוואָרן, איז די לאַגע געוואָרן ערגער.

די אַראַבער ווייזן מיט רעכט אָן, אַז צוליב דער „אידישער היים" גיט אויס די ענגלישע רעגירונג אין פּאַלעסטינע אַ סך געלט אויף פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע און תפיסות. גיט מען אַ קוק אויף די אויסגאַבן פון דער ענגלישער רעגירונג, וואַרפן זיך אָט־די הוצאות באַזונדערס אין די אויגן. אין דעם בודזשעט פאַר 1929, וועלכער האָט געהאַט אַן אַלגעמיינע הוצאה פון 2,579,787 פונט, זיינען די גרעסטע אויסגאַבן געווען אַזעלכע:

פּאָליציי, טורמעס און זשאַנדאַרמעריע — —	544,275	פונט
געזעלשאַפטלעכע אַרבעט — — — — —	474,526	"
אייזנבאַן און באַן־בויאונג — — — — —	392,192	"
פּאָסט, טעלעגראַף, טעלעפאָן — — — — —	144,478	"

דערציאונג — — — — — — — — — — — — 144,119 "
געזונט — — — — — — — — — — — — — 103,579 "

פון דעם אַלגעמיינעם בודזשעט איז העכער אַ פינפטל אויסגעגעבן געוואָרן אויף טורמעס, פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אין דער אַלגעמיינער סומע גייט אויך אַריין דאָס אויס־האַלטן די אייזנבאַנען, פּאָסט און טעלעפאָן, געזעלשאַפטלעכע אַר־בעט (בויען האַפנס, וועגן, א. א.). אפילו אין פאַרגלייך מיט די אויס־גאַבן, איז די הוצאה אויף פּאָליציי א. אז. וו. באַדייטנדיג גרעסער. ערשט ווען מען וועט אַ קוק טאָן וויפיל די „ציוויליזאַטאָרישע" רע־גירונג אין פּאַלעסטינע גיט אויס אויף בילדונג און אויף געזונט, וועט מען באמת קריגן אַ באַגריף ווי מורא'דיג גרויס עס איז די הוצאה אויף געוואַלט-מיטלען, כדי צו האַלטן די באַפעלקערונג אין צוים.

די באַפעלקערונג האָט זייער אַ סך גרונט אויף זיין אומצופרידן. דעריבער — די גרויסע אויסגאַבן פאַר רעפּרעסיווע צוועקן.

וועגן דעם געזונט־צושטאַנד פון דער באַפעלקערונג האָבן מיר פריער געקאָנט קריגן אַ באַגריף פון די ציפערן פון דער שטערבלעכ־קייט צווישן די אַראַבער. וועגן דעם צושטאַנד פון דערציאונג דער־ציילן אונז די פאָלגנדיגע ציפערן. בעת ביי דער אידישער באַפעלקע־רונג גייען כמעט אַלע קינדער אין שול (19,449 קינדער אין 1928־1929), ווייל די שול־סיסטעם ווערט באַזאָרגט כמעט אינגאַנצן דורך פאָנדן וואָס קומען פון „גלות" (די אויסגאַבן פון די שולן זיינען אין דעם דאָזיגן יאָר געווען 162,500 פונט, בעת די רעגירונג האָט מער ווי 20,000 פונט ניט בייגעשטייערט), זיינען נאָר דרייצן פּראָצענט פון די אַראַבישע קינדער (13.2) געגאַנגען אין שול! 12,539 אַראַ־בישע קינדער — פון העכער 95,000 — זיינען אין דעם יאָר באַ־זאָרגט געוואָרן. דער כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער שול, חדר, ישיבה, אָדער אַראַבישע שול, איז אַן אַנדער ענין, אָבער די „ציווילי-זירנדיגע" ענגלישע רעגירונג האָט אפילו קיין פאַרזוך ניט געמאַכט צו באַזאָרגן די קינדער פון איר קאָלאָניע מיט די מעגלעכקייטן צו אויסלערנען זיך לייענען און שרייבן.

אַנאַלפאַבעטיזם, אומסאַניטאַרישע באַדינגונגען, חובות איבער'ן קאָפּ, אַ געמאַטערט, פינצטער לעבן, טורמעס, פאַרפאָלגונג, פאַרגרע־סערטע שטערבלעכקייט — דאָס איז דער גורל פון דעם אַראַבישן פּויער. דער יאָך זיינער איז אַ פילפאַכער. ס'איז דאָ דער עפענדי, וועלכער ווערט געשטיצט פון דער אימפּעריאַליסטישער מאַכט, און ס'איז דאָ די גאַנצע פעאָדאַלע סיסטעם, וועלכע ווערט אַזוי היילים אָפּ־געהיט אין פּאַלעסטינע. די „ציוויליזירנדיגע" ענגלישע מאַכט האַלט אויס אויף איר רעכענונג דעם מופטי און שטיצט מיט אַלע מעגלעכ־

קייטן דעם גאַנצן רעליגיע־קולט. דער מופטי און דער שעיך זויגן אויס פון דעם אַראַבישן פויער דאָס ביסל מיטלען, וואָס דער עפענדי, דער פּראָצענטניק און דער שטייער־באַאמטער האָבן איבערגעלאָזט. דער אַראַבישער פויער איז געפּענטעט מיט קייטן פעאָדאַלע און קייטן „מאָדערנע", וואָס אַלע זיינען זיי אין די אינטערעסן פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם. און אַהער גייט אריין דער אימפּעריאַליסטישער אויפ־טו:

„אידישע היים".

צו וואָס דאַרף ענגלאַנד פּאַלעסטינע?

די „דייטשע היים"

אין פּאַלעסטינע געפינען זיך עטלעכע דייטשע קאָלאָניעס—„וויל-העלמינא" און נאָך עטלעכע — מאָנומענטן פון די פאַר־מלחמה־אַמ־ביציעס פון דייטשן אימפּעריאַליזם, דער פאַר־מלחמה'דיגער ביטער-סטער קאָנקורענט פון ענגלאַנד.

וואָס טוען דייטשע קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינע?

דער גייעג נאָך קאָלאָניאַלע לענדער צווישן די אימפּעריאַליסטישע מלוכות באַטייט אויך אַ גייעג נאָך פּאָזיציעס אַרום די לענדער, נאָך וועגן צו זיי. ענגלאַנד פאַרמאָגט אינדיע—„דער שענסטער ברילִיאַנט אין דער ענגלישער קרוין". דאָס איז אַ קאָלאָניע פאַר־עקסעלאַנס, מיט אַ ריזיגער באַפעלקערונג, וואָס שטעלט פאַר מיט זיך אַן אומגעהויער־גרויסן מאַרק, און מיט רוי־שטאָפן און נאַטירלעכע אוצרות, וואָס מען קאָן אַריינלייגן אין די אויסגעלײדיגטע שיפן, וואָס האָבן גע־בראַכט פון ענגלאַנד טעקסטילן און אַנדערע פאַבריקאַטן, און שיקן זיי אַהיים ווידעראַמאָל פולע. אָבער פון באָמבעי ביז ליווערפּול איז אַ גרויסער מהלך. ווען די וועגן וועלן ניט זיין קיין גוטע, אָדער זיי וועלן זיין אין די הענט פון שונא, איז קאַפּוט מיט'ן ברילִיאַנט. איז אַוועק אַ סדרה מאַנעווורירן פאַר פּאָזיציע, און טאַקע אין איין וועג פאַרכאַפּן נייע טעריטאָריעס.

האָט מען זיך באַפעסטיגט ביים שפּיץ פון דרום־אַפריקע, כדי צו זיין זיכער מיט'ן מאַגעלאַן־וועג צום אינדישן ים. און ווען דיזראַעלי האָט געמאַכט דעם גליקלעכן צוג און אָפּגעקויפט דעם קאָנטראָל אי־בער'ן סועץ־קאַנאַל, האָט דער דאָזיגער נאָענטסטער וועג קיין אינדיע געדאַרפט באַשיצט ווערן. האָט ענגלאַנד אין איין וועג אַ כאַפּ געטאָן עגיפּטן אויך, צוזאַמען מיט'ן קאַנאַל. זיינען געבוירן געוואָרן די פעס־טונגען גיבראַלטאַר און מאַלטא אין מיטללענדישן ים. איז געבוירן געוואָרן די פעסטונג אַדען (עדן) אויפ'ן וועג פון סועץ קיין באָמבעי. פון דער אַנדערער זייט האָט ענגלאַנד מאַנעווורירט מיט פּערסיע, מיט אַפגאַניסטאַן—און מאַנעווורירט עד־היום, אַלץ צוליב אינדיע, און—אויב עס לאָזט זיך—אין איין וועגס קריגן נאָך אַ „ספערע פון איינ־

פלוס". אין די מאַנעווערס איז אויך אריין דער פּלאַן פון א נעענטערן וועג קיין אינדיע—א דורכאויסיגן יבשה־וועג איבער פּאַלעסטינע, מעסאָפּאָטאַמיע (איראַק) און פּערסיע,—אָדער מיט'ן באַן ביז באסרא און פון דאָרט מיט'ן שיף קיין באָמבעי (זע די לאַנד־קאַרטע).

אָט טאַקע אין דעם דעליקאַטן אָרט—פאַר'ן ענגלישן אימפּעריאַליזם—האָט דער דייטשער אימפּעריאַליזם געהאַט באַשלאָסן אריינצושטעלן א פוס, כדי קאַליע צו מאַכן א קאָנקורענט און כדי צו קריגן עפּעס פאַר זיך. און אזוי ווי טערקיי איז געווען א פאַרבינדעטע פון דייטשלאַנד, איז געבוירן געוואָרן דער פּלאַן פון אן אייזנבאַן־ליניע: בערלין—באַגדאַד. דאָס וואָלט ניט נאָר געגעבן דייטשלאַנד א צוטריט נעענטער צום הארצן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, נאָר טאַקע אויך א היבשן מאַרק אין נאָענטן און מיטעלן מזרח. דערפאַר די דייטשע קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינע,—וואָס איז צוזאַמען מיט מעסאָפּאָטאַמיע, סיריע און גאַנץ אַראַביע געווען אונטער איין הערשאַפט פון טערקיי. אייגענע קאָלאָניעס באַדייט — אייגענע אַגענטן, אייגענע פּראָפּאַגאַנדיסטן. און דאָס באַדייט אויך, אז עס איז פאַראַן פאַר וועמען „אָנצונעמען זיך", שיקן קריג־שיפן...

פאַרשטייט זיך, אז מען האָט די דייטשע קאָלאָניסטן ניט געזאָגט, אז צוליב דעם דאַרפן זיי זיך באַזעצן אין פּאַלעסטינע. זיי וואָלטן מן־הסתם ניט געפאָרן. האָט מען זיי געווים געזאָגט, אז עס איז א מצוה זיך צו באַזעצן אין הייליגן לאַנד פון יעזוס קריסטוס. מן־הסתם האָט מען אין דייטשלאַנד געשאַפן א „באַוועגונג" דערפאַר. אינטעליגענטן האָבן דערזען גרויסע און טיפע און שיינע זאַכן. זיינען באַשאַפן געוואָרן קאָלאָניעס פאַר'ן דייטשן אימפּעריאַליזם אין פּאַלעסטינע, און גראָדע ניט אין בית לחם, אָדער נצורת, נאָר לעבן חיפה, ניט ווייט פון ברעג ים...

בעת דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה זיינען די קאָלאָניעס געווען נוצלעכע פּראָפּאַגאַנדע־קעמערלעך פאַר'ן דייטשן אימפּעריאַליזם. אָבער דייטשלאַנד איז געשלאָגן געוואָרן, צוזאַמען מיט טערקיי, און ענגלאַנד האָט דערזען פאַר זיך די געלעגנהייט. און דאָ הויבט זיך אָן דער לאַנגער וועג פון שווינדל, פאַלשקייט, ליגנערישע צוזאָגן, הינטערפּיסלעך, טריקס, בלוט־פאַרגיסונג, כאַבאַר, אויפשפּילן איין צד געגן אנדערן, רייצן איין ראַסע געגן דער אנדערער, און וואָס אַלץ צוזאַמען הייסט עס—ענגלישע דזשענטלמענישע דיפּלאָמאַטיע.

דער ערשטער צוזאָג: אַן אַראַבישע מלוכה

עס וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט אויסצורעכענען די אַלע צוגן פון דער ענגלישער דיפּלאָמאַטיע און ציטירן די פאַרשיידענע דאָקומענטן,

וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן בנוגע פּאַלעסטינע, זינט אויגוסט 1914. מיר וועלן דאָ זיך אָפּשטעלן אויף די הויפּט־מאָמענטן.

אין מעקאַ האָט זיך געפונען שעריף הוסיין, וועלכער האָט געחלומ'ט פון אַ פאַראייניגטער אַראַביע, פון דאַמעסעק (סיריע) ביז מעקאַ, מיט אים אַלס קעניג. האָט ענגלאַנד אָנגעהויבן „אַרבעטן" דורך הוסיינ'ען. דער באַרימטער קוירנעל (פּאָלקאָווניק) לאָרענס, פאַרשטעלט ווי אַן אַראַבער, איז אַרומגעפאָרן איבער אַראַביע און אויפגעבלאָזן די פונקען פון „אומאָפּהענגיגקייט"—אַ שפּיל, וואָס אַלע אימפּעריאַליסטישע מלוכות האָבן אין די יאָרן פון דער מלחמה שטאַרק געשפּילט—וואו זיי האָבן נאָר געוואָלט אַריינשטעלן אַ פוס. און דורך דעם ענגלישן הויך־קאָמישאָנער אין עגיפּטן, סער הענרי מעקמאַהאָן, האָט די ענגלישע רעגירונג דעם 24טן אָקטאָבער, 1915, איבערגעשיקט הוסיינ'ען אַזאַ צוזאָג:

„איך בין באַפולמעכטיגט אין נאָמען פון דער רעגירונג פון גרויס־בריטאַניע צו געבן די פאָלגנדיגע פאַרזיכערונג און צו דערלאַנגען אייך דעם פאָלגנדיגן ענטפער אויף אייער בריוו: ניט אויסלאָזנדיג פון אויג די אויבן־אויסגערעכנטע מאָדיפיקאַציעס, איז ענגלאַנד גרייט צו אַנערקענען און שטיצן די אומאָפּהענגיגקייט פון די אַראַבער אויף די טעריטאָריעס און אין די גרעניצן, ווי פאָרגעלייגט פון דעם שעריף פון מעקאַ".

די „מאָדיפיקאַציעס" האָבן זיך באַצויגן אויף סיריע, וואָס פראַנקרייך האָט געוואָלט פאַר זיך און ענגלאַנד האָט ניט געקאָנט „צוזאָגן" די אַראַבער. שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן טענה'ען, אַז מאַקמאַהאָן האָט „ניט געמיינט" פּאַלעסטינע. אָבער צוזאַמען מיט מאַקמאַהאָנ'ס בריוו האָבן געאַרבעט די לאָרענסעס און אַלע אַגענטן פון ענגלאַנד צווישן די אַראַבער—אויך אין פּאַלעסטינע, פאַרשטייט זיך, און מען האָט געזונגען לידער וועגן „זעלבסטבאַשטימונג".

בעת די שאָ־קאָמיסיע האָט געהאַלטן אירע פאַרהערן אין פּאַלעסטינע, האָט מען איר אונטערגעטראָגן אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס ענגלישע מיליטערישע עראָפּלאַנען האָבן אין 1917 דאָרטן געוואָרפן. די פּראָקלאַמאַציע, וועלכע איז געווען אונטערגעשריבן: „די ענגלישע אַרמיי אין פּאַלעסטינע", איז אַ מוסטער פון אימפּעריאַליסטישן שאַנטאַזש. זי האָט זיך געלייענט אַזוי:

„צו אַלע אַראַבער און אַנדערע אָפיצירן און סאָלדאַטן אין דער אָטאָמאַנישער (טערקישער) אַרמיי.

„מיט באַדויערן האָבן מיר געהערט, אַז איר שלאָגט זיך געגן אונז, וועלכע אַרבעטן כדי צו פאַרהיטן, אַז די געזעצן פון דער הייליגער

מוסולמאַנישער רעליגיע זאָלן ניט געענדערט ווערן און פאַר דער באַ־פרייאונג פון אַלע אַראַבער פון טערקישן יאָך.

„מיר גלויבן, אַז איר האָט זיך ניט דערוואוסט דעם אמת. מיר האָבן אייך דערום געשיקט די פּראָקלאַמאַציע, גע'חתמ'עט מיט אונזער חתימה, צו פאַרזיכערן אייך, אַז מיר קעמפן פאַר צוויי נאָבעלע צילן, די איינהיטונג פון דער רעליגיע און די באַפרייאונג פון אַלע אַראַ־בער.

„מיר האָבן געשיקט שטרייַנגע אָרדערס צו אַלע הויפטן און מענער פון אונזערע שבטים, אַז אין פאַל אונזער אַרמיי זאָל פאַנגען אימיצן פון אייך, זאָל מען אייך גוט באַהאַנדלען און אָפּשיקן אייך צו מיינע זין, וועלכע וועלן אייך אויפנעמען און באַהאַנדלען ווי עס דאַרף זיין.

„דאָס אַראַבישע קיניגרייך איז אַ לאַנגע צייט געווען אין קנעכט־שאַפט ביי די טערקן, וועלכע האָבן גע'הרג'עט אייערע ברידער, גע־קרייציגט אייערע מענער און פאַרטריבן אייערע פרויען און געזינדן, און האָבן געענדערט אייער רעליגיע. ווי־זשע אַזוי קענט איר דאָס אַלץ אַריבערטראָגן און דולדן די ביטערניש פון שטיין מיט זיי צוזאַמען און זיין גרייט זיי צו העלפן ?

„קומט און פאַראייניגט זיך מיט אונז, וועלכע אַרבעטן לטובת דער רעליגיע און דער באַפרייאונג פון די אַראַבער, כדי דאָס אַראַ־בישע קיניגרייך זאָל ווידער ווערן דאָס, וואָס עס איז געווען אין די צייטן פון אייערע אָבות, אויב גאָט וועט אַזוי וועלן. גאָט איז דער פי־רער צום ריכטיגן וועג.”*)

דער „ריכטיגער וועג”—לויפן געפאַנגען צו ווערן פון דער ענגלי־שער אַרמיי, דעזערטירן די טערקישע רייען. האָט מען גערעדט מיט גאָט אויף די ליפּן, אַרויסגעזאָגט זיך פאַר דער סאַמע אמת'ער און ניט געענדערטער מוסולמאַנישער רעליגיע, און מען האָט געצונדן די האָפנונגען פון אַן „אַראַביש קיניגרייך”, ווי די אבות־אבותינו האָבן געהאַט...

איצט לאָמיר זיך פאָרשטעלן, וואָס צווישן די אַראַבער האָט זיך אָפּגעטאָן אין יענער צייט. דאָס איז נויטיג, כדי צו פאַרשטיין, מיט וואָס פאַר אַ ביטערקייט אַראַבער ריידן וועגן דעם „גרויסן פאַרראַט” פון ענגלאַנד געגן זיי.

די אַראַבישע בורזשואַזיע און איר אינטעליגענץ האָבן זיכער אויפ־געכאַפּט די צוזאָגן פון ענגלאַנד און די אָפּמאַכן צווישן דער ענגלישער אַרמיי־פירונג און הוסיין'ען (די פּראָקלאַמאַציע, וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס געבראַכט, איז געשריבן געוואָרן אַזוי, אַז טיילן פון איר האָבן

*) באַריכט פון דער שאָ־קאָמיסיע, ז. 136.

זיך געלייענט, ווי זיי קומען פון הוסיינ׳ען. דערפאַר רעדט זיך אין איין אָרט וועגן „מיינע זין". דאָ ווערן געוויס געמיינט די עמירן פעי־זול און אבדאלא, די זין זיינע). אויב די אידישע שאָוויניסטישע אינ־טעליגענץ האָט געזונגען וועגן איין, צווייפלהאַפטן, לעגיאָן, האָט די אַראַבישע געזונגען וועגן לעגיאָנען אַראַבישע, און—לעגיאָנען, וואָס האָבן געהאַט גרויס געוויכט אויפ׳ן פראָנט. אויב די אידישע אינטע־ליגענץ האָט געקענט טרומייטערן וועגן עפּעס אן אמאָליגער אידישער מלוכה, וועלכע שטייט אין דער געשיכטע אונטער א פראַגע־צייכן (אפילו ביי בורזשואַז-נאַציאָנאַליסטישע געשיכטע-שרייבער, האַנדלט עס זיך ניט מער ווי וועגן „הערשאַפט" איבער פראָווינצן: יהודה, ישראל — צעריסענע צווישן זיך, און אלע צוזאַמען וואַסאַלן, מאַריאָ־נעטן, אין די הענט פון די גרויסע, ניט־אידישע, הערשער),—איז אָבער די אַראַבישע שאָוויניסטישע אינטעליגענץ געווען פיל מער אימשטאַנד צו ריידן וועגן אן „אַראַביש קיניגרייך", וואָס ליגט נענטער אין דער געשיכטע, און ניט נאָר אין פּאַלעסטינע, און ביי א סיטואַציע, ווען אַראַבער דאַרפן ערשט ניט אַריינוואַנדערן אין זייער „קיניגרייך", נאָר געפינען זיך שוין דאָרטן פון טויזנטער יאָרן!

אָהאָ, ווי מען האָט צעשפּילט די פאַנטאַזיע פון דעם אַראַבער! ענגלאַנד בויט דאָס „קיניגרייך"! שלאָגט זיך, פאַרגיסט אייער בלוט, דעמאָראַליזירט די טערקישע אַרמייען! אין נאָמען פון דער „עכטער" און ניט־געענדערטער מוסולמאַנישער רעליגיע, אין מאַכמעד׳ס נאָמען, אין נאָמען פון „אונזער אַראַבישער מלוכה"! באַפרייט די „הייליגע שטאָט" ירושלים, וואו מאַכמעד׳ס פערד, בוראַק, איז געשטאַנען, און פון וואַנעט דער „גרויסער נביא" איז, טאַקע רייטנדיג אויפ׳ן „היי־ליגן בוראַק", אַרויף אויפ׳ן הימל!...

דער ענגלישער אימפּעריאַליזם האָט דאָ דערזען גאָר א „הייליג" פערדל — אויף צעשמעטערן די טערקישע אַרמייען, און ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון זאַק דעם געמיינסטן און בלוטיגסטן שאַנטאַזש, וואָס די ציטירטע פּראָקלאַמאַציע איז נאָר א מוסטער דערפון.

מען דאַרף דאָס אלץ געדיינקען, כדי צו פאַרשטיין: אויב ציו־ניסטן שרייען, אז ענגלאַנד האָט זיי „פאַרראַטן", — טאָ מיט וואָס פאַר א רעכט, און ווי הויך, דאַרף שוין שרייען די אַראַבישע בורזשואַזיע און איר אינטעליגענץ?

די באַלפור־דעקלאַראַציע

אָבער גראָד דער ענטוזיאַזם פון די אַראַבישע מאַסן, וואָס האָט די ענגלישע מיליטאַריסטן אזוי געהאָלפן, האָט ניט געטויגט. די אַראַ־

בער האָבן דעם ענין גענומען ערנסט. און מער פעלט ניט ענגלאַנד —אַן אַראַביש קיניגרייך. וואָס וועט דעמאָלט זיין מיט'ן סועץ־קאַנאַל, וועלכער וואָלט זיך געפונען אין סאַמע האַרץ פון אַט דעם קיניגרייך? וואָס וואָלט געווען מיט דער גאַנצער סטראַטעגישער פּאָזיציע פון ענגלישן אימפּעריאַליזם—פּאַלעסטינע, און מעסאָפּאָטאַמיע, און דעם גאַנצן אַראַבישן האַלב־אינזל?

בשעת ענגלאַנד האָט דעם ענטוזיאַזם אַרויסגערופן, האָט זי געטראַכט וועגן אַ מיטל צו איינהאַמעווען די רעזולטאַטן פון דעם ענטוזיאַזם. און דאָ איז געקומען צוהילף—דער ציוניזם.

דייטשלאַנד האָט געזוכט צו באַזעצן אין פּאַלעסטינע דייטשן, אָבער ענגלאַנד איז זיך נוהג צו שאַרן קוילן מערער מיט פרעמדע הענט. פאַר איר גרויסער אימפּעריע וואָלטן איר קיין ענגלענדער ניט געסטייעט. זי אָריענטירט זיך מער אויף אויפשטעלן איין פאָלק געגן אַנדערן, אויף אינטריגעס און פּראָוואָקאַציעס, מער ווי אַנדערע אימפּעריאַליסטישע סיסטעמען, און אויף אַ ברייטערן פאַרנעם. בשעת די ענגלישע פּראָקלאַמאַציעס האָבן זיך געוויגט איבער די קעפּ פון די אַראַבער אין פּאַלעסטינע, האָט מען אין נומער 10 דאַונינג סטריט, אין לאָנדאָן, געטראַכט וועגן אַ געגן־גיפט צו די אַראַבישע אַספּיראַציעס (אַלע אַראַבער, קען מען זאָגן, זיינען דעמאָלט געווען אַריינגעצויגן). און לאַנג טראַכטן האָט מען ניט באַדאַרפט. דער ציוניזם האָט געקלאַפּט אין טיר, דורך די הענט פון אַ געטרייען „סאַבדזשעקט" פון זיין מאַיעסטעט, דער נאַטוראַליזירטער בירגער חיים ווייצמאַן, אַ כעמיקער, וועלכער האָט פאַרדינסטן אין פּראָדוצירן דעם טויטלעכן אויפרייס־מאַטעריאַל, טי־ען־טי" — אַ פאַרדינסטפולער „סוביעקט"! קלאַנגען זיינען טאַקע געווען, אַז ווייצמאַן האָט די דערפינדונג גענומען ביי אַן אַנדערן; אָבער, ערשטנס, איז דערפון די אויפרייס־קראַפט פון דעם מאַטעריאַל ניט שוואַכער געוואָרן, און, צווייטנס (ס'הייסט, ערשטנס)—דער „טי־ען־טי" אויף אויפרייסן די „אַראַבישע מלוכה" אין פּאַלעסטינע, איז אָן ספק זיינער!

ווייצמאַן, אין זיין גרויסער רעדע אין באַזל, אויפ'ן זיבעצנטן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט דערציילט עטוואָס וועגן זיין הינטערן־טיר פעריאָד. אין דעם צווייטן טאָג פון נאָוועמבער 1917, איז ער געשטאַנען הינטער אַ טיר, און אויף יענער זייט איז באַלפור—דער הענסער פון אירלאַנד—געגאַנגען צוקינד. פּלוצלונג האָט די טיר אויפגעפּראַלט, און עס איז אַרויסגעלאָפן סער מאַרק סאַיקס:

— ווייצמאַן, ס'איז אַ אינגל!

דאָס גרויסע געווינס, די באַלפור־דעקלאַראַציע!

אָבער ניט קיין „אינגל", נאָר אַ זאַך פון אומבאַשטימטן געשלעכט

איז די דעקלאַראַציע געווען פון סאַמע אָנהויב. אָט איז זי, די באַלפור־דעקלאַראַציע:

„די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט באַטראַכטן מיט באַגינס־טיגונג דאָס איינאָרדענען אין פּאַלעסטינע אַ נאַציאָנאַלע היים פאַר׳ן אידישן פאָלק און וועלן אָנווענדן זייערע בעסטע באַמיאונגען צו מיטהעלפן דערגרייכן דעם צוועק, זייענדיג פאַרשטאַנען, אַז קיין זאַך וועט ניט געטאָן ווערן צו מינדערן די בירגערלעכע און רעליגיעזע רעכט פון די ניט־אידישע געמיינדעם אין פּאַלעסטינע, אָדער די רעכט און דעם פּאָליטישן סטאַטוס, וואָס די אידן אין וועלכן ניט איז אַנדער לאַנד גענישן".

אָט דאָס איז די גאַנצע דעקלאַראַציע. און עס איז צו זען אויבן־אויף, אַז בשעת זי איז געשריבן געוואָרן, האָט מען אין דאַונינג סטריט ניט אויפגעהערט טראַכטן וועגן „קאָמבינאַציעס" מיט די אַראַבער. פון איין זייט אַ „אידישע היים", און פון דער אַנדערער זייט—אָפּהיטן די רעכט פון די ניט־אידישע איינוואוינער. ווי אַזוי ביידע זאַכן קענען זיך צענויפּפּאָרן, און ווי אַזוי זיי האָבן זיך צענויפגעפּאָרעט, האָט שוין די דערפאַרונג באַוויזן.

די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט אָבער געהאַט נאָך אַ צוועק פאַר׳ן ענגלישן אימפּעריאַליזם ניט נאָר אין פּאַלעסטינע. אויף דער דעבאַטע אין ענגלישן פּאַרלאַמענט, דעם 26טן נאָוועמבער, 1930, נאָכדעם ווי פּאַספילד האָט אַרויסגעגעבן דעם ווייסן פּאַפּיר*), האָט ללאָיד דזשאָרדזש, ענגלישער מלחמה־פּרעמיער, אָפן געזאָגט, אַז די דעקלאַראַציע איז געווען אַ שריט, וואָס די מלוכות פון דער אַנטאַנט (עליים) האָבן געמאַכט נאָך אַ געמיינשאַפטלעכער באַראַטונג. אַ מלחמה־שריט איז דאָס געווען.

דער ענגלישער געשיכטע־שרייבער, פּראָפעסאָר טעמפּערלע פון קעמברידזשער אוניווערסיטעט, אין זיין געשיכטע פון דער „פּאַריזער שלום־קאָנפערענץ", מאַכט עס גאָר קלאָר. ער רעדט וועגן די מאָמענטן פון „יושר און מענטשלעכקייט", וועלכע האָבן כלומרשט באַוועגט ענגלאַנד אַרויסצוגעבן די דעקלאַראַציע, און ער באַמערקט:

„מיר צווייפלען זייער צי וואָלטן אַזוינע מאָמענטן, ווען זיי זאָלן געווען זיין די איינציגע, געקאָנט געניגן, אַז די פאַרבינדעטע רעגירונגען זאָלן אַנערקענען דאָס באַזעצן דאָס אידישע פאָלק אין פּאַלעסטינע פאַר אַ ציל אין זייער מלחמה. דער אמת איז, אַז פאַר גרויס־בריטאַניע און אירע שותּפים איז די פּאָליטיק פון דער באַלפור־דעקלאַ־

*) זע „פּאַספּילד ווייסער פּאַפּיר", זייט 155.

ראַציע געווען פיל מער א קריגס־מיטל, געווי אויסגערעכנט אויף דער־גרייכן דערמיט זייערע צילן".

„...דער ציל פון דעם וויכטיגסטן און מלוכה'שן אַקט איז געווען פריער פון אַלץ צו געווינען פאַר דער אַנטאַנט חן ביי די אידן פון דער גאַנצער וועלט, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען געשטימט געגן רוס־לאַנד און האָבן דעריבער מער סימפּאַטיזירט מיט די צענטראַלע מלוכות (דייטשלאַנד, עסטרייך). צווייטנס האָט מען געגלויבט מיט דער דעקלאַראַציע צו באַווירקן דאָס רוסישע אידנטום, וואָס האָט אין 1917 שטאַרק געהאַלטן פון דער שלום־פּראָפּאַגאַנדע. דריטנס, האָט מען גערעכנט א דאַנק דער דעקלאַראַציע צו באַקומען פיל מער געלט־שטיצע פון דער אידישער פינאַנציעלער וועלט. און פערטנס, האָט מען גערעכנט, אַז די דעקלאַראַציע וועט מאַכן א גרויסן איינדרוק ספּעציעל אין אַמעריקע צום גונסטן פון דער אַנטאַנט".*)

דאָס זיינען קלאָרע ווערטער, וואָס זיינען אין משך פון די אַלע יאָרן באַלפוריע ניט איינמאָל באַשטעטיגט געוואָרן.

די ציוניסטן ווערן אַגענטן פון ענגלאַנד

דאָ האָט די באַלפור־דעקלאַראַציע פולשטענדיג דערגרייכט דעם צוועק. די ציוניסטישע באַוועגונג איבער דער גאַנצער וועלט איז געוואָרן דער אַגענט פון ענגלאַנד.

מיר'ן לאָזן די ציוניסטן ריידן.

ה. סאַידבאָטהעם, אין „עוועיקענינג פּאַלעסטאַין" (אויפוועקנדיג פּאַלעסטינע), ארויסגעגעבן אונטער דער רעדאַקציע פון ל. סיימאָן און ל. סטיין (דער לעצטער — געוועזענער הויפּט־סעקרעטאַר פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ווייצמאַנ'ס העכסטער עקספּערט), שרייבט אויף זייט 260:

„דאָס איינאָרדענען א ציוניסטישן עלעמענט אין די בערג פון יהודה האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די בעסטע פאַרזיכערונג פאַר דער גאַנצקייט פון דעם (סועץ) קאַנאַל".

אַן אַנדערער, דזשייקאָב דע־האַאַז, פירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע און געוועזענער „ערן־סעקרעטאַר" פון דאָקטאָר הערצל, האָט געשריבן אין ניו־יאָרקער אידיש־ענגלישן חודש זשורנאַל „מענאָראַ", פעברואַר 1928:

האָבן די ענגלענדער באַדאַרפט קריגן קאָנטאַקט אין אָדעס... א פאַרטרויליכן אַגענט אין כאַרבין ?... דער ניו־יאָרקער אָפּיס

*) ציטירט לויט פ. שפּראַכ'ס „די ציוניסטן" (קיעוו, 1928), ז. 25.

(קאָנטאָר, פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע), האָט מיטגע־האָלפן אין די אַלע אופנים, ניט פאַרלאַנגנדיג גאָרניט, אָבער קריגנדיג א סך—דעם רעספּעקט און דעם גוטן ווילן פון די מענטשן, וועמענס חתימות עס האָבן געהאַט אַ ווערדע אין גרויסע ענינים״.

דער זעלביגער דע־האאז, אין זיין בוך „לואיס ד. בראַנדייס״, דער־ציילט ווי אַזוי בראַנדייס, דער הויפּט פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע בעת דער מלחמה, האָט „אַ דריק געטאָן א קנעפּל״ און—ציו־ניסטן האָבן זיך געלאָזט לויפן קיין מילוואָקי, אין סעפּטעמבער 1917, כדי צו שאַפן סענטימענטן צווישן די פירער פון דער אַמעריקאַן פע־דעריישאָן אָוו לייבאָר, וועלכע האָבן ניט געהאַלטן פון גאָמפּערס׳עס מלחמה־פּאַטריאָטיזם (זז. 84—85). אַן אַנדער ניו־יאָרקער ציוניסט, האָריס מ. קאַללען, אין זיין בוך „זייאָניזם ענד וואָירלד פּאָליטיקס״ (ציוניזם און וועלט־פּאָליטיק) דערציילט, אַז דער שפּראַכן־קאַמף אין די העברעאישע קינדער־שולן אין פּאַלעסטינע, וואָס האָט אין 1913 געפירט דערצו, אַז דער פאַרזוך איינצופירן דייטש אין די שולן איז באַזיגט געוואָרן, איז געווען די „ערשטע פאַרביטערטע שלאַכט אין דער גרויסער מלחמה. דאָס איז געווען אַן אמת׳ע און וועזנטלעכע באַגעגעניש צווישן די אידייען פון אימפּעריאַליזם און דעמאָקראַטיע״. (ז. 199).*)

מען וואָלט געקענט ציטירן נאָך אַזעלכע אָפענע ווערטער פון ציו־ניסטן וועגן דער ראָל פון ציוניזם אין דער מלחמה און וועגן זיין ראָל אַלס אַגענט פון אימפּעריאַליזם—דייטשער אָדער ענגלישער. אָבער צום שאַרפסטן האָט דעם ענין אויסגעדריקט דע־האאז:

„האָבן די ענגלענדער באַדאַרפט קריגן קאָנטאַקט אין אָדעס, א פאַרטרויעלעכן אַגענט אין כאַרבין״ — די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט עס צוגעשטעלט.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אַלע לענדער האָבן אויף זיך אָנגענומען דעם מונדיר פון דער אַנטאַנט (עליים), אַזוי גיך ווי די באַל־פור־דעקלאַראַציע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן. די אויסרעכענונגען פון דעם גענעראַל־שטאַב פון דער אַנטאַנט—ווי זיי ווערן פאָרמולירט פון פּראָפעסאָר טעמפּערלע—זיינען מקוים געוואָרן. פון ירושלים ביז ניו יאָרק, פון אָדעס ביז שאַנכאַי—די ציוניסטן האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין רייטוואָגן פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם.

די ציוניסטן איז עס אָנגעקומען ניט אַזוי לייכט. די דייטשע

---

*) ציטירט לויט ה. סאָלאָוו׳ס אָפּהאַנדלונג וועגן ציוניזם, „מענאָרא״־זשורנאַל, נאָוועמבער־דעצעמבער, 1930.

אָריענטאַציע איז פאַר דער מלחמה געווען זייער שטאַרק אין ציוניזם. הערצל האָט אָפן גערעדט וועגן גערמאַנישן עלעמענט אין ציוניזם. ער האָט עס אָנגעגעבן אין נדן די מקורבים פון קאַיזער ווילהעלמ׳ס הויף, ביי וועמען ער האָט אָפּגעקלאַפּט די טירן.*) די דייטשע אָריענ־טאַציע איז געשטאַרקט געוואָרן דורך דעם איינפלוס פון דייטשן אימ־פּעריאַליזם אין טערקיי. מיט׳ן אויסברוך פון דער מלחמה האָט זיך די דייטשע אָריענטאַציע אין ציוניזם נאָך מער געהויבן. ערשטנס, איז דייטשלאַנד געווען דער שטאַרקערער צד—האָט מען געהאַלטן מיט דייטשלאַנד און מיט טערקיי. חוץ דעם, האָט דייטשלאַנד געקעמפט געגן רוסלאַנד, און דער סענטימענט צווישן די אידישע מאַסן געגן רוסלאַנד איז טאַקע געווען זייער שטאַרק. מאַקס נאָרדוי איז געווען פאַר דייטשלאַנד, און אויך זשאַבאָטינסקי — דער קומענדיגער ענג־לישער קאַפּיטאַן (אָדער עטוואָס אַזעלכעס). ערשט די באַלפור־דעקלאַראַציע—און צוזאַמען דערמיט דער אריינטריט פון אַמעריקע אין דער מלחמה אויף דער זייט פון דער אנטאַנט, האָט דעם דייטשן פליגל אין ציוניזם צעשמעטערט, און האָט געשטעלט דעם ציוניזם אין דינסט פון ענגלאַנד. די קאָלאָניעס פון באַראָן ראָטשילד אין פּאַלעסטינע זיינען געוואָרן שפּיאָנאַזש-צענטערן פאַר ענגלאַנד. אין אַמעריקע האָט מען געהאָלפן אויפּפּויקן דעם שאָוויניזם. זשאַבאָ־טינסקי, פּנחס רוטענבערג, האָבן ווערבירט לעגיאָנערן. און—מען האָט געגעבן „קאָנטאַקט", ניט נאָר אין אָדעס און כאַרבין, נאָר אין פּעט־ראָגראַד, טיפליס, און אומעטום, וואו „מען" האָט „באַדאַרפט". דער ציוניזם איז געוואָרן דער פולשטענדיג־געטרייער אַגענט פון ענגלאַנד, פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, און אָט די ארבעט פון א משרת האָט ער פאָרגעזעצט כסדר אין פּאַלעסטינע און אין „גלות", און זעצט זי פאָר עד־היום.

די אַראַבער קריגן נאָך אַ צוזאָג

אָבער בשעת די ציוניסטן האָבן זיך אַזוי געסטאַרעט צו העלפן דער אנטאַנט געווינען די מלחמה, האָט דער ענגליש-פראַנצויזישער

*) אין זיינעם אַ ניט־אָפּגעשיקטן בריוו צום דייטש; קאַיזער אין סעפּ־טעמבער, 1898, שפּילט הערצל שטאַרק אויף די דייטשע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן אין טערקיי און פּאַלעסטינע. אין א אוידיענץ, וואָס ער האָט באַלד דערנאָך געהאַט ביים גרויסהערצאָג פון באַדען, האָט ער ווידעראַמאָל אַרויסגערוקט די דייטשע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן. הערצל שרייבט גאַנץ אָפן אין זיינע „טאָגעביכער": „איך האָב איבערהויפּט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מיט די אידן וואָלט אין דעם אָריענט אַריינגעקומען א ד י י ט־ש ע ר עלעמענט". דער וואָרט „דייטשער" איז אונטערגעשטראָכן פון אים. („טאָגעביכער", אידישער פאַרלאַג, בערלין, 1922, באַנד 5, זז. 108—110).

גענעראַל־שטאַב אין טערקיי, דעם 7טן נאָוועמבער, 1918, אינגאַנצן פיר טעג פאַר'ן פּראָקלאַמירן דעם וואָפנרו, אַרויסגעגעבן אַזאַ פייער־לעכע דערקלערונג:

„דער צוועק, וואָס פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן זיך געשטעלט ביים פאַרפאָלגן אין מזרח די מלחמה, וואָס דייטשלאַנד האָט אָנגע־הויבן, איז—די פולשטענדיגע און ענדגילטיגע באַפרייאונג פון די פעלקער, וואָס זיינען אַזאַ לאַנגע צייט געווען אונטערדריקט דורך די טערקן, און דאָס באַשאַפן נאַציאָנאַלע רעגירונגען און אַדמיניסטראַ־ציעס, וואָס ציען זייער אויטאָריטעט פון דער איניציאַטיווע און דעם פרייען ווילן פון דער אָרטיגער באַפעלקערונג".

דאָ איז געזאָגט געוואָרן, שוין ניט אין פאַרנעבלטע פאָרמען, וועגן „קיניגרייך" און „רעליגיע", נאָר אין גאַנץ קלאָרע ווערטער, אַז די איינציגע זאָרג פון ענגלאַנד און פראַנקרייך איז—צו באַפרייען די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און געבן זיי פולשטענדיגע זעלבסט־פאַרוואַלטונג... האָבן שוין די אַראַבער געהאַט צוויי צוזאָגן אויף פּאַ־לעסטינע, ווי אַ טייל פון גאַנץ אַראַביסטאַן: איין צוזאָג—פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע, דער מאַקמאַהאָן־צוזאָג, און אַ צווייטן — דער־נאָך (חוץ די אַלערליי אומאָפיציעלע צוזאָגן, וואָס די אַגענטן פון ענגלאַנד, ווי קוירנעל לאָרענס, האָבן געמאַכט). און דאָ האָט זיך אָנ־געהויבן דער קאַמף פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג געגן ציוניזם, אַ קאַמף געגן פּאָליטישער אונטערדריקונג—אויב אפילו אין נאָמען פון סתם נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, אַ באַוועגונג, וואו די בורזשואַזיע האָט געשפּילט, און שפּילט נאָך, די הויפּט־ראָל.

דער קאַמף איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין פּאַריז און לאָנדאָן, בעת אין פּאַלעסטינע האָט זיך ניט אויפגעהערט שטאַרקן דער צאָרן פון די מאַסן. די גרעסערע מאַכט פון דער אידישער בורזשואַזיע פאַר די הינטער־טירן פון דער דיפּלאָמאַטיע אין אייראָפּע, האָט געבראַכט צום „זיג" פון ציוניזם אין סאַן רעמאָ, אין 1920, ווען די אַליאירטע מלוכות האָבן אונטערשטיצט די באַלפור־דעקלאַראַציע. דער קאַמף האָט אָבער ניט אויפגעהערט, די אַראַבישע בורזשואַזיע האָט ניט אויפגעהערט קלאַפּן אין די הינטער־טירן אין לאָנדאָן. אין פּאַלעס־טינע גופא זיינען אין 1920 און 1921 פאָרגעקומען בלוטיגע גע־שעענישן, וואָס זיינען צום גרויסן טייל אָרגאַניזירט געוואָרן פון ענג־לאַנד, צוליב אירע צוועקן: איינהאַלטן די ציוניסטישע אַפּעטיטן און, דער עיקר, כדי זי זאָל האָבן אַ בעסערן אויסרייד צו הערשן. דער רע־זולטאַט איז געווען, אַז אין דעם מאַנדאַט, וואָס ענגלאַנד האָט אין יולי 1922 „געקראָגן" פון דער „פעלקער־ליגע", כדי „אַכטונג" צו געבן אויף פּאַלעסטינע, איז די באַלפור־דעקלאַראַציע היבש „אויסגע־

בעסערט" געוואָרן. טשוירטשיל'ס ווייסער פּאַפּיר, וואָס איז אַרויס־געגעבן געוואָרן מיט אַ חודש פריער, יוני 1922, איז געווען דער ערש־שטער „פאַרראַט פון ענגלאַנד" געגן ציוניזם. דער פּאַפּיר שטעלט זיך אָפּ אויף ווייצמאַנ'ס באַרימטער פּראָוואָצירנדיגער פראַזע: פּאַלעס־טינע זאָל ווערן אַזוי אידיש, ווי ענגלאַנד איז ענגליש. „זיין מאַיעס־טעט'ס רעגירונג—זאָגט דער פּאַפּיר—באַטראַכט יעדן צוועק פון דעם סאָרט, ווי אומפּראַקטיש". פּאַלעסטינע דאַרף, הייסט עס, ניט ווערן א „היים" פאַר'ן "אידישן פאָלק", נאָר אַזא „היים" דאַרף געשאַפן ווערן אין פּאַלעסטינע. עס דאַרף געשאַפן ווערן א „אידישער צענטער". און באַלד לאָזט טשוירטשיל וויסן, אַז אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע ווערט באַגרעניצט, אַז פּאָליטיש־„אומגעווינשטע" דאַרפן ניט אריינגעלאָזט ווערן (און די אדמיניסטראַציע זאָל גוט אכטונג געבן אויף דעם!), און — זיין מאַיעסטעט'ס רעגירונג באַשטימט דערביי, עס זאָל גע־שאַפן ווערן א „געזעצגעבנדיגער ראַט", פון 25 פּערזאָן: 13 באַ־שטימט פון הויך־קאָמישאָנער, 12 אויסגעקליבענע, מיט'ן הויך־קאָ-מישאָנער אָלס פּאָרזיצער. אָט דער ראַט האָט עס געזאָלט זיין דער אָנהויב אויפ'ן וועג פון פולשטענדיגער זעלבסטבאַשטימונג אין פּאַ־לעסטינע...

די ציוניסטן זיינען אפילו געגן אָט דער אימפּעריאַליסטישער „זעלבסטבאַשטימונג" אַרויסגעטראָטן זייער שאַרף. דער טשוירטשיל פּאַפּיר האָט צווישן אַנדערע ביטערע פּילן פאַר'ן ציוניזם אויך פאַר־מאָגט דעם פּיל טראַנסיאָרדאַניע (אייוועור האַיאַרדן), וואָס די ציו־ניסטן האָבן געהאַט אויף דער געגנט חשק, און וואָס דער פּאַפּיר האָט פון פּאַלעסטינע אָפּגעשניטן. דער מאַנדאַט, וואָס איז געקומען מיט א חודש נאָכ'ן פּאַפּיר, האָט די מאַראָכע פון די ציוניסטן וועזנטלעך ניט בעסער געמאַכט. ניט מער, דאָ איז באַנוצט געוואָרן אַלערליי פראַזן וועגן דער „היסטאָרישער פאַרבינדונג" פון אידן מיט פּאַלעס־טינע, וועגן דער „אידישער היים" און „אידישער אַגענטור" („אייד־זשענסי", וועגן דעם שפּעטער). און הגם עס איז שוין זייער גענוי קלאָר געווען וואָס די מאַנדאַטן־מאַכט, ענגלאַנד, פּלאַנעוועט צו טאָן און וואָס פאַר אַ „היים" זי האָט אין זינען, האָבן די ציוניסטן, ווי דאָס האָט פּאַסירט זייער אָפט, אויפגענומען דעם מאַנדאַט מיט פויקן און טאַצן.

די אַראַבער האָבן זיך אָפּגעזאָגט אנטייל צו נעמען אין דעם „ראַט" און ער איז קיינמאָל ניט צושטאַנד-געקומען. וואָס מער דאָקומענטן ענגלאַנד און די פעלקער־ליגע—לויט ענגלאַנד'ס ווילן—האָבן אַרויס־געגעבן, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער פּלאָנטער, אַלץ מער האָט ענג־לאַנד אויפגעשפּילט די ציוניסטן געגן די אַראַבער און די אַראַבער

נעגן די ציוניסטן. די לעצטע האָט זיך אין לאָנדאָן אָפּט איינגעגעבן צו קריגן קאָנצעסיעס, וואָס הגם זיי זיינען אויפ׳ן אָרט, אין פּאַלעס־טינע, צוליב דעם דראַנג פון די אַראַבער, אָפּט געמאַכט געוואָרן צו־נישט, איז פון צייט צו צייט עפּעס פון די קאָנצעסיעס אַרויסגעקומען. אַזוי האָט זיך די ציוניסטן פּאַרט איינגעגעבן דורכצופירן די אַזוי־גערופענע פערטע עליה״, די גרויסע אימיגראַציע פון 1925־1926 (זע די טאַבעלע אויף זייט 154), איינגעגעבן זיך צו פאַרזעצן און פאַרשטאַרקן די אַרבעט מיט גרויס געדרענג און מיט׳ן אָנשטעל פון בויען—ניט א „היים״ אין פּאַלעסטינע, נאָר פּאַלעסטינע ווי אַ היים. דער אונטערדריקנדיגער כאַראַקטער פון דער גאַנצער אוואַנטיורע האָט געבראַכט אין פּאַלעסטינע צום אויפשטאַנד אין אויגוסט 1929 — וועלכער איז איינג פאַרבונדן מיט די אויפשטאַנדן אין די קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער בכלל. דאָ האָט די ענגלישע רעגירונג ווידער אָנגעהויבן צו מאַנעווורירן — דורך די באַריכטן פון דער שאָ־קאָמיסיע, סימפּסאָן-באַריכט און פּאַספילד׳ס ווייסער פּאַפּיר (אָקטאָ־בער, 1930). זי האָט זיך אָנגעהויבן אָריענטירן אויף דער אַראַבישער בורזשואַזיע, כדי צו פּרובירן איינשטילן די אַראַבישע מאַסן. דער „ווייסער פּאַפּיר״ האָט דערקלערט די ציוניסטן, אַז זייער אַרבעט שע־דיגט די אַראַבער, אַז דער באָדן, וואָס איז אַריין אין די הענט פון ציו־ניסטן, איז אוועקגענומען געוואָרן פון אַראַבישע פּויערים. דער „ווײ־סער פּאַפּיר״ באַפעסטיגט די באַגרענעצונגען אויף אימיגראַציע און רעדט וועגן אַ קאָנטראָל אויף איינקויפן ערד. די אַראַבישע פּויערים ווערט צוגעזאָגט אַ הלואה פון צוועלף און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר (פון וועלכער די אַראַבער האָבן זיך אָפּגעזאָגט). אין דער זעלביגער צייט ווערט פאַרשטאַרקט אין פּאַלעסטינע די מיליטערישע און פּאָלי־צייאישע מאַכט, — אויפ׳ן רעכענונג פון דער באַפעלקערונג, פאַר־שטייט זיך, — און די פאַר׳חתמ׳עטע אַרסענאַלן, וואָס זיינען אין 1924 צוגענומען געוואָרן פון די ציוניסטישע קאָלאָניעס, ווערן ווידער איינ־געפירט.

אָט אַזוי האָט דער ענגלישער אימפּעריאַליזם, דורך דער גאַנצער צייט, דורך אַלערליי צוזאָגן סיי די אַראַבער און סיי די ציוניסטן, דורך נאַרערייען, אינטריגעס, אַמאָל אויף דער זייט און אַמאָל אויף דער אַנדערער, דורך גנב׳ישע טריקס און מערדערישע בלוט־פאַרגי־סונגען, אין זינען געהאַט איין צוועק: רייצן, העצן, אונטערדריקן, צעטיילן און—הערשן. די ציוניסטישע אַוואַנטיורע האָט אַזוי אַריינ-געשפּילט אין די הענט פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, אַז אָפּט גיט זיך איין דער ענגלישער מאַכט צו שאַפן אין פּאַלעסטינע דעם איינדרוק, אַז זי באַשיצט די אַראַבער געגן דעם ציוניסטישן אָנגריף,—און דאָס

איז דאָך ערשט אויף אַן אמת, וואָס דער ענגלישער אימפּעריאַליזם האָט געוואָלט דערגרייכן מיט דער גאַנצער „אידישער היים". די „ענג־לישע קרוין" האָט אומעטום ליב זיך אַרויסצושטעלן ווי די באַשיצערין פון דער אָרטיגער קאָלאָניאַלער באַפעלקערונג—בשעת די באַפעלקע־רונג ווערט אויסגעזויגן און אונטערדריקט. די „ענגלישע קרוין" שטעלט זיך אַרויס, ווי די באַשיצערין פון די הונדערטער מיליאָנען מאַכמעדאַנער און פון זייער רעליגיע. אין פּאַלעסטינע האָט איר דער ציוניסטישער אָנגריף—וואָס זי אַליין האָט באַשאַפן און געשטיצט—געגעבן די געלעגנהייט.

דער ציוניסטישער אַנגריף אין פּאַלעסטינע

כיבוש הארץ אין דער פּראַקטיק

אויפ'ן זיבעצעגטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזל, האָט אוסישקין, דער הויפּט פון דעם ציוניסטישן דעפּאַרטמענט אויף איינגעמען דעם באָדן, „קרן קימת" (קערען קאַיעמעס), דערקלערט:

— צו ווען מען עס וועט געהערן דער באָדן, דער וועט זיין דער הערשער פון לאַנד. איר מעגט ברייגגען קיין תל־אביב א מיליאָן מענטשען, איר קאָנט אויסבויען פאַבריקן און וואָלקנקראַצער. ווען דער באָדן ארום וועט געהערן א פרעמדן פּויערים-פאָלק, וועט דאָס לאַנד נים זיין ארץ ישראל, נאָר עס וועט בלייבן פאַלעסטינע („קאָנגרעס־צייטונג", נומער 3, ערשטע זייט).

ווי אזוי „נעמט איין" דער ציוניזם דעם באָדן פון דעם „פרעמדן פויערים-פאָלק" אין פאַלעסטינע—פון דעם אַראַבישן פויער?

לאָמיר הערן וואָס ציוניסטן זאָגן וועגן דעם.

די שאָ־קאָמיסיע גיט איבער (זייט 113 פון אָפיציעלן באַריכט):

„פון דעם באָדן, וואָס איז איינגעקויפט געוואָרן דורך די אידן, האָט אונז דר. רופּין אינפאָרמירט, איז נאָר א פאַרהעלטניסמעסיג קליינער שטח, נים מער ווי 10 פּראָצענט, איינגעקויפט געוואָרן ביי פויערים. די אַנדערע שטרעקעס זיינען אָפּגעקויפט געוואָרן פון אייגענטימער פון גרויסע מאַיאָנטקעס, וואָס די מייסטע פון זיי האָבן געוואוינט אויסער פאַלעסטינע און האָבן דעריבער געהאַט פאַרדונגען זייער לאַנד, אָדער האָבן דערלויבט עס צו באַארבעטן, אונטער פאַרשיידענע באַדינגונגען. די מייסטע אידישע קניעם פון איינצלנע פויערים זיינען געמאַכט געוואָרן ביים ברעג, בעת אין דעם עזדראַעלאָן־פּלעין (עמק) איז דער גאַנצער באָדן איינגעקויפט געוואָרן פון אָפּוועזנדיגע פריצים".

אין „עמק" געפינט זיך דער סאַמע פרוכטבאַרער באָדן אין פּאַלעסטינע—וואו פרוכטבאַר באָדן איז פאַראַן אזוי ווייניג—און דאָרט זיינען געשאַפן געוואָרן די מייסטע ציוניסטישע קאָלאָניעס זינט דער מלחמה. מיר האָבן דאָ א באַשטעטיגונג פון דעם גרעסטן אויטאָריטעט פון ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע, דר. רופּין, אז דער גאַנצער

באַדן אין דער געגנט איז געקויפט געוואָרן ביי פריצים—אויף וועמענס באַדן אַראַבישע פויערים זיינען געזעסן—און אז אין גאַנץ פּאַלעסטינע האָט ניינציג פּראָצענט פון דעם אָפּגעקויפטן באָדן געהערט צו פריצים,—באָדן, אויף וועלכן פויערים זיינען געזעסן, פאַרשטייט זיך.

דר. רופּין האָט בשום אופן ניט איבערטריבן, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ניינציג פּראָצענט פון דעם גאַנצן איינגעקויפטן באָדן איז געקומען פון פריצים. אַן עדות איז דער אָפיציעלער באַריכט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע צום 16טן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין ציריך. אויף זייט 15 פון דעם באַריכט (ענגלישע אויסגאַבע) ווערט געזאָגט:

„אַן אומגעהויער וויכטיגער אַגריקולטורעלער אַקט, וואָס וועט האָבן אַ ווירקונג אויף דער גאַנצער ליניע פון ציוניסטישער אַגריקולטורעלער קאָלאָניזאַציע, איז דער געזעץ, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין 1928, צו באַשיצן פויערים־אַרענדאַרן (טענענטס), אין פאַל ווען דאָס לאַנד, וואָס זיי קולטיווירן, זאָל דורכ׳ן לאַנד־אייגנטימער פאַרקויפט ווערן. די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האָט צוגעשטעלט געוויסע מיינונגען בנוגע דעם געזעץ און זיי האָבן געקראָגן ביי דער רעגירונג די געהעריגע אויפמערקזאַמקייט".

אַן אַקט, וואָס וואָלט באַשיצט דעם אַרענדאַר־פויער, וואָלט, לויט די ווערטער פון אָפיציעלן ציוניסטישן באַריכט, געהאַט „אַ ווירקונג אויף דער גאַנצער ליניע פון ציוניסטישער אַגריקולטורעלער קאָלאָניזאַציע".

קלאָר. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע קויפט דעם באָדן ביים פריץ. צו אָט דעם פריץ (עפענדי) גייט דאָס געלד, וואָס מען זינקט איין אין פּאַלעסטינע. אָט דאָ קריגן מיר גלייך דעם ענטפער אויף דער פראַגע: „וועמען העלפט די ציוניסטישע קאָלאָניזאַציע?" זי העלפט דעם עפענדי, זי מאַכט אים רייך. ביים אַראַבישן פויער נעמט די קאָלאָניזאַציע אַרויס דעם טרוקענעם ביסן פון מויל, ברענגט אים אַלערליי אומגליקן.

דער אַראַבישער פויער ווערט אָנגערירט פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע, אפילו ווען ער ווערט ניט אַראָפּגעטריבן פון זיין באָדן. ער ווערט אָנגערירט דורך די הויכע פרייזן, וואָס ציוניסטן צאָלן פאַר באָדן. דורכדעם הויבט זיך דער גאַנצער מאַרק־פּרייז פאַר באָדן. דורך דעם הויבט זיך די אַרענדע פאַר אַלע פויערים,—און מיר האָבן שוין פריער געזען ווי דער אַרענדע־פּרייז הויבט זיך, ניט געקוקט דערויף, וואָס די פּרייזן אויף אַגריקולטור־אַרטיקלען פאַלן, און ניט געקוקט דערויף, וואָס דער פויער קען ניט אויסשלאָגן זיך זיין חיונה.

די ציוניסטן צאָלן ספּעקולאַטיווע פּרייזן פאַר ערד—טאַקע ווייל עס הערשט אַ גרויסער מאַנגל אין דעם אַרטיקל. אויפ'ן 16טן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין צירוך, האָט אוסישקין געזאָגט, אַז עס קומט אויס צו צאָלן אַזוי הויך, ווי 30 פונט פאַר אַ דונאַם לאַנד (העכער 120 פונט, אָדער 600 דאָלאַר, פאַר אַן אַקער, אָדער העכער 1,500 דאָלאַר פאַר אַ העקטאַר). אָט דאָס איז איינע פון די סיבות, פאַרוואָס קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע איז אַזוי טייער*). אָבער אָט דאָס ספּעקולאַטיווע הויבן פון דעם מאַרק־פּרייז פון באָדן, האָט אַ ווירקונג אויפ'ן לעבן פון יעדן פויער, ווי שוין אָנגעוויזן. ער מוז צאָלן מער אַרענדע, עס איז אים שווערער צו קריגן אַ שטיקל באָדן. זיינע מיטלען פאַר פּראָדוקציע ווערן טייערער, בעת זיינע פּראָדוקטן ווערן ביליגער. די אוואַנטוריסטישע קאָלאָניזאַציע אין אַן אָרט, וואו עס איז קיין פרייער באָדן ניטאָ, רירט אָן יעדן פויער, רירט אָן זיין עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן. אָבער צום שטאַרקסטן, פאַרשטייט זיך, איז דער אָנגריף געגן דעם פויער, וועלכער ווערט אַראָפּגעטריבן.

ציוניסטן טרייבן אַראָפּ אַראַבישע פויערים

עטלעכע לייגנגערע אויסצוגן פון דעם באַריכט פון דער שאָ־קאָמיסיע, און ציטאַטן פון אַ מעמאָראַנדום פון דער ציוניסטישער „איידזשענסי"**) וועלן געבן אַ באַגריף וועגן דעם פאַרנעם פון דער אוואַנטיורע פון אַראָפּטרייבן אַראַבער פון זייער באָדן.

ביים סומירן די פאַרהערן פון די ציוניסטישע און אַראַבישע צדדים, זאָגט די שאָ־קאָמיסיע (זייטן 117—119):

„צווישן 1921 און 1925 האָבן פאַרשיידענע אידישע באָדן־אָרגאַניזאַציעס איינגעקויפט אויף ליציטאַציע גרויסע שטח'ן אין דעם עזד־ראַעלאָן־טאָל. דער אַלגעמיינער שטח האָט אויסגעמאַכט אַן ערך 200 טויזנט דונאַם. צוויי און צוואַנציג דערפער זיינען אָנגערירט געוואָרן דורך דער קניעה, און דער קויף־פּרייז האָט אויסגעמאַכט 726,000 פונט (העכער דריי און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר—פּ. נ.). דער באַטרעפנדיגער באָדן איז געקויפט געוואָרן ביי די סורסוקס, וועלכע, ווי מען גיט אונז איבער, זיינען אַ רייכע פאַמיליע פון קריסטלעכע אַראַבער אין ביירוט (סיריע).

„בשעת די קניות זיינען געמאַכט געוואָרן, האָבן די קולטיוואַ־

*) דער דורכשניט־פּרייז פון אַן אַקער לאַנד אין די פאַראייניגטע שטאַטן, לויט'ן אַגריקולטור צענזוס פון 1925, איז 40 דאָלאַר מיט 21 סענט.
**) זע „איידזשענסי", זייט 156.

טאַרס (איינגעזעסענע פויערים—פּ. נ.) ניט געהאַט קיין געשריבענע אָפּמאַכן מיט׳ן לאַנד־אייגנטימער, וועמען זיי פלעגן צאָלן אַ פינפטל פון זייער גערעטעניש. נאָך דער קניעה, האָבן די אַראַבישע קולטיוואַטאָרס, נאָכדעם ווי זיי האָבן געקראָגן קאָמפּענסאַציע, פאַרלאָזן די אַלע דערפער, חוץ דעם דאָרף מאַלול. די וואָס זיינען פאַרבליבן אין דעם דאָרף, האָבן פון דער סורסוק־פאַמיליע געקראָגן 2.000 דונאַם לאַנד, און די קויפער (ס׳הייסט, די ציוניסטן—פּ. נ.) האָבן זיי פאַרגעשלאָגן נאָך 3,000 דונאַם לאַנד אויף ארענדע פאַר זעקס יאָר צייט, פאַר זעקס פּראָצענט פון דעם איינקויף־פּרייז, מיט׳ן רעכט אָפּצוקויפן די שטיק לאַנד, פאַר׳ן זעלביגן פּרייז, וואָס איז דערפאַר באַצאָלט געוואָרן. די רעגירונג האָט אין דעם געהעריגן טערמין געגעבן די הסכמה אויף דער קניעה, און דער טראַנספער איז רעגיסטרירט געוואָרן. דר. רופּין, וועלכער האָט אונז שוין געגעבן עקספּערט־אינפאָרמאַציע פאַר דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין פּאַלעסטינע, ווי אָנגעוויזן פריער, האָט דערקלערט, אַז די צאָל ארענדאַרן־פּויערים, וואָס זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן דעם באָדן, וואָס אידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָפּגעקויפט, איז געווען צווישן 700 און 800, אָבער כמעט אַלע פון זיי, האָט ער צוגעגעבן, זיינען פאַרבליבן אין אייגענעם דיסטריקט, וואו זיי האָבן געקראָגן לאַנד צום באַארבעטן. לויט מר. פאַרא, וועלכער האָט געגעבן עקספּערט־אינפאָרמאַציע פאַר דער אַראַבישער עקזעקוטיווע, איז די אַלגעמיינע צאָל אַראַבישע פאַמיליעס, וואָס זיינען באַזייטיגט געוואָרן אַלס רעזולטאַט פון די טראַנזאַקציעס, געווען—1746, און די צאָל פּערזאָנען, וועלכע זיינען דורכדעם געטראָפן געוואָרן, אויפן באַזיס פון פינף פער פאַמיליע, איז געווען—8,730. דר. רופּין האָט דערקלערט, אַז די פּערזאָנען האָבן זיך אריבערגעקליבן אין דערבייאיגע דערפער, פון וועלכע ער האָט אונז געגעבן אַ ליסטע, אָבער מר. פאַרא האָט אונז געזאָגט, אַז אַ גרויסע צאָל האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע, אַז אַנדערע זיינען דערווייל באַשעפטיגט, ווי שטיינהאַקער און וואַסער־טרעגער אין פאַרבינדונג מיט דער בוי־ארבעט ביי נייע געביידעס, און אַז זיי האָבן ניט קיין שום אַנדער באַשעפטיגונג מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען, ווען די געביידעס וועלן זיין פאַרענדיגט. אַנדערע, האָט מר. פאַרא דערקלערט, זיינען „צעזייט און צעשפּרייט”; זיי קענען דאָרט ניט לעבן, ווייל „עס איז זיי גאָרניט געבליבן אויף וואָס צו לעבן”. ער האָט צוגעגעבן, אַז אַזוי לאַנג ווי די דערפער זיינען געווען באַוואוינט פון אַראַבישע פּויערים, פלעגן די בעדואינער, וועלכע וואוינען אין די ווינטער־חדשים אין דער ארומיגער באַרגגעגנט, קומען נאָכ׳ן שניט און פּאַשען זייערע סטאַדעס אויף דעם באָדן, וואָס איז איצט פאַרקויפט געוואָרן. ווען די דערפער זיינען

טראַנספּערירט געוואָרן, זיינען די בעדואינער „אָפּגעהאַקט געוואָרן“.
דר. רופּין האָט דערקלערט, אַז די אידישע באָדן־קאָמפּאַניעס, הגם זיי זיינען געזעצלעך ניט מחויב צו קאָמפּענסירן די אַרענדאַרן, וואָס ווערן אַראָפּגעזעצט אַלס רעזולטאַט פון די קניות, האָבן פּאַקטיש באַצאָלט העכער 30,000 פונט, און אַז די קאָמפּענסאַציע איז געמאַכט געוואָרן, כדי די וואָס זיינען דורך דער קניעה באַזייטיגט געוואָרן פון עזדראַעלאָן, זאָלן קאָנען קויפן, אָדער דינגען, לאַנד ערגעץ אַנדערש“.

„...אַן אַנדער ענין, וואָס מיר וועלן דאָ דערמאָנען, איז די קניעה פון דעם באָדן וואָס איז באַוואוסט, ווי וואדי על האווארית, וואָס איז ניט לאַנג צוריק געמאַכט געוואָרן“...

„דער באַטרעפנדיגער באָדן, וועלכער האָט געהערט צו אַראַבער, איז פאַר׳משכונ׳ט געוואָרן אין 1822 צו א פראַנצויזישן אונטערטאַן. צווישן 1882 און 1923 איז דער מאָרטגעידזש צוויי מאָל טראַנספערירט געוואָרן, אָן דער הסכמה פון דער מאָרטגעדזשאָר. נאָך א פּראָצעס אין געריכט, וואו די לעגאַליטעט פון דעם מאָרטגעידזש איז קאָנטעסטירט געוואָרן, איז א פּסק־דין אַרויסגעגעבן געוואָרן צום גונסטן פון די יורשים פון מאָרטגעידזשי און אַ פאַרקויף־אָרדער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן“.*)

„דער שטח, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרן צום פאַרקויף האָט באַטראָפן 30,826 דונאַם און דער אידישער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט דעם פאַרמעגן אָפּגעקויפט פאַר 41,000 פונט. דעם 27טן מאַי איז דער באָדן טראַנספערירט געוואָרן אויף זיין נאָמען. די פּערזאָנען, וואָס זיינען געזעסן אויף דעם באָדן, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן, מאַכן אוים 1,200 און פאַרמאָגן צווישן 2,000 און 3,000 שאָף, רינדער, א. א. אַרום אַ דריטל פון לאַנד איז באַנוצט פאַר פּאַשע.

„צווישן די פּערזאָנען, וואָס זיצן אויף דעם באָדן, געפינען זיך פּאַקטישע קולטיוואַטאָרס, וואָס האָבן געקראָגן אַ מעלדונג אין אויגוסט 1928, אַז זיי זאָלן צום 1טן אָקטאָבער 1929 אוועק. דעם 30טן נאָוועמבער, 1929, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן געגן א גרויסער צאָל פון די איינגעזעסענע אַן אָרדער זיי זאָלן באַזייטיגט ווערן. בשעת מיר האָבן פאַרלאָזן פּאַלעסטינע איז צווישן אונז געווען פאַרשטאַנען, אַז די פּאָליציי האָט ניט דורכגעפירט דעם באַזייטיגונג־אָרדער און אַז די סיבה דערפון איז געווען, ווייל זי האָט ניט געוואוסט וואוהין זי זאָל אַריבערקלייבן די איינגעזעסענע און זייערע סטאַדעס“... „די קויפער האָבן מסכים געווען צו געבן די איינגעזעסענע 5,000 דונאַם

*) מאָרטגעידזש—היפּאָטעקע (געלט־הלואה אויף אומבאַוועגלעך אייגנטום). מאָרטגעידזשאָר—דער, וואָס פאַר׳משכונ׳ט זיין אייגנטום פאַר געלט. מאָרטגעידזשי—דער וואָס לייט געלט פאַר׳ן משכון, דער מלוה.

לאַנד אין דער בעיזאַן־געגנט, אויף דריי יאָר אַרענדע, פאַר אַ פּרייז פון אַ פינפטל פון דער פּראָדוקציע. מען האָט אונז איבערגעגעבן, אַז דער דאָזיגער באָדן קאָן איריגירט (באַוואַסערט) ווערן, אָבער אַז די איצטיקע איינוואוינער פון וואדי על האוואריט ווייסן גאָרניט וועגן איריגאַציע און אַז, חוץ דעם, האָבן די בעיזאַן־לענדערייען אויך ניט קיין פּאַשע. בשעת מיר האָבן פּאַרלאָזט פּאַלעסטינע האָט מען ניט געהאַט אנטדעקט קיין באָדן—מלוכה'שער, אָדער אַנדערער,—וואוהין מען זאָל די באַזייטיגטע קענען אַריבערפירן".

„אָט דאָס זיינען די ביישפּילן, וואָס מען האָט אונז געגעבן, כדי צו באַווייזן דעם צושטאַנד פון איסערגעווייטלעכער מורא, וואָס זאָל הערשן ניט נאָר אין די מחות פון די, וואָס ווערן געאַרדערט אַראָפּ־געטריבן צו ווערן, נאָר אויך צווישן די איינגעזעסענע אויפ'ן באָדן אין די אַנדערע געגנטן פון פּאַלעסטינע, וועלכע האָבן מורא אַז מיט זיי קאָן טרעפן דאָס אייגענע, וואָס האָט געטראָפן מיט די, וואָס האָבן געלעבט אין וואדי על האוואריט" (אונטערגעשטראָכן פון מיר—פּ. נ.)

„עס איז ווערט צו באַמערקן, אַז סיי דער סורסוק באָדן און סיי דער באָדן אין וואדי על האוואריט, האָבן געהערט צו אַפּוועזנדיקע פּריצים און איז אין זייער אַפּוועזנהייט באַאַרבעט געוואָרן דורך פּערזאָנען, וואָס האָבן געצאָלט אַ פּראָצענט פון דער גערעטעניש, וואָס זייער נחלה האָט זיי געגעבן".

אַנדערע ביישפּילן פון אַראָפּטרייבן אַראַבישע פּויערים פון זייער באָדן — און וואָס עס ווערט פון די פּויערים—ברענגט דער סימפּ־סאָן־באַריכט. ער ציטירט אַ מעמאָראַנדום, וואָס די ציוניסטישע „אַגענטור" האָט אים צוגעשטעלט. דאָרט רעדט זיך וועגן 688 אַרענ־דאַר־פּויערים, וואָס זיינען אַראָפּגעטריבן געוואָרן אין עזדראַלעאָן. דער ציוניסטישער מעמאָראַנדום זאָגט (סימפּסאָן־באַריכט, זייט 51):

„437 פאַרנעמען זיך ווייטער מיט באַאַרבעטן ערד—58 אָלם האר־ראַטן; 89 זיינען פּאַסטוכער—זיי זיינען פריער אויך געווען פּאַסטו־כער, און באַאַרבעטן ערד איז ביי זיי געווען נאָר אַ ביי־זאַך; 4 זיי־נען באַלמעלאָכעס, 14—הענדלער, 50—שטאָטישע טאָג־אַרבעטער, 4 טראָגן אַרום גרינוואַרג צו פאַרקויפן, 10 זיינען קעמל־טרייבער, 2—מילך־אַרבעטער, 37 זיינען געשטאָרבן, 41—אומבאַוואוסט וואו זיי זיינען. חוץ דעם, פון 688 פּערזאָן זיינען ניט ווינציגער ווי 154 גע־וואָרן אייגנטימער, דאָס הייסט, זיי פאַרמאָגן איצט אַ הויז און אַ שטיקל לאַנד".

דער ציוניסטישער באַריכט, וועלכער סטאַרעט זיך צו מאָלן ראָ־זעווע בילדער, גיט פונדעסטוועגן אַ באַגריף, וואָס פאַר אַ תכלית עס איז געוואָרן פון די 668 פּויערים־פאַמיליעס (דער מעמאָראַנדום

רעדט אַלץ וועגן „פּערזאָנען", פּונקט ווי דער אַרענדאַר־פּויער וואָלט קיין הויזגעזינט ניט געהאַט). עס איז קודם וויכטיג אָנצואווייזן, אַז „האררַאטן" זיינען פּשוט — לאַנד־קנעכט. 58 אַראָפּגעטריבענע פּויערים האָבן זיך פּשוט פֿאַרדונגען ווי קנעכט. בלייבט אינגאַנצן 379 פּויערים־פֿאַמיליעס וואָס באַשעפֿטיגן זיך איצט אויך מיט לאַנד (וואָס פֿאַר אַ לאַנד? ווי גרויס איז די נחלה?). די איבעריגע 309 פּויערים־פֿאַמיליעס זיינען געוואָרן לאַנדלאָז (דער ציוניסטישער מעמאָראַנדום פּטר'ט, אגב, אָפּ 37 ווי „געשטאָרבענע", ניט אָנגעבנדיג — פֿאַרשטייט זיך — ווי אַזוי דאָס אַראָפּטרייבן האָט געווירקט אויף זייער לעבן, און ניט דערמאָנענדיג וואָס עס איז געוואָרן מיט די פֿאַמיליעס פֿון די געשטאָרבענע...).

עס ווייזט זיך אָבער אַרויס — זאָגט דער סימפּסאָן־באַריכט — אַז לויט די ציפֿערן פֿון די רעגירונג-אינסטיטוציעס אין נאַזאַרעט (נעצוירעם) און חיפה, זיינען פֿון דעם באַטרעפֿנדיגן באָדן אַראָפּגעטריבן געוואָרן ניט 688 פֿאַמיליעס, נאָר — 1,270, כמעט צוויי מאָל אַזוי פֿיל ווי דער ציוניסטישער מעמאָראַנדום — טריי צו דעם ציוניסטישן אופֿן פֿון באַהאַנדלען ציפֿערן — האָט אָנגעגעבן... און דאָס איז נאָך ניט אַלץ. חוץ די קולטיוואַטאָרס האָבן זיך אין דער געגנט געפֿונען אַנדערע, וואָס האָבן געמאַכט אַ לעבן פֿון די פּויערים. צוזאַמען האַנדעלט זיך עס וועגן 4,900 אַראַבישע פֿאַמיליעס, וואָס זיינען פֿון דער געגנט באַזייטיגט געוואָרן (דאָס זיינען די ציפֿערן פֿון דעם צענזוס). וואָס פֿאַר אַ תכלית פֿון זיי איז געוואָרן, קען מען זען פֿון דעם אויבן־געבראַכטן ציוניסטישן מעמאָראַנדום...

די שרעק פֿון דעם פּעלאַך

וואָס דערציילן אונז די אַלע ציפֿערן און פֿאַקטן?

1. דער ציוניזם קויפֿט דעם באָדן ביים פּריץ (עפֿענדי), און אָפֿט, אָדער מייסטנס, ביי אָפּוועזנדיגע פּריצים, וואָס זיצן ערגעץ אין די גרויסע שטעט, אָדער אין אויסלאַנד. דאָס געלד, וואָס ווערט צעזויפֿגעקלאַפּט דורך דער ציוניסטישער פּושקע אין „גלות", שטראָמט אַריין אין די קעשענעס פֿון אויסלענדישע עפֿענדים און בלייבט אפילו ניט אין לאַנד.

צווישן בורזשואַזע ליבעראַלן איז דאָ אַ „שטרעמונג" ניט צו אַנערקענען דאָס רעכט פֿון אָפּוועזנדיגע פּריצים אויף לאַנד, וואָס ווערט באַאַרבעט פֿון אַנדערע. בפֿרט נאָך פּריצים וואָס זייער „רעכט" אויף דעם באָדן באַשטייט פֿון פּאַפּירלעך, וואָס זיינען העכער הונדערט יאָר אַלט, און וואָס אין משך פֿון העכער הונדערט יאָר זיינען

די פּויערים־פאַמיליעס, דורות־לאַנג, געזעסן אויף דעם באָדן (וואָדי על האוואריט). די ציוניסטן, איינגעשלאָסן די סאָציאַל־פאַשיסטישע ציוניסטן, וועלכע ריידן הויך וועגן „דעמאָקראַטיע”, וועגן „רעכט” און אפילו וועגן „סאָציאַליזם”, כאַפּן זיך אָן אין די צוויי־פלהאַפּטע פּאַפּירלעך, אַבי צו קריגן א געזעצלעכע מעגלעכקייט—אין לאַנד פון אונטערדריקנדיגע אימפעריאַליסטישע געזעצן—אַראָפּצוטרייבן די פּויערים, איבערברעכן זייער לעבן.

2. דער ציוניזם מאַכט אן אַטאַקע אויפ'ן לעבן פון יעדן פּויער, ווייל יעדער פּריץ באַטראַכט די ציוניסטן פאַר פּאָטענציעלע קויפער פון „זיין” באָדן. און אויב ער פאַרקויפט עס ניט, וויל ער דורך גע־העכערטער אַרענדע אַרויסציען פונ'ם באָדן וואָס ער „פאַרלירט” צוליב דעם.

3. דער ציוניזם ברעכט איבער דאָס לעבן פון ריזיגע מאַסן פּויע־רים־פאַמיליעס, וואָס ווערן אַראָפּגעטריבן, וואָס ווערן באָדנלאָז. אַזעל־כע פאַמיליעס פאַרגרעסערן די אַרמייען אַרבעטלאָזע, בעטלער, און—לופט־מענטשן, אין בעסטן פאַל.

דער „מאָראַלישער” ווערט פון דער ציוניסטישער, און סאָציאַל־פאַשיסטישער, טענה, אַז מען גיט די פּויערים „אַנדערע לאַנד”, „קאָמ־פּענסאַציע”, איז גאָרניט צום אָפּשאַצן... עס פעלט די ציוניסטן, קודם, גאָרניט איין, אַז מען דאַרף די פּויערים פרעגן, צי זיי ווילן „אַנדערע לאַנד”, אָדער געלט־באַלוינונג. מען קומט צו די פּויערים ווי באַצווינ־גער, און מען שטעלט זיי פאַר איין אויסוועג: אָדער נעמט אָן, וואָס מען גיט אייך, אַניט קריגט איר גאָרניט, ווייל „לויט'ן געזעץ” קומט אייך גאָרניט... אָפּגערעדט דערפון, וואָס אין א סך פאַלן מאַכט מען זיך טאַקע ניט וויסנדיג און מען דופעט אויפ'ן געזעץ.*)

און וואָס איז דאָס פאַר אַן „אַנדערע לאַנד”? מייסטנס, איז דאָס אַן אויסגעטראַכטע זאַך. ווי דאָס איז צו זען פון דעם ענין וואָדי הא־וואריט, האָט די פּאָליציי ניט געקענט געפינען קיין שום אָרט, וואוהין צו פאַרשטופּן די אַראָפּגעזעצטע. דאָס „אַנדערע לאַנד” וואָס עקזיס־טירט יע, טויג ניט פאַר קאָלאָניזאַציע, אָדער איז איינגאַנצן וויסטע־ניש, און דערמיט דערקלערט זיך, וואָס די ציוניסטן, וועלכע יאָגן זיך נאָך באַזעצט לאַנד, ווילן אַליין ניט נעמען פאַר זיך דאָס „אַנדערע לאַנד”, וואָס איז ניט באַזעצט... דער פאַל מיט די בעיזאַן־לענדרייען,

*) דער פּועל ציון כיר גיט צו („ווירטשאַפט און; פּאָליטיק אין ארץ ישראל”, זז. 23—24), אַז ביז דער מלחמה „זיינען געווען פאַלן”, ווען מען האָט „אַראָפּגעוואָרפן אַרימע פעלאַכן פון זייער באָדן און קיין אַנטשעדיגונג האָבן זיי ניט באַקומען”. וועגן אַראָפּוואַרפן בכלל זאָגט ער, אַז איצט ווערט עס „אַנגעווענדט פון; צייט צו צייט” און אַז „מען” דאַרף געגן דעם קעמפן... קיינער האָט נאָך קיינמאָל אויף די קאָנגרעסן ניט געהערט פון אַזאַ „קאַמף”.

וואָס מען האָט געוואָלט געבן די פּויערים פון וואַדי האַוואַריט, באַ־ווייזט, אַז מען האָט זיי געוואָלט אַריבערזעצן פון גוטן באָדן אויף שלעכטן, טרוקענעם, וואו עס איז קיין פּאַשע ניטאָ—אויף אַ שטיק ווּיסטעניש!

אָט דאָס איז דער ווערט פון דעם זינלאָזן געשריי „אַנדערע לאַנד", דאָרט וואו קיין לאַנד איז ניטאָ, און אָט דאָס איז דער ווערט פון דער „קאָמפּענסאַציע".

ווי גרויס איז די געלט־קאָמפּענסאַציע, דאָרט וואו מען קאָמפּענ־סירט שוין יע דעם פּויער? דערויף זיינען קיין ציפערן ניטאָ ביי די ציוניסטן, און, אָן ספק, צוליב גרינטלעכע סיבות. אויף וויפיל די „קאָמפּענסאַציע" איז ניט קיין געצוואונגענע, נאָר אַ נדבה, בלייבט זי די גרויס פון אַ נדבה. פון געבן דעם פּויער אַ מעגלעכקייט אָפּצו־צאָלן זיינע חובות און זיך איינאָרדענען—ווען ערד איז אַזוי בראַנד־טייער, און די ציוניסטן גיבן אויס אוצרות אויף באַזעצן אַ קאָלאָ־ניסט—קאָן קיין רייד ניט זיין. דערפאַר קלינגט עס ווי ביטערער חוזק איבער'ן גורל פון פאַרפאַלגטן אַראַבישן פּויער, ווען מען טוט אים שוין אַ טובה און מען לאָזט אים אָפּקויפן ביי די ציוניסטן דעם באָדן, אויף וועלכן ער איז דורות־לאַנג געזעסן, פאַר דעם פּרייז וואָס די ציוניסטן האָבן באַצאָלט דעם פּריץ! אָט די גרויסע טובה האָבן די ציוניסטן געטאָן די פּויערים פון עזדראַעלאָן־טאָל: זיי האָבן געגעבן די פּויערים 3,000 דונאַם לאַנד—די ערגערע, פאַרשטייט זיך,—אויף דריי יאָר אַרענדע, מיט'ן רעכט אָפּצוקויפן עס. מיר האָבן פריער געזען, ווי איינגעטונקט אין חובות דער אַראַבישער פּויער איז און ווי אָרים און עלנט ער לעבט. קומען צו אַזאַ פּויער, און צווינגען אים אַראָפּצוגיין פון זיין איינגעזעסענעם באָדן, וואו זיינע עלטער־עלטערן האָבן גע־לעבט, און פאָרלייגן אים די „מעגלעכקייט" צו באַצאָלן פאַר אַ שטיקל ערד אַ סומע, וואָס קומט אים אויס ווי עפּעס אַ לעגענדאַרישער אוצר, הייסט פּשוט, אַז ניט נאָר טרייבט מען דעם פּויער אַראָפּ, נאָר מען קומט נאָך צו אים און צו זיין פאַראומגליקלעכטער פאַמיליע, און מען מאַכט פון זיי חוזק!

4. די אַראַבישע האָרעפּאַשניקעס ווערן אויסגעראָטן פון אַלע ווייַ־טערדיגע שטח'ן. אהער גייט אַריין, חוץ דעם קולטיוואַטאָר, אויך דער בעדואינער, וועלכער איז אַ פּראָבלעם אין פּאַלעסטינע. אהער גייט אַריין דער אַראַבישער קליינבירגער, אָדער באַלמעלאָכע, וועלכער האָט געלעבט פון אַראַבישן פּויער. יעדער שטח, וואָס פאַלט אַריין—דורך די דערמאָנטע מיטלען פון גאָלד און צוואַנג—אין די הענט פון די ציוניסטן, באַדייט: אָט אַזוי פיל לעבנס־מעגלעכקייטן פאַר דער אַראַ־בישער באַפעלקערונג ווייניגער.

די קאָנסטיטוציע פון דער „אידישער אגענטור”, אָנגענומען אין ציריך דעם 14טן אויגוסט, 1929—האָט אין זינען די דאָזיגע!—זאָגט אין ארטיקל 3, אז אָפּגעקויפט לאַנד בלייבט אויף אייביג דאָס אייגנטום פון „אידישן נאַציאָנאַלן פאָנד” און טאָר קיינמאָל ניט צוריק אריין אין „גוי’אישע” הענט. די אָפּמאַכן, וואָס דער דאָזיגער פאָנד (קרן קימת) שליסט מיט די איינצלנע קאָלאָניסטן פארפליכטעט זיי, אין ארטיקל 23, „צו טאָן אַלע ארבעטן, וואָס זיינען פארבונדן מיט קולטיווירן די נחלה, נאָר מיט אידישער אַרבעט”. דער קרן היסוד האָט אַן ענלעכן ארטיקל (11), וואָס זאָגט-פאָר דעם קאָלאָניסט, אז ער טאָר ניט דינגען קיין שום אַנדערן אַרבעטער, חוץ א אידישן. די סאָציאַל-פאַשיסטן זיינען דערפון, פארשטייט זיך, זייער צופרידן. אָבער וואָס באַדייט עס אַלץ פאַר דעם אראַבישן האַרעפּאַשניק?

דער אידישער אַרבעטער אין פּוילן, וועלכער פארלירט זיין ברויט צוליב דעם פּויליש-שאָוויניסטישן געשריי „סוואָי דאָ סוועגאָ” (אַן אייגענער צו אייגענע) און דער אימיגראַנט אין דעטראָיט, וואָס קאָן ניט קריגן קיין ארבעט ביי דער שטאָט צוליב דעם לאָזונג „נאָר פאַר אמעריקאַנער”, וועלן אפשר קענען אָפּשאַצן, ווי אַזוי דער אראַבישער האַרעפּאַשניק מוז רעאַגירן אויף א „סוואָי דאָ סוועגאָ” פון אַריינדרינגער, וואָס באַנוצן זיך מיט גאָלד און באַיאָנעטן אויסצוראָטן אים אויף דעם אָרט, וואו ער איז געזעסן פון דור-דורות.

און די, וואָס ווערן אַזוי פאַרציטערט פון די ווערטער „גירוש שפּאַניע”, „גירוש מאָסקווע”, און קלאָגן אַזוי אויף דעם גורל פון די אידישע איינוואוינער, וואָס זיינען אין די אַכציגער יאָרן ארויסגעטריבן געוואָרן פון די דערפער—זאָלן זיי זיך אַריינטראַכטן אין דעם, ווי אַזוי די אַראַבישע באַפעלקערונג שאַצט אָפּ דעם גירוש עזדראַעלאָן—נאָכאַמאָל: די פּרוכבאַרסטע געגענט אין פּאַלעסטינע—דעם גירוש וואַדי האַוואַריט, און די אַנדערע גירושים. מיט וויפיל ליידן און טרערן און אומגעקומענע פון הונגער און קראַנקהייט זיינען אָט-די גירושים באַגלייט? וואָס פאַר א קלאָג-לידער וועגן אָט-די גירושים ווערן געזונגען?

צווישן אַלע אראַבער הערשט א שרעק, מיט זיי זאָל ניט פּאַסירן דאָס אייגענע, וואָס מיט די איינוואוינער פון יענע געגענטן, זאָגט די שאָ-קאָמיסיע. קען ווער צווייפלען אין דעם? וואָס ווייס דער אראַבישער פּויער, אָדער קליינבירגער, וואָס דער פּריץ פון דאָרף, אָדער פון שטעטל, טוט אָפּ אין שטאָט, אין אויסלאַנד, ווען יענער דערזעט פאַר זיך די מעגלעכקייט אריינצוזוקריגן אביסל ציוניסטיש גאָלד?

די אַראַבער קוקן אויף דעם אַריבערגאַנג פון באָדן אין די הענט

פון ציוניסטן—אויף אייביג!—מיט אַלאַרם, זאָגט סימפּסאָן אין זיין באַריכט. קען מען דערין צווייפלען?*)

„וואַווידאַ איוורית טעהוראַ”

די אויבנגעבראַכטע פאַקטן קענען אונז געבן אַ באַגריף פון דעם „מאָראַלישן ווערט” פון אַן אַנדער אַרגומענט, וואָס סאָציאַל־פאַשיסטן ווענדן געוויינטלעך אָן: איז דען ניט בעסער פאַר׳ן אַראַבער צו אַר־בעטן ביים „ציוויליזירטן” אידן איידער זיין פאַרשקלאַפט ביים עפענ־די?**) עס איז אמת, אַז אין די אַלטע קאָלאָניעס פון באַראָן ראָטשילד, וואו קיין „סוואַי דאַ סוועגאַ” קאָנטראַקטן זיינען ניט געמאַכט געוואָרן מיט די קאָלאָניסטן, ווערן אַ סך אַראַבער עקספּלואַטירט—צווישן זיי ניט ווייניג אַראַבער, וואָס זיינען אַראָפּגעטריבן געוואָרן פון זייער באָדן, און, זייער אָפּט, דוקא אָן אַ שום קאָמפּענסאַציע. אָבער די נייע קאָלאָניזאַציע, זינט דער פּעריאָד פון דער „אידישער היים” האָט זיך אָנגעהויבן, שליסט דאַך אַבסאָלוט אויס אַראַבישע אַרבעט

*) דער אַגענט פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, סימפּסאָן, שפּילט דאָ אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק, דערמיט וואָס ער שטעלט זיך אַרויס, ווי דער באַשיצער פון דעם אַראַבישן פעלאַך—געגן דעם אָנגריף פון ציוניזם. אָבער אין דעם פאַל האָט די ציוניסטישע באַוועגונג באַוויזן איר פּנים פּונקט אַזוי אָפן, ווי בעת עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן צושטעלן ענגלאַנד אַגענטן אין אָדעס און כאַרבין. דעם 21טן אָקטאָבער 1930, ווען דער קאָלאָניאַל־מיניס־טעריום אין לאָנדאָן, אין דער פּערזאָן פון לאָרד פּאַספילד, האָט אַרויסגע־געבן דעם באַרימטן „ווייסן פּאַפּיר”, האָט ווייצמאַן, דעמאָלטיגער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון דער „אידישער אַגענטור”, אָפּגעזאָגט זיך פון זיין אַמט. דערביי האָט ווייצמאַן דערקלערט:

„עס זעט אויס ווי די רעגירונג וואָלט אַוועקגעשטעלט דעם פּרינציפּ, אַז יעדער לאַנדלאָזער אַראַבער און זיין פאַמיליע זיינען באַרעכטיגט באַ־זעצט צו ווערן אויף לאַנד, און אַז עס איז די פליכט פון דער רעגירונג צו זען, אַז ער זאָל באַזעצט ווערן און צוגעשטעלן די מיטלען, וואָס זאָלן העלפן אים באַזאָרגן. עס איז קלאָר, אַז אַזאַ ווייטגרייכנדער און מאָדנער פּרינציפּ גייט ווייט אַריבער יעדע פאָדערונג אָדער אָנדייטונג אין דעם מאַנדאַט און עס וועט ערנסט שטערן אין דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער נאַציאָנאַ־לער היים”. („איטא”־דעפּעשע אין „טאָג”, 21טן אָקטאָבער, 1930).

ווייצמאַן איז, אָן ספק, גערעכט, אַז ענגלאַנד׳ס כלומרשטער אָנגעמען זיך פאַר די לאַנדלאָזע אַראַבער איז געגן דעם „גייסט” פון דעם מאַנדאַט. אָבער בעת דער ענגלישער אימפּעריאַליזם שפּילט פּאָליטיק און שטעלט זיך אַרויס ווי אַ פרוינט פון די פעלאַכן, זאָגט ווייצמאַן אָפן, אַז געבן ערד לאַנדלאָזע פּויערים איז אַ „מאָדנער פּרינציפּ”... דער ציוניזם האָט זיך דאָ אָפן אַרויס־געזאָגט פאַר א ו י ס ר אָ ט ן די לאַנדלאָזע פּויערים, און האָט ווידער גע־געבן דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם אַ געלעגנהייט אַרויסצושטעלן זיך ווי דער באַשיצער פון די אַראַבער. ווייצמאַנ׳ס דערקלערונג, וועלכע איז ברייט באַקאַנט געוואָרן צווישן די אַראַבער, האָט דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם זייער שטאַרק געדינט.

**) דער פּועלי ציון ניר, אין „ווירטשאַפט און פּאָליטיק אין ארץ ישראל”, שטעלט־אויף אויף דעם אַרגומענט אַ גאַנצע געביידע פון „ציוויליזאַטאָרישער” אַרבעט צווישן די אַראַבער און פלאַפּלט וועגן „מאַרקסיזם”.

און דאָ קומען מיר צו דעם צווילינג פון „קיבעש האָרעץ" — „עבודה עיברית טהורה" (ריינע אידישע אַרבעט)... דאָ, אין שטאָט, קומען מיר ערשט באמת צו צום לאָזונג „סוואַי דאָ סוועגאָ", וואָס זעצט פאָר די אויסראָטונג פון דעם אַראַבישן האַרעפּאַשניק. דאָ, אין שטאָט, ווערט ער אויסגעראָטן דורך דעם אָנגריף פון א „אידישער אינדוסטריע", וואָס זעגלט אונטער ברענענדיג־שאָוויניסטישע לאָזונגען.

וועגן דער „אינדוסטריע"—שפּעטער. א בליק אויף עטלעכע פון די „גרעסערע" אונטערנעמונגען דערציילט אונז כסדר, ווי דער לאָזונג „ריינע אידישע אַרבעט" ווערט דורכגעפירט. אין די מילן ביי חיפה, אין דער „שעמען"-פאַבריק, אין דער צעמענט־פאַבריק—די „גיגאַנטן" פון פּאַלעסטינע, וואָס באַשעפטיגן יעדער צווישן 100 און 300 אַרבעטער—זיינען אַראַבישע אַרבעטער כמעט ניטאָ. נאָר אין דער צעמענט־פאַבריק, ביי דער שווערסטער און ערגסטער אַרבעט, ווערן אַראַבער באַשעפטיגט. פון די קליינע אונטערנעמונגען איז אָפּגערעדט. דער קליינער אונטערנעמער—און דער אבסאָלוט גרעסטער טייל פון דער פּאַלעסטינער „אינדוסטריע" באַשטייט פון קליינע אונטערנעמונגען—האָט נאָך מער מורא צו באַשעפטיגן אַראַבישע אַרבעטער, ווי דער גרעסערער, ווייל ער איז דירעקט אָנגעוויזן אויפ'ן שאָוויניסטישן קויפער, און ווייל ער האָט מורא פאַר דעם אָרגאַניזירטען שאָוויניזם, באַזונדערס — ווי ער איז אויסגעדריקט דורך די סאָציאַל־פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט און זייערע אינסטיטוציעס.

נאָך דעם אויפשטאַנד אין אויגוסט, 1929, האָט הוגאָ ברעגמאַן (פון דער מאַגנעס־גרופּע) דערציילט, אז אים פּלעגט ווי טאָן דאָס הארץ, ווען ער פּלעגט זען אין דעם אָרגאַן פון סאָציאַל־פאַשיזם, „דאַוואר" (דבר), די אָפּטיילונג: „כיירעם" (חרם),—אין חרם זאָלן אריינגעלייגט ווערן די־און־די אונטערנעמער, וואָס באַשעפטיגן אַראַבישע אַרבעטער! סטרייקס פּלעגן דערקלערט ווערן געגן אַזעלכע אונטערנעמער! געוויינטלעך לוינט זיך אָבער ניט דעם אונטערנעמער דער עסק, ווייל ער קען מיט'ן לאָזונג פון „בויען דעם ישוב" עקספּלואַטירן אידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען פאַרפירט און פאַר'סמ'ט פון ציוניסטישן שאָוויניזם. אויב דער אַרבעטער לאָזט זיך אַליין ניט, קומט דער סאָציאַל־פאַשיסטישער פּראָפּאַראַיין דעם אונטערנעמער צונויף.*)

1*) סימפּסאָן דערציילט (ז. 136), ווי אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער „הסתדרות" האָט אים דערקלערט: „אויב מיר וואָלטן געווען געצוואונגען צו באַשעפטיגן אַראַבער, וואָלטן מיר ניט אונטערנומען קיין נייע

די גאַנצע שאָוויניסטישע און סאָציאַל־פאַשיסטישע מאַשין, אַלע אינסטיטוציעס, די גאַנצע „עפנטלעכע מיינונג", איז איינגעשטעלט אין דער ריכטונג פון „ריינער אידישער ארבעט". פאַר די אַראַבער איז ניט נאָר שווער צו שאַפן נייע אונטערנעמונגען, אָדער נייע אינדוסטריע־צווייגן, נאָר זיי ווערן ארויסגעשטויסן פון די אַלטע אינדוסטריע־צווייגן, דורך דעם אָנגריף פון ציוניסטישן ישוב, וועלכער האָט די אויבערהאַנט—מער קאַפּיטאַלן, מער דערפאַרונג, בעסערע טעכניק, און אַזוי ווייטער. אַזאַ אינדוסטריע, ווען זי זעגלט אונטער'ן לאָזונג פון באָיקאָט געגן אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט, איז זי אַ שאַרפער מיטל פון עקספּלואַטאַציע פאַר די אַרבעטער, וואָס זי באַשעפטיגט, און אַן אויסראָטונג־מיטל געגן דער נאַציאָנאַליטעט, וואָס זי באָיקאָטירט. אין דעם פאַל האַנדלט זיך עס וועגן די אידישע אַרבעטער, וועלכע ווערן אויסגעזויגן פון אידישן פאַבריקאַנט, מיט דער הילף פון שאָוויניזם, און עס האַנדלט זיך וועגן די אַראַבישע האָרעפאַשניקעס, געגן וועלכע עס ווערט געפירט אַן אויסראָטונג־אַטאַקע.

אַלע רייד, אַז די אַראַבער—חוץ די עפענדים און קליינע הייפעלעך קולאַקעס און אַנדערע פּאַראַזיטישע עלעמענטן—געווינען פון דער ציוניסטישער אַוואַנטיורע, ווייל „אין לאַנד" ווערן אריינגעבראַכט קאַפּיטאַלן, טעכניק, „קולטור", האָט אַזוי פיל ווערט, ווי די רייד פון די אימפּעריאַליסטישע באַצווינגער אין אינדיע, כינע, קאָרייע, קאָנגאָ, ניקאַראַגואַ, און אַלערליי אַנדערע קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער. פאַר דער אָרטיגער באַפעלקערונג באַדייט אַזאַ „קולטור־טרעגעריי" שטענדיג—גרעסערע אָרימקייט, מער ליידן, גרעסערע שטערבלעכקייט, ווי דאָס באַווייזט די סטאַטיסטיק אומעטום, און ווי דאָס פאַסירט אין פּאַלעסטינע. אין די דערמאָנטע ערטער טוען עס די ענגלישע, אַמעריקאַנישע, יאַפּאַנעזישע, בעלגישע אימפּעריאַליסטן, אַמאָל דירעקט און אַמאָל דורך אַנדערע. אין פּאַלעסטינע טוט דער ענגלישער אימפּעריאַליזם די אויסראָטונג־אַרבעט דורך די ציוניסטן.

אַרבעטן. דער ציוניסטישער צוועק פון די אַלע אונטערנעמונגען איז צו באַשעפטיגן אידן, אויב ניט, פעלן מיר דורך אין אונזער ציל". קיין נייעס איז דאָ ניט אַנטדעקט געוואָרן, אָבער די אָפנהערציגקייט איז דאָ כאַראַקטעריסטיש. ווען די סאָציאַל־פאַשיסטן קומען צו די אידישע אַרבעטער, זינגען זיי ווייט ניט אַזוי אָפנהערציג. דאָ הערן זיי ניט אויף צו ריידן פון די טובות, וואָס דער אַראַבער האָט פון דער ציוניסטישער טעטיגקייט אין פּאַלעסטינע.

אויף אימפעריאַליסטישע באַיאָנעטן

וויינינע רעכט ווי בעת דער הערשאַפט פון טערקיי

דער אָנגרייפנדיגער כאַראַקטער פון ציוניזם אין פּאַלעסטינע פאַר־מאָגט אָבער אין זיך חוץ „כיבוש הארץ" און „כיבוש העבודה" — אויך א דירעקטן עלעמענט, וואו די אַטאַקע אויף די אַראַבער ווערט שוין געמאַכט גאָר אָפן, אָן א שום פאַרזוך אפילו זיך צו פאַרענט־פערן.

די אַראַבער, וואָס צאָלן נאָך מער שטייערן ווי בעת דער הער־שאַפט פון טערקיי איבער פּאַלעסטינע, ווי מיר האָבן שוין געזען פריי־ער, פאַרמאָגן דערפאַר, אונטער דער הערשאַפט פון ענגלישן אימ־פעריאַליזם, נאָך וויניגער פּאָליטישע רעכט, ווי בעת טערקיי׳ס הער־שאַפט.

די רעכט פון דער באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע פאַר דער מלחמה איז געווען קלאָגעדיג גענוג. וואָלרעכט האָבן טאַקע געהאַט די מיט־טע איינוואוינער—פון דעם ווילער האָט זיך געפאָדערט א מינימום־שטייער פון צען שילינג ($2.50) א יאָר, דירעקט. אָבער די פּאַרלאַ־מענט־וואַלן זיינען געווען אומדירעקטע. פּאַלעסטינע האָט געהאַט א מין לאָקאַלע „זעלבסטפאַרוואַלטונג" און א פּאַרלאַמענט־פאַרטרעטער־שאַפט פון 6 דעפּוטאַטן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס האָט מיט די מאַסן וויניג וואָס געהאַט צו טאָן.

איצטער איז דאָס אויך ניטאָ. די בורזשואַזיע און דער קליינ-בירגער האָבן איצט וויניגער, ווי זיי האָבן געהאַט פריער. אויך דער האָרעפּאַשניק ווערט, צוליב דער פּראָפּאַגאַנדע פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ, דורכגעדרונגען מיט׳ן געדאַנק, אז פריער אפילו, איידער ער האָט פאַרגאָסן זיין בלוט צו „באַפרייען" דאָס לאַנד פון טערקישן יאָך, איז געווען מער רעכט. אז איצט איז קיין רעכט ניטאָ, אפילו ניט קיין סימן פון בורזשואַזע רעכט, איז קיין ספק ניט. און ווער—טראַכט דער אַראַבער—איז אין דעם שולדיג, ווער האָט צונישט גע־מאַכט די קרבנות, וואָס מען האָט געבראַכט בעת דער מלחמה, אויב ניט די ציוניסטן, מיט זייער שטרעבונג צו מאַכן פון פּאַלעסטינע א

„אידישע מלוכה”, ווי וויצמאַן האָט זיך אויסגעדריקט: „פּאַלעס־טינע זאָל זיין אַזוי אידיש, ווי ענגלאַנד איז ענגליש”?

דאָ, אויפ׳ן פּאָליטישן געביט, נאָך מער ווי בנוגע דער ערד־פראַגע, האָט זיך דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם איינגעגעבן אַרויסצושטעלן דעם ציוניזם נאָך אין אַן ערגער ליכט ווי ער אַליין, דער אימפּעריאַליזם, איז. טשוירטשיל, אין זיין ווייסן פּאַפּיר, וואו ער האָט גערעדט וועגן אַ „אידישער היים” אין פּאַלעסטינע—אין אַראַבּיש׳ע פּאַלעסטינע,—האָט גלייכצייטיג באַשטימט דעם „קאָונסיל” פאַר פּאַלעסטינע, וועלכער האָט, לויט טשוירטשיל׳ס ווערטער, געזאָלט זיין אַ „אָנהויב” פאַר „פולער” זעלבסטשטענדיגקייט” פון פּאַלעסטינע, אונטער דער „פּראָטעקציע” פון ענגלאַנד. מען האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז אַזאַ „זעלבסטשטענדיגקייט” וואָלט דערגאַנגען „אַזש” ביז אַ„פּאַרלאַ־מענט”. חוץ טשוירטשיל׳ן האָבן אַ גאַנצע ריי ענגלישע מלוכה־לייט, פון אַלע פּאַרטייען, ניט איינמאָל גערעדט וועגן אַ „פּאַרלאַמענט” אין פּאַלעסטינע. יעדעס מאָל ווען מען האָט באַדאַרפט איינשטילן די אַראַ־בּישע מאַסן, אָדער אָריענטירן זיך אויף דער אַראַבּישער בורזשואַ־זיע, האָט מען אַרויסגעשלעפּט דעם צוזאָג: פּאַרלאַמענט. אָבער, פּונקט ווי אין דער ערד־פראַגע האָבן די ציוניסטן דערקלערט, אַז געבן לאַנד־לאָזע פּויערים ערד איז אַ „מאָדנער פּרינציפּ”, אַזוי האָבן די ציוניסטן —די גרויסע אָנהייגער פון דעמאָקראַטיע, אָדער גאָר די וואָס מאַס־קירן זיך מיט „סאָציאַליסטישע” פראַזן,—שטענדיג באַטראַכט אפילו אַ נישטיגע בורזשואַז־דעמאָקראַטישע זאַך, ווי אַ „פּאַרלאַמענט”, וואָס איז דערצו נאָך אַ מתנה פון ענגלישן אימפּעריאַליזם—ווי אַ „מאָד־נער פּרינציפּ”.

די שאָ־קאָמיסיע דערציילט אין איר באַריכט (זייט 129), אַז בעת אירע פאַרהערן אין פּאַלעסטינע, אין סוף 1929, האָט מען געשטעלט אַ פראַגע דעם דעמאָלטיגן הויפּט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין פּאַלעסטינע, הערי סאַקער, ווי לאַנג דער ענגלישער מאַנדאַט אי־בער פּאַלעסטינע דאַרף, לויט זיין מיינונג, אָנהאַלטן. דאַרף דער מאַנ־דאַט אָנגעהאַלטן ווערן אויף שטענדיג?

— סוירטנלי (געוויס),—האָט סאַקער געענטפערט.

דער ציוניזם האָט דאָ ווידעראַמאָל געהאַט די געלעגנהייט אַרויס־צושטעלן זיך פאַר די אַראַבער און פאַר דער גאַנצער וועלט ווי דער אָפענער אַגענט פון ענגלישן אימפּעריאַליזם. די שאָ־קאָמיסיע האָט זיך, אָן ספק, געפילט געשמייכלט פון אַזאַ ענטפער.

דער ציוניזם האָט זייער פיל צו פאַרלירן פון אַ וועלכער עס איז לאָקאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג, וואו די מערהייט פון דער באַפעלקע־רונג וואָלט אין וועלכער עס איז מאָס אויסגעאיבט איר רעכט.

נאָר ניט קיין פּאַרלאַמענט!

די גרייטקייט פון ציוניזם צו דינען ענגלאַנד און צו שטיצן זיך אויף ענגלישע באַיאָנעטן, ווערט צום אָפנסטן אויסגעדריקט פון די רעוויזיאָניסטן. אין ניו־יאָרקער זשורנאַל „מענאָרא" (נאָוועמבער־דעצעמבער אויסגאַבע, 1930), דערציילט הערבערט סאָלאָוו וועגן אַן אנקעטע־בויגן, וואָס ער האָט אין 1929 געשיקט צום רעוויזיאָניסטישן פירער, וואָלפגאַנג פאָן ווייזל, וועלכער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין די ערשטע רעוויזיאָניסטיש־פאַשיסטישע דעמאָנסטראַציעס אין ירושלים, אין אויגוסט, 1929. פאָן ווייזל האָט געענטפערט:

„מיר וועלן קיינמאָל ניט מסכים זיין אויף אַ פּאַרלאַמענט מיט אַן אַראַבישער מערהייט — דאָס וואָלט געווען זעלבסטמאָרד"... „נאָר ענגלאַנד קאָנען מיר באַטראַכטן פאַר אַ פאַרבינדעטן"... „אונזער פּאָליטיק מוז זיין קאָנצענטרירט אויף איר, וועט זי אונז באַטראַכטן ווי אַ פאַרבינדעטן"... „ציוניזם מוז אָפּהייגגען פון איר (ענגלאַנד'ס) גרייטקייט צו געבן מיליטערישע שוץ אַ אידישע מינדערהייט געגן אַן אַראַבישער מערהייט. איצט אָבער דערלויבן זיך באַרימטע ציוניסטן צו ריידן געגן אימפּעריאַליזם, מיליטאַריזם און באַיאָנעטן. די שטעלונג פון אַזעלכע דזשענטלמען פּאָרט זיך שלעכט מיט זייער אָנוועזנהייט אין פּאַלעסטינע געגן דעם ווילן פון איר מערהייט באַפעלקערונג"... „חוץ דעם, מיר פילן די נויטווענדיגקייט צוריקצוצאָלן ענגלאַנד, אויב זי זאָל אונז געבן געהעריגע פּאָליטישע און פינאַנציעלע הילף. עס וואָלט ניט קלוג געווען צו דערקלערן אין איינצלהייט, וואָס די אידן קענען טאָן פאַר ענגלאַנד. איין וואונק מעג מען זיך דערלויבן: דער פאָרשלאַג צו מאַכן פון פּאַלעסטינע די זיבעטע דאָמיניאָן*), וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן פון דער רעוויזיאָניסטישער קאָנפערענץ אין ווין, אין 1929. נאָך אַ וואונק: איינלאַדן באַאַמטע פון דער בריטישער אימפּעריע (אויך ניט־אידן), זיי זאָלן פאַרנעמען פאַראַנטוואָרטלעכע ערטער אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין יעדן פאַל, מיר דאַרפן באַווייזן ענגלאַנד, אַז אַ אידישע פּאַלעסטינע וועט איר ברייגגען מער נוץ, ווי אַן אַראַבישע".

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער פירער פון רעוויזיאָניזם האָט צוגעשיקט אָט־דעם פּראָ־ענגלישן ענטפער שוין נאָך די אויגוסט־געשעענישן. די רעוויזיאָניסטן זיינען גרייט צו פאַרגעסן די וואונדן, וואָס ענגלאַנד האָט געמאַכט דער „אידישער היים", פּונקט ווי פאָן ווייזל איז גרייט געווען צו פאַרגעסן זיינע פיזישע וואונדן. זינט אויגוסט 1929 האָבן זיך אָבער ביי די רעוויזיאָניסטן שאַרף אַנטוויקלט טענ־

*) ווי קאַנאַדע, אָדער אויסטראַליע, למשל.

דענצן צו פּרובירן אויסנוצן דעם אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם געגן ענגלישן. דערפאַר דער אומאָפיציעלער פאַרבאַנד צווישן זיי און דעם בראַנדייסיסטישן טייל פון דער אַמעריקאַנישער דעלעגאַציע אויפ'ן זיבעצנטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזל.*) דאָ איז וויכטיג צו אונטערשטרייכן, אַז דער באַזעלער קאָנגרעס, נאָך א דעבאַטע פון צען טעג צייט, האָט אָנגענומען די רעוויזיאָניסטישע שטעלונג בנוגע א אידישער מערהייט אין פּאַלעסטינע. אזוי אַז ווייצמאַן, וועלכער האָט אין 1930 פּראָקלאַמירט, אַז פּאַלעסטינע מוז זיין א צוויי־נאַציאָנען-שטאַט, האָט אין זיין גרויסער רעדע אין באַזל פּאַרטייטשט: פּאַריטעט מיט די אַראַבער, אָבער „זיי מוזן געדיינקען, אַז מיר, פון אונזער זייט, וועלן זיך קיינמאָל ניט אונטערוואַרפן קיין פּאָליטישער הערשאַפט.**) די דאָזיגע „פּייערלעכע” ווערטער האָבן געקראָגן „לעבהאַפטן בייפאַל”, זאָגט דער אָפיציעלער באַריכט, הגם בכלל גענומען האָט ווייצמאַן אין באַזל דעם מאָל געקראָגן זייער ווייניג בייפאַל...

עס וועט קוים אימיצן איינפאַלן צו חושד זיין ווייצמאַנ'ען אין אומטרייקייט צו ענגלאַנד. פאַרקערט, טאַקע ווייל ער וויל דינען ענגלאַנד בעסער, טאַקע ווייל ער ווייס ענגלאַנד'ס שוועריגקייטן אין אַלע קאָלאָניעס, אויך אין פּאַלעסטינע, האָט ער פאַרבויגן זיין לאָזונג „פּאַלעסטינע זאָל זיין אַזוי אידיש, ווי ענגלאַנד איז ענגליש”, און איז אַרויסגעקומען פאַר „פּאַריטעט”, וואָס דאָס הייסט אויך — אונטערדריקן די מערהייט. ער איז אַזוי געטריי ענגלאַנד, אַז ער איז גרייט געווען צו ברייגנען קרבנות אַלס ציוניסט. ענגלאַנד וועט אים און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, מוחל זיין, און וועט דעם ציוניזם ווייטער שמיצן מיט אירע באַיאָנעטן, ווייל סיי־ווי איז זי ניט אוסן דעם ציוניזם, נאָר פּאַלעסטינע — פאַר זיך, פאַר אירע אימפּעריאַליסטישע צוועקן.

די אַרסענאַלן

דער פאַקט אַליין, וואָס מען מוז האָבן באַיאָנעטן, רעדט געגוג פאַר'ן אַוואַנטיוריסטישן, אָנגרייפנדיגן כאַראַקטער פון ציוניזם. דער

*) דער צאָרן פון די רעוויזיאָניסטן געגן ענגלאַנד האָט זיך ניט אויפגעהערט שטאַרקן זינט פּאַספילד'ס ווייסן פּאַפּיר. מיט יעדן טראָט פון ענגלישן אימפּעריאַליזם אין פּאַלעסטינע ווערט אַלץ קלאָרער, אַז דער ווייסער פּאַפּיר ווערט דורכגעפירט און די „גזירות” פון דעם פּאַפּיר—דאָס אָפּשטעלן אימיגראַציע און דאָס באַגרענעצן דעם איינקויף פון לאַנד—ווערן נאָך מער פאַרשטאַרקט. דאָס האָט געפירט צו אן אָפענעם סטראַשונאָק פון זשאַבאָטינסקי'ן געגן ענגלאַנד, מיט'ן צאָרן פון „פופצן מיליאָן אידן”... די אנטוויקלונגען האָבן אויך געשטאַרקט די פּראָ־אַמעריקאַנישע טענדענצן אין ציוניזם. (זע זז. 95—99).

**) „קאָנגרעס־ציייטונג”, נומ. 2, ז. 12.

פאַקט לייקנט אָפּ אויפ'ן אנטשיידנדיגסטן אופן דעם אויגנשיינלעכן ליגן, אז אין פאַלעסטינע איז דאָ פריי לאַנד און אז די אַראַבער גע־נימען פון דער ציוניסטישער „אונטערנעמונג". דאָרט וואו עס איז פאַראַן לאַנד, אפילו אונטער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט (אַרגענ־טינע, למשל), דאַרף מען ניט קיין באַיאָנעטן צו באַשיצן די קאָלאָ־ניעס. דאָרט וואו די באַפעלקערונג געניסט פון דער קאָלאָניזאַציע, דאַרף מען ניט קיין באַיאָנעטן. די טענה, אז די אַראַבער ווערן „אויפ־געהעצט פון אַגיטאַטאָרס", כאַראַקטעריזירט נאָך שאַרפער דעם רעאַק־ציאָנערן אינהאַלט פון ציוניזם. אַזוי זאָגן רעאַקציאָנערן און אימ־פעריאַליסטן שטענדיג: די אַגיטאַטאָרס זיינען שולדיג.

קיין ציוניסט וועט ניט געלינגען אָפּצולייקענען דעם פאַקט, אַז דער ציוניזם שטיצט זיך אויף באַיאָנעטן. דער ציוניזם קאָן ניט אַנדערש, ווען ער גייט אויפ'ן לעבן פון א ריזיגער מערהייט, סיי עקאָנאָמיש און סיי פּאָליטיש. דערפאַר די אַרסענאַלן אין די ציוניסטישע קאָלאָ־ניעס. לויט דער שאָ־קאָמיסיע האָבן זיך די אַרסענאַלן,—וועלכע זיי־נען פאַר'חתמ'עט, און אין יעדער קאָלאָניע ליגט דער שליסן ביי אַזעלכן וועמען ענגלאַנד געטרויט,—ווען זיי זיינען אָפּגעשאַפט גע־וואָרן, אין 1924, געפונען 817 ביקסן. די שאָ־קאָמיסיע האָט רעקאָמענ-דירט, אַז די אַרסענאַלן זאָלן ווידער איינגעפירט ווערן (זייט 87) און פּאַספילד'ס ווייסער פּאַפּיר פון מאַי, 1930, דערקלערט אויף זייט 10: „די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט איז פולשטענדיג צופרידן בנוגע דער נויטווענדיגקייט פון פאַר'חתמ'עטע אַרסענאַלן; אָן זיי וואָלט די געהעריגע פאַרטיידיגונג פון די קאָלאָניעס דערגרייכט געוואָרן נאָר פאַר א פאַרבאָטענעם פרייז". די ציוניסטן האָבן די שטעל פון דעם ווייסן פּאַפּיר זייער דיפּלאָמאַטיש פאַרשוויגן אין זייערע קאָמענטאַרן. אַזוי האָבן זיי אין פאַרבינדונג מיט'ן ווייסן פּאַפּיר פון אָקט., 1930, וועגן וועלכן זיי האָבן וועלטן איינגעלייגט, פאַרשוויגן די פאָלגנדיגע שטעל: „די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט האָט באַשלאָסן דערווייל¬ע אויפצוהאַלטן אין פאַלעסטינע צוויי באַטאַליאָנען אינפאַנטעריע; חוץ דעם, צוויי סקאַדראָנען אַעראָפּלאַנען און פיר סעקציעס געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן וועלן זיין צום דינסט אין פאַלעסטינע און טראַנסיאָר־דאַניע" (זייט 12). דאָ זאָגט אויך פּאַספילד, אַז די אַרסענאַלן זיינען שוין, דעמאָלט, געווען איינגעפירט. דאָ זעען מיר די דירעקטע הילף פון ציוניזם, ביים אויפהאַלטן דעם אימפּעריאַליזם. אין טראַנס־יאָרדאַניע קאָן די ענגלישע רעגירונג ניט שפּאָרן מיליטער. דאָרט האָט זי ניט קיין אייגענע אַגענטן וועמען זי זאָל קענען אויסטיילן א טויזנט ביקסן, האָט ניט קיין קאָלאָניעס, וואָס זאָלן דינען ווי באַ־וואָפנטע פאַרפּאָסטנס פון אימפּעריאַליזם. אין פאַלעסטינע האָט זי עס

יע, און קען שפּאָרן פון „פּאַרבאַטענעם פּרייז”,—כאַטש דער ביוד-זשעט פאַר רעפּרעסיווע מיטלען, ווי מיר האָבן געזען, איז גענוג „פּאַר-באַטן”-גרויס.

אָבער אַזעלכע איינשפּאָרענישן, כדי צו אונטערדריקן אַ ריזיגע מערהייט פון דער באַפעלקערונג, גייען ניט אָפּ גלאַט. טאַקע צוליב דער שטאַרקערער עמפּערונג, וואָס די אַרסענאַלן האָבן אַרויסגערופן, איז דער ענגלישער אימפּעריאַליזם געווען געצוואונגען ווייטער צו פאַרשטאַרקן די מיליטערישע מחנות, און איז דערפאַר באַגריסט גע-וואָרן פון ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזל, דעם 1טן יולי, 1931. אין זיין פּאָליטישן באַריכט, האָט דער מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, פּראָפעסאָר ז. בראָדעצקי (פון דער אוניווערזיטעט אין לידז, ענגלאַנד), געזאָגט:

„מיר זיינען מיט דער מיינונג, אַז די פראַגע וועגן דער זיכערקייט אין פּאַלעסטינע איז נאָך ניט געלייזט, און עס וועט זיין איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאַבן פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע און פון דער קומענדיגער עקזעקוטיווע די זיכערקייט-פראַגע צו באַהאַנדלען. אַז אָפּקלאַנג פון דער טעטיגקייט פון דער רעגירונג בנוגע דער זיכערקייט קען מען זען אין דעם, וואָס אין דעם ביודזשעט פאַר פּאַלעסטינע זיי-נען די אויסגאַבן פאַר מיליטערישע און פּאָליציייאישע צוועקן גרעסער געוואָרן. דאָס איז אויך איינער פון די גרעסטע פאַקטאָרן, וואָס מיר מוזן נעמען אין אכט, ווען מיר ריידן איבערהויפּט פון די פינאַנצן פון דער רעגירונג אין פּאַלעסטינע”*)

אַפּנים, אַז די פאַרשטאַרקטע באַוואָפענונג איז פאַר'ן ציוניזם ניט געווען גענוג. בראָדעצקי זאָגט אָן די קומענדיגע עקזעקוטיווע ווייטער צו „אַרבעטן” אין דער ריכטונג פון גרעסערער באַוואָפענונג.

ניט געווען קיין אייַן ריכטונג אויפן קאָנגרעס, וואָס זאָל די פאַר-שטאַרקע באַוואָפנונג ניט האָבן באַגריסט!

*) „קאָנגרעס-ציי‌טונג” נומער 2, 2טן יולי, 1931.

די „אידישע היים" פון אינעווייניג

ציוניסטישע „קאָלאָניזאַציע"

ווי קוקט אויס די „אידישע היים" פון אינעווייניג?

ווי האָט זיך די „אידישע היים" איינגעאָרדנט אויף די שפּיצן פון באַיאָנעטן?

ווי זעט אויס די קאָלאָניזאַציע דאָרט, וואו מען מוז טרייבן איינגעזעסענע פּויערים פון באָדן?

וואָס פאַר אינדוסטריע האָט מען אויפגעשטעלט דאָרט וואו עס איז ניטאָ קיין רוי־מאַטעריאַלין און וואו דער הערשנדיגער אימפּעריאַליזם איז ניט פאַראינטערעסירט אין אַ אָרטיגער אינדוסטריע?

קודם וועגן דער „קאָלאָניזאַציע". גענויע ציפערן וועגן דער צאָל איינוואוינער אין די קאָלאָניעס איז ניט פון די לייכטע זאַכן צו קריגן. ציוניסטישע ציפערן, ווי דער שטייגער איז, זיינען זיך גאַנץ אָפט סותר. אזוי האָט דער וואַרבורג־באַריכט (זייט 56) דערציילט, אז אין 1927 זיינען אין די קאָלאָניעס פון קרן היסוד געוועזן 7,303 נפשות. די ציוניסטן האָבן נעגן דעם ניט דערווידערט. אָבער צום קאָנגרעס אין ציריך האָבן די ציוניסטן אָנגעגעבן די צאָל נפשות אין די קאָלאָניעס פון קרן היסוד, פאַר'ן יאָר 1927, אויף 7,603.ביידע ציפערן שליסן איין די קאָלאָניעס, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן פון קרן היסוד דירעקט, זינט 1921, צוזאַמען מיט די קאָלאָניעס, וואָס ווערן פון קרן היסוד אונטערשטיצט. צום באַזעלער קאָנגרעס האָט דער ציוניסטישער באַריכט אָנגעגעבן די צאָל נפשות—פאַר'ן יאָר 1930—אויף 7,556, מיט 47 נפשות ווייניגער ווי אין 1927.

ניט גאָר קיין אימפּאָזאַנטע ציפערן. דער סימפּסאָן־באַריכט רעכענט אָבער אויס געגוי קאָלאָניע נאָך קאָלאָניע, לויט'ן צענזוס פון דער „אידישער אַגענטור" (ס'הייסט, פון די ציוניסטן), אויך אין 1930, און עס באַקומט זיך—6,752 נפשות אין די קאָלאָניעס פון קרן היסוד...

6,752 נפשות באַזעצט אויף דער ערד זינט 1921...

די טאַבעלע פון דעם צענזוס פון דער „אידישער אַגענטור" פאַר

יוני 1930, איז ווערט איבערגעגעבן צו ווערן אינגאנצן. זי גיט אונז א נעענטערן באגריף וועגן דער קאלאניזיר־ארבעט אין פאלעסטינע.

אידישע אימיגראציע און עמיגראציע אין פאלעסטינע, 1917־1930

טיפ קאלאניע	צאל	שטח לאנד (דונאם)		צאל נפשות		
		סך־הכל	קולטי־ווירבאר	דערוואקסענע	קינדער	סך־הכל
קאאפעראטיווע (קבוצות) — —	20	62,935	53,057	1,592	548	2,140
פריוואט־ווירטשאפט	16	62,579	60,245	1,589	1,055	2,644
אונטערשטיצטע —	9	14,758	13,659	534	273	807
מיידלשע גרופן —	5	813	699	166	——	166
טיימענער קאל. —	4	1,155	990	493	462	955
פארשיידענע — —	2	1,984	1,540	34	6	40
פראוו־סטאנציעס —	2	——	——	——	——	——
סך־הכל — —		144,224	130,190	4,408	2,344	6,752

פאר די פראוו - סטאנציעס איז קיין ציפערן ניט פאראן, אבער זיי האבן קיין גרויסן אונטערשייד ניט געקאנט מאכן, ספעציעל אין באפעלקערונג. דער וואַרבורג־באריכט גיט אן די באפעלקערונג פון איין סטאנציע אזא, אין 1927, אין—9 נפשות. האבן מיר ארום און ארום ווייניגער ווי זיבן טויזנט נפשות אין די קאלאניעס פון קרן היסוד, דערפון 2,344 קינדער. אן אנדער טאבעלע פון דעם סימפסאן־באריכט (זייט 170) אנאליזירט געגנוי דעם באשטאנד פון יעדער קא־לאניע און עס באקומט זיך, אז נאר 5,386 נפשות אין די קאלאניעס לעבן פון די ווירטשאפטן. די איבעריגע 1,366 איינוואוינער לעבן ארום די קאלאניסטן.

ווערט עס כסדר ווייניגער. אין אלע קאלאניעס, וואס דער ציוניזם האט געשאפן זינט 1921, איינגעשלאסן די קאלאניעס, וואס ווערן פון קרן היסוד אונטערגעשטיצט, געפינען זיך אויף ערד 5,386 נפשות.

וויפיל זיינען פאראן נפשות אין אלע קאלאניעס, ארום און ארום, איינגעשלאסן די אלטע, די באראן ראטשילד קאלאניעס?

דא קומען מיר ווידער צו אלערליי ציפערן, וואס זיינען סותר איינע די אנדערע. דער וואַרבורג־באריכט דערציילט, אז לויט'ן צענ־זוס פון 1922 האבן זיך אין פאלעסטינע געפונען אין די אידישע קאלאניעס 15,712 נפשות. די ציוניסטן האבן געגן דער ציפער ניט

דערווידערט. און אויב אין אַלע קאָלאָניעס פון קרן היסוד—אָנגעהויבן אין 1921—געפינען זיך איצט צווישן זעקס און זיבן טויזנט נפשות, קען מען זיך דערפון מאַכן א באַגריף וועגן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין אַלע קאָלאָניעס. צורעכענענדיג צו די 15,712 פון 1922 דעם נאַטירלעכן צוואוּקס פון דער אידישער באַפעלקערונג, וועלכער מאַכט אויס 24 פּער טויזנט (23.9 אין 1926), וועט אויסקומען, אַז אין אַלע קאָלאָניעס געפינען זיך איצט העכסטנס אַרום דרייסיג טויזנט נפשות, אַריינגערעכנט די וואָס לעבן ניט פון ערד־אַרבעט.*)

סימפּסאָן גיט אָן א גרעסערע ציפער—36,627—אָבער זי איז, ווי מיר האָבן נאָר־וואָס געזען, אַן איבערגעטריבענע. דאָס באַווייזן אפילו ציוניסטיש׳ע ציפערן. דער וואַרבורג־באַריכט (ז. 56) האָט אָפּגעשאַצט, אַז אין 1927 האָבן אין די אידישע קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינע געלעבט פון אַגריקולטורעלע און „האַלב־אַגריקולטורעלע" באַשעפטיגונגען 30,500 נפשות. די זעלביגע ציפער גיט אויך אָן דער קרן היסוד אין זיין סטאַטיסטיק, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין 1929. וואָס איז אין די קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינע פאַרגעקומען זינט 1927? טיילווייז ענטפערט אויף דעם דער ציוניסטישער באַריכט אין באַזל. דער באַריכט דערציילט, ווי געזאָגט, אַז אין די קאָלאָניעס פון קרן היסוד איז די צאָל נפשות קלענער געוואָרן (7,556 אין 1930 אָנשטאָט 7,603 אין 1927). קלענער געוואָרן—אַבסאָלוט, ניט געקוקט אויפ׳ן נאַטירלעכן וואוּקס און ניט געקוקט אויף ניי־אַריינגעקומענע (אויב אַזעלכע זיינען געווען). הייסט עס, אַז עס קומט פאָר א פּראָצעס אויף צוריק, פון דער קאָלאָניע אין שטאָט אַריין. דאָס גיט אונז א מאַסשטאַב פאַר אַלע קאָלאָניעס. דער פּראָצעס אויף צוריק האָט דאָך ניט געקענט

*) טאַקע העכסטנס דרייסיג טויזנט, ווייל דער רעכענונג ווייזט אויף ו ו י נ י ג ע ר. די 15,712 אין 1922 האָבן ביז 1931 געהאַט אַ צוּוואוּקס, אין קיילעכדיגע ציפערן, אויף 3,700 נפשות, וואָס דאָס דערפירט צו א סך־הכל פון 19,400. רעכנט מען צו אַהער די קאַרגע 7,000 באַזעצטע אין די קאָלאָניעס פון קרן היסוד, האָבן מיר א סך־הכל פון 26,400. אַ געווויסע צאָל האָט זיך מעגלעך באַזעצט אין די אַלטע קאָלאָניעס, אויף אינדיווידועלער איניציאַטיווע, אָבער צו גרויס האָט די צאָל ניט געקענט זיין—אויב דער קרן היסוד האָט מיט אַלע ריזיגע מיטלען, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט, ניט באַזעצט מער ווי 6,752 זינט 1921. עס גלויבט זיך קוים, אַז די צאָל נייע קאָלאָניסטן אין די אַלטע קאָלאָניעס זאָל באַטרעפן אין די טויזנטער. קורץ, דער רעכענונג ווייזט אויף ו ו י נ י ג ע ר ווי 30,000 איינוואוינער אין אַלע קאָלאָניעס. געדיינקען מוז מען אויך, אַז אין משך פון ניין יאָר איז דאָך אין די אַלטע קאָלאָניעס אַ געוויסער פּראָצענט אַרויסגעפאָרן אין שטאָט אַריין, און דאָס האָבן מיר ניט גענומען אין אַכט. מען מוז אויך אין זינען האָבן, אַז אין די 15,712, אין 1922, זיינען שוין אויך אריין די איינוואוינער אין די ערשטע קאָלאָניעס פון קרן היסוד, וועלכע מען האָט אָנגעהויבן גרינדן אין 1921 און וועלכע ווערן דאָ נאָכאַמאָל פאַררעכנט אין דער באַזונדערער ציילונג פון די קרן היסוד קאָלאָניעס.

זיין כאראקטעריסטיש בלויז פאר די קאלאניעס פון קרן היסוד! דער פראצעס איז א רעזולטאט פון די שטימונגען פון די אראבישע פויע-רים און — נאך מער — פון אלוועלטלעכן אגראר-קריזיס, וועלכער איז עלטער פאר'ן אינדוסטריעלן קריזיס און וועלכער האט אין לענ-דער מיט א געזינטערער קאפיטאליסטישער עקאנאמיק, ווי אין פא-לעסטינע, געשאפן דעם זעלבינן פראצעס אין דארף.

מיר האלטן דערום, אז די ציפער פון דזשאן האופ סימפסאן — 36,627 נפשות אין אלע קאלאניעס, אין יוני 1930—איז איבערגע-טריבן. די ציפער איז דערגרייכט געווארן ניט דורך א ציילונג, נאר דורך א מאטעמאטישער קאלקולאציע, אננעמענדיג דעם רעכענונג פון קרן היסוד, אז דער אגריקולטור-עלעמענט צווישן אידן אין פאלעס-טינע מאכט אויס 22.6 פראצענט פון דער אידישער באפעלקערונג. אנווענדנדיג אזא פראצענט אויף דער אידישער באפעלקערונג אין יוני 1930, וועלכער האט דעמאלט אויסגעמאכט 162,069 (ציפערן פון דירעקטאר פון געזונטהייט), דערגרייכט סימפסאן די ציפער 36,627 פאר די קאלאניעס. די ציפער איז אבער ניט ריכטיג צוליב צוויי סיבות. ערשטנס, קען מען זיך אויף דער פראצענטועלער באשטימונג פון קרן היסוד בשום אופן ניט פארלאזן. צווייטנס, ווערט דא אויסגעלאזט איינגאנצן פון אויג דער פראצעס אויף צוריק. עס איז אבער טשיקא-ווע, וואס די ציוניסטן זיינען ניט געווען צופרידן מיט סימפסאנ'ס איבערטריבענע ציפערן, באזירט אויף זייערע אייגענע חשבונות און זיי האבן אים צוגעשטעלט א מעמאראנדום מיט א קיילעכדיגער צי-פער... 46,000 (סימפסאן-באריכט, זייט 157). דאס איז ווידעראמאל א מוסטער פון „ציוניסטישע ציפערן". די ציוניסטן, וועלכע מוזן אין זייערע אייגענע באריכטן צוגעבן, אז די באפעלקערונג אין די קאלא-ניעס פאלט, האבן דא אפנים אנגענומען די וואויל-באקאנטע סוחר'שע מעטאדע פון שטעלן א ווילד-גרויסן פרייז, כדי, אויב יענער וועט אפילו עפעס אראפדינגען, וועט אויך דער פרייז בלייבן גענוג גרויס... דאס האט טאקע פאסירט מיט סימפסאנ'ען: הגם ער האט דעם פרייז פון די ציוניסטן אוועקגעמאכט מיט דער האנט, האט ער אבער פארט „איבערגעצאלט".

די באפעלקערונג אין די קאלאניעס, סיי אלטע און סיי נייע, שליסט אויך איין די „האלב-אגריקולטורעלע" באפעלקערונג, ווי זי הייסט אין דעם ווארבורג-באריכט, אדער ווי זי הייסט אויף זשאבא-טינסקי'ס גיפטיגן — געגן וויצמאנ'ען — אויסדרוק: „אויך מלמדים, שוחטים, און אפילו דעם אפטייקער".

ווי גרויס איז די האלב-אגריקולטורעלע באפעלקערונג? ווי גרויס

איז באמת די אידישע באפעלקערונג אין פאַלעסטינע, וואָס ציט איר חיונה באמת פון ערד־ארבעט?

לויט די גענויע ציפערן פון דזשאָן סימפּסאָן (ווי מיר האָבן געזען אויף זייט 75), באטרעפט די צאָל נפשות, וואָס לעבן אַרום די קאָלאָניסטן, אין די ציוניסטישע קאָלאָניעס, אן ערך צוואַנציג פּראָצענט (1,366 פון 6,752). אזא פּראָצענט קאָן אָבער בשום אופן ניט אָנגעווענדעט ווערן אויף די אַלטע קאָלאָניעס, וואָס עטלעכע פון זיי זיינען אייגנטלעך שטעטלעך, ניט קיין קאָלאָניעס. לויט דער סטאַטיסטיק פון קרן היסוד קומט אויס, אז ווייניגער ווי פופציג פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין די קאָלאָניעס (גענוי—49.7 פּראָצענט) פאַרנעמט זיך מיט ערד־אַרבעט.*) אָננעמענדיג אָט־דעם ציוניסטישן רעכענונג, קומט סימפּסאָן צום אומפאַרמיידלעכן אויספיר, אז זיין ציפער — 36,627 נפשות אין אַלע קאָלאָניעס—איז באמת ווערט אויף ווייניגער ווי אַ העלפט. די אונטערשטע שורה ביי אים איז, אז מער ווי אַרום 18,300 נפשות וואָס פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט איז אין די אידישע קאָלאָניעס ניטאָ. (ז. 158). לויט אונזער רעכענונג פון העכסטענס דרייסיג טויזנט נפשות אין די קאָלאָניעס, קומט אויס, אָננעמענדיג דעם ציוניסטישן פּראָצענט באשעפטיגטע ביי ערד־ארבעט, אז מער ווי אַרום פופצן טויזנט קאָלאָניסן, אין אַלע קאָלאָניעס, זיינען אין פאַלעסטינע ניטאָ.

פופצן טויזנט קאָלאָניסטן באזעצט אין פופציג יאָר!

דער לעבעדיגער זאַק

וויפיל האָבן זיי אָפּגעקאָסט? וואָס קאָסט קאָלאָניזאַציע אין פאַלעסטינע?

דאָס איז וויכטיג צו דערגיין, ווייל דאָ דערוויסן מיר זיך ווי־דעראַמאָל וועגן דעם מאַנגל אין ערד, וואָס מען מוז זיך דערווערבן דורך ספּעקולאַטיווע פּרייזן, אָפּגילטנדיג די פּריצים, און וועגן דעם אומגעזונטן עקאָנאָמישן באָדן, אויף וועלכן די קאָלאָניעס געפינען זיך.

וויפיל געלט די קאָלאָניעס האָבן אָפּגעקאָסט די גאַנצע פופציג יאָר וועט בכלל זיין שווער פעסטצושטעלן. דער וואַרבורג־באַריכט (ז. 36) רעדט וועגן פופציג מיליאָן דאָלאַר, וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין פאַלעסטינע בלויז אין די יאָרן 1922—1927. ווייצמאַן,

*) סימפּסאָן־באַריכט, ז. 157. די קאָלאָניע פּתח תקוה איז אַ ביישפּיל. זי פאַרמאָגט 9,000 איינוואוינער, צווישן זיי ק ר ע מ ע ר — 500 פ אַ מ י־ ל י ע ס („מאָרגן זשורנאַל", 3טן יולי, 1931)...

ווען ער האָט רעזיגנירט פון זיין פרעזידענטשאַפט פון דער „אגענטור" און פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אויף מאָרגן נאָך פאַספילד'ס ווייסן פאַפיר, האָט דערקלערט, אַז אין פּאַלעסטינע זיינען אין צען יאָר צייט אַריינגעבראַכט געוואָרן צוויי הונדערט מיליאָן דאָלאַר. („אי־טאָ", 21טן אָקטאָבער, 1930). די שאָ־קאָמיסיע גיט אָן די סומע, לויט ציוניסטישע קוואַלן, אויף 45 מיליאָן פונט (ז. 134). און זייער אַ גרויסער טייל פון אָט דער ריזיגער סומע איז איינגעזונקען געוואָרן אין פּאַלעסטינער באָדן. אַ געוויסן באַגריף דערפון קאָנען אונז געבן די ציפערן וועגן די קאָסטן פון באַזעצן אַ פאַמיליע אויף ערד אין פּאַ־לעסטינע.

דער וואַרבורג־באַריכט (ז. 66) זאָגט, אַז די מינימאַלע סומע צו באַזעצן אַ קאָלאָניסט אין פּאַלעסטינע איז צווישן פינף און זיבן טויזענט דאָלאַר. דר. ל. ק. פרענקל, מיטגליד פון דער וואַרבורג־קאָמיסיע, האָט עס אין ציריך, אין 1929, געמאַכט גענויער: זעקס טויזנט דאָלאַר. דאָס איז אָבער ניט אַלץ. סימפּסאָן, אין זיין באַריכט (ז. 45) ברייננגט אַ רעכענונג, וואָס די וואַרבורג־עקספּערטן האָבן אין זייער טעכנישן באַריכט (ז. 72) צוגעשטעלט וועגן דער איינציגער ציוניסטישער קאָלאָניע, וואָס האַלט זיך אַליין אויס, כפר יחזקאל. בלויז דאָס לאַנד פאַר דער קאָלאָניע האָט אָפּגעקאָסט 70,389 פונט—אַרום 352,000 דאָלאַר! אויסשטאַטונג האָט געקאָסט 63,935 פונט. אַרום און אַרום איז אויסגעגעבן געוואָרן אַ דורכשניט פון 2,277 פונט—העכער 11 טויזנט דאָלאַר—פאַר פאַמיליע!

העכער עלף טויזנט דאָלאַר אויף באַזעצן אַ פאַמיליע! מער ווי אַ העלפט דערפון, ווי דאָס איז צו זען, האָט געקאָסט דער באָדן, און דאָס צוגרייטן אים, מען זאָל אים קאָנען באַאַרבעטן.

ביי דער געלעגנהייט גיט דער ענגלישער אַגענט, סימפּסאָן, זייער אַ דעליקאַטן קלאַפּ דעם ציוניזם. ער ברייננגט (ז. 49) די ציפערן פון „אַגראָ־דזשאָינט", וואו עס זאָגט זיך, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קאָסט איינגאַנצן צווישן 150 און 200 פונט צו באַזעצן אַ פאַמיליע (750—1,000 דאָלאַר); אַז העכער 82 פּראָצענט פון די אינוועסטירונגען אין די קאָלאָניעס וועלן אומגעקערט ווערן, און אַז אין יאָר 1926 האָבן די קאָלאָניסטן, וואָס זיינען באַזעצט געוואָרן אין 23—1924, שוין אָנגעהויבן אומקערן אויף די הלוואות, וואָס מען האָט זיי געמאַכט!

זייער אַ פּילבאַרער קלאַפּ, אפשר דער שווערסטער אין גאַנצן סימפּסאָן באַריכט. און אפשר צוליב דעם האָבן די ציוניסטן, אין זייע־רע אַטאַקעס אויפ'ן באַריכט, אַזש געשוויגן וועגן דעם ענין. עס האָט צו שטאַרק וויי געטאָן, און עס איז ניט געווען וואָס צו ענטפערן אויף...

טשיקאַווע איז, אַז כפר יחזקאל, די איינציגע ציוניסטישע קאָלאָניע, וואָס האַלט זיך אויס—לויט די וואַרבורג־עקספּערטן—האָט נאָך ניט אָנגעהויבן צאָלן אויף די חובות. עס איז אַ ספק, צי זי וועט ווען עס איז אָנהויבן צאָלן. און דעם באָדן, אין וועלכן עס איז אַריינגעלייגט געוואָרן העכער אַ העלפט פון די אינוועסטירונגען, טראַכט מען בכלל ניט אויסצוצאָלן.

דער קאָלאָניסט האָט טאַקע ניט, ניט געקוקט אויף די ריזיגע אינ־וועסטירונגען אין זיין באַלעבאַטישקייט, און ניט געקוקט דערויף, וואָס מען הערט אים ניט אויף צו „שטאָפּן"...

אויפ'ן זיבעצענטן קאָנגרעס, אין באַזל, האָט דר. רופּין דערציילט אין זיין באַריכט, אַז פון די 45 קאָלאָניעס וואָס זיינען גאַנץ אָדער טיילווייז געגרינדעט געוואָרן דורכ'ן קרן היסוד*) האַלט זיך עלף (11) שוין אויס. דאָס אַליין וואָלט געווען אַ גענוגענדיגע רעקאָמענדאַציע פאַר דער „שטאַנדהאַפטיגקייט" פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע, ניט געקוקט אויף די ריזיגע סומען, וואָס מען האָט אין איר אַריינגע־בראָכט. מען דאַרף אָבער רופּינ'ס ציפערן ניט אָננעמען. רופּינ'ס צי־פערן שטעלן מיט זיך פאָר אַ געוויינטלעכע ציוניסטישע פעלשונג!

דער מעמאָראַנדום, וואָס די „אידישע אַגענטור" האָט צוגעשטעלט סימפּסאָנ'ען, דערציילט (אויף זייט 24), אַז פון די קאָלאָניעס פון קרן היסוד האַלטן זיך אויס די פאָלגנדיגע: נהלל, גינעגאַר, באַלפור־ריע, כפר יחזקאל—פיר (4) אָנשטאָט עלף! ס'איז אָבער טשיקאַווע, ווי אַזוי דער מעמאָראַנדום קוואַליפיצירט דאָ דעם באַגריף „אויס־האַלטן זיך", אפילו בנוגע די פיר קאָלאָניעס. די קאָלאָניסטן, הייסט עס, שלאָגן זיך אויס זייער לעבנס־אויסקומעניש, דעקן די הוצאות פאַר רעמאָנט, אָבער דער ביודזשעט „דעקט ניט אויף אַמאָרטיזאַציע, ניט אויף צאָלן צוריק די חובות, ניט פאַר אַרענדע (וואָס דער טער־מין דערויף איז נאָך ניט געקומען)"...

אַ בילד פון דער „שטאַנדהאַפטיגקייט" פון דער „קאָלאָניזאַציע" אין פּאַלעסטינע און פון איר פייאיגקייט צו שלינגען ריזיגע סומען געלט און וויניג אַרויסגעבן דערפאַר, שילדערט דער סאָציאַל־פאַ־שיסטישער „דבר" („דאַוואַר") אין זיין ענגלישער ביילאַגע פון 2טן יולי, 1930 (פאַרוואָס האָט מען די פאַקטן געגעבן אויף ענגליש?). די ציטונג דערציילט, אַז אין 1927 איז דער ציוניסטישער קאָלאָניזיר־דעפּאַרטמענט געקומען צום אויספיר, אַז עס איז נויטיג אַריינצולייגן

---

*) דאָ האָבן מיר ווידעראַמאָל „ציוניסטישע סטאַטיסטיק". רופּין האָט גערעדט פון 45 קאָלאָניעס, און דער אָפיציעלער באַריכט צום באַזעלער קאָנגרעס רעדט פון 56 קאָלאָניעס (ז. 245). סימפּסאָן, ווידער, זאָגט (ז.41), אַז די ציוניסטן האָבן אים אָנגעגעבן די צאָל קאָלאָניעס פון קרן היסוד אויף 52...

נאָך 499,029 פונט (אַרום צוויי און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר) אויף שטעלן די קאָלאָניעס אויף די פיס. מען האָט געהאַט באַשלאָסן די אַרבעט דורכצופירן אין צוויי יאָר. די צוויי יאָר זיינען אַריבער, עס איז שוין אַוועק דאָס דריטע יאָר, און מען האָט זיך אַרומגעזען, אַז מען האַלט ביי אַזאַ סיטואַציע: אויסגעגעבן האָט מען אין 1927-28 136,000 פונט, אין 1928-29—78,000 פונט און אין 1929-30—130,000 פונט. פון דעם ביודזשעט פון 1927 איז נאָך, הייסט עס, געבליבן אויסצוגעבן 155,000 פונט. אָבער—זאָגט דער „דבר"— אַזאַ רעכענונג קען ניט גענומען ווערן אין אַכט, ווייל ביים באַפעסטיגן אַ קאָלאָניע שפּילט אַ גרויסע ראָל דאָס אַריינלייגן געלט מיט־אַמאָל, ניט אויסציען די אינוועסטירונגען אויף אַ ליינגערן פּעריאָד, ווי אויסגערעכנט. אַזוי ווי אָבער דער פּעריאָד איז יע אויסגעצויגן געוואָרן צו לאַנג, האָבן די אַריינגעלייגטע סומען ניט געבראַכט די געהעריגע רעזולטאַטן. עס איז דעריבער נויטיג ניט 155,000 פונט, נאָר „ניט ווינציגער ווי 300,000 פונט וועט לויט אַלע אויסזיכטן נויטיג זיין, צו פאַרפולקומען דעם אינווענטאַר אין די קאָלאָניעס, און ווידעראַמאָל מיט דער פאַרשטענדיגונג, אַז דער באַלאַנס וועט אַריינקומען אין משך פון סוף 1930 און 1931".

די סומען זיינען ניט אַריינגעקומען אין משך פון דער צייט. רופּין האָט זיך אין באַזל באַקלאָגט, אַז פאַר דער גאַנצער ווירטשאַפט־פּראָגראַם פון קרן היסוד אין 1931 וועט אַריינקומען—אויב עס איז טאַקע אַריינגעקומען! — ניט מער ווי אַ פערטל מיליאָן פונט. דערפון איז קלאָר, אַז דער פּלאַן צו „שטעלן די קאָלאָניעס אויף די פיס", איז אין 1931 ניט דורכגעפירט געוואָרן,—אויב דאָס וואָלט נאָר מעגליך געווען בכלל!*)

די וואַרבורג־עקספּערטן, וועלכע האָבן אין 1928 רעקאָמענדירט, אַז יעדע נייע קאָלאָניזיר־אַרבעט זאָל אָפּגעשטעלט ווערן, ביז די געגרינדעטע קאָלאָניעס ווערן ניט באַפעסטיגט, האָבן דערקלערט (זייט 40), אַז מען וועט דאַרפן אַרבעטן „נאָך עטלעכע יאָר" אויף דער באַ־

*) די אַוואַנטיורע פון דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער ספּעקולאַציע־געזעלשאַפט „אַמעריקאַן זייאָניסט קאָמאָנוועלט" קען דינען ווי אַ ביישפּיל פון קאָלאָניזיר־אַרבעט אין פּאַלעסטינע. די געזעלשאַפט האָט פון דער קאָלאָניע עיפולע געזאָלט מאַכן „די שיקאַגאָ פון פּאַלעסטינע". די אַוואַנטיורע האָט אָפּגעקאָסט אַ סך געלט, דערין אַ האַלבער מיליאָן דאָלאַר, וואָס דער קרן היסוד האָט געמוזט צוטראָגן פון געזאַמלטע געלטער, כדי צו פאַרגיטיגן אַ ריי פּריוואַט־פּערזאָנען, אין די אינטערעסן פון פּרעסטיזש אין אַמעריקע. איצט שטעלט עיפולע מיט זיך פאָר „אַ ים פון ווילדע געוויקסן", ווי סימפּסאָן דערציילט (ז. 17). חוץ דעם, דרייסיג טויזנט דונאַם לאַנד, וואָס די ציוניסטן האָבן איינגעקויפט אין עמק, שטייט פאַרלאָזט און פאַרווילדעוועט, קאָלאָניזירט פון... פעלד־מייז.

פעסטיגונג, און אַז ביז דאָס וועט ניט דערגרייכט ווערן, וועלן די קאָ־לאָניעס ברייגגען „ערנסטע פארלוסטן און אנטוישונגען" און וועלן זיין „די סיבה פון גרויסע דעפיציטן אפילו אין די אַלטע קאָלאָניעס".

דער פאַקט איז, אַז אפילו די קאָלאָניעס פון דער „פּיקא" (פּאַ־לעסטינער אידישע קאָלאָניזיר־אַסאָציאַציע, די באַראָן ראָטשילד גע־זעלשאַפט), ניט געקוקט דערויף, וואָס אין משך פון פופציג יאָר האָבן זיי ביי זיך אויסגעהאָדעוועט א געוויסע צאָל קולאַקעס, וואָס זיינען פעט געוואָרן פון די נדבות פון דעם באַראָן און פון עקספּלואַטירן אַראַבער, זיינען זיי אָבער, די קאָלאָניעס, אין אַלגעמיין, ניט זעלבסט־דערהאַלטעריש, און דאַרפן זיך עד־היום געפינען אונטער דער אָפּעקע פון דער „פּיקא".*)

דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער גאַנצער „קאָלאָניזאַציע" אין פּאַלעסטינע. פופצן טויזנט נפשות באַזעצט אויף ערד אין פופציג יאָר צייט, און זיי הערן ניט אויף צו ליגן אויפ'ן קאַרק פונ'ם „גלות". צענדליגער מיליאָנען דאָלאַר האָבן די קאָלאָניעס אָפּגעקאָסט, און— זיי שטייען אויף הינערשע פיסלעך, ברייגגען „פּאַרלוסטן און אנטוי־שונגען"...

אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין אין א לאַנד, וואו עס פעלט ערד, וואו עס הערשט דער אימפּעריאַליסט און דער עפענדי,—ווען מען שיט אָפּ מיט גאָלד פאַר יעדן שפּאַן ערד, וואָס געהערט ניט צו אים, נאָר צום אַראַבישן פויער.

אויף די פעלדער פון פּאַלעסטינע האָבן די ציוניסטן געשניטן וואָס זיי האָבן פאַרזייט.

די „אינדוסטריע"

א באַגריף פון דער „אינדוסטריע" אין דעם „לאַנד" פּאַלעסטינע קען מען קריגן פון די ציפערן:

אין 1928, לויט די רעכענונגען פון שטייערן־דעפּאַרטמענט, זיי־נען אין פּאַלעסטינע געווען 3,505 אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן באַשעפטיגט 17,955 פּערזאָן, פון זיי—10,186 לוין־אַרבעטער. וויפיל דערפון זיינען געווען אידישע אַרבעטער? דער באַריכט פון דער „אידישער אַגענטור", ווי ער איז געווען פאַרעפנט־לעכט דורך דער „איטא" (אין דער אידישער פרעסע פון אַמעריקע) בעת דעם באַזעלער קאָנגרעס, רעדט וועגן 23,830 אידישע אַרבע־טער אויפ'ן לאַנד און.... 16,095 אַרבעטער אין די שטעט (אין 1931).

---

*) באַראָן ראָטשילד האָט אָנגעהויבן זיין קאָלאָניזיר־אַרבעט אין 1882. אַרום און אַרום האָט די „פּיקא" געשאַפן 34 קאָלאָניעס.

דער אָפיציעלער באריכט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין באזל (דייטשע אויסגאַבע, זייט 244), גיט אן אנדער בילד. עס האַנדעלט זיך וועגן 23,830 לוין-אַרבעטער אַרום און אַרום, אין די שטעט און אויפ'ן לאַנד. דער אָפיציעלער ציוניסטישער רעכענונג איז אזא:

לוין-פאַרדינער אין די שטעט

ירושלים	5,189
תל־אביב	6,695
חיפה	3,001
אַנדערע ערטער	1,210
צוזאַמען	16,095

לוין-פאַרדינער אין די קאָלאָניעס

פתח תקוה	1,530
רחובות	926
נס ציונה	567
כפר סבא	455
ראשון לציון	445
חדרה	688
אַנדערע ערטער (יהודה, שומרון;)	2,529
עמק און גליל	595
צוזאַמען	7,735
סך־הכל	23,830

די ציפער, לויט'ן אָפיציעלן ציוניסטישן רעכענונג, נעמט אריין אַלע אידישע לוין-אַרבעטער אין פאַלעסטינע, איינגעשלאָסן אָנגע־שטעלטע און באַדינטע, איינגעשלאָסן אויך באאמטע, וועלכע מאַכן אויס א היבשע צאָל. קומען מיר צום אנאַליז פון דער אַלגעמיינער ציפער, טאַקע לויט'ן מאַטעריאַל פון דעם ציוניסטישן באריכט, באַ־קומט זיך גאָר ניט קיין געהויבן בילד.

דער באריכט קלאַסיפיצירט די 23,830 לוין־אַרבעטער אזוי:

לאַנד־אַרבעטער (שוואַרץ־אַרבעטער)	5,133
אינדוסטריע און מלאכה	6,440
טראַנספּאָרט	1,492
בוי־אַרבעט	1,887
באַדינונג	3,231
פרייע פּראָפעסיעס	1,899
באַאַמטע	3,551
אומבאַשטימט	197

די צאָל באַדינטע מאַכט אויס אַרום 14 פּראָצענט פון גאַנצן „פּראָ־לעטאַריאַט" (פון די 23,830, זיינען 5,754 אַרבעטערינס,—די גרעס־טע מערהייט פון זיי, ווי עס קוקט אויס, הויז־אַרבעטערינס „ביי יע־

נעם"). העכער פופצן פראצענט מאכן אוים די באאמטע און אנגע־שטעלטע — אויך א צו־גרויסער, און אומגעזונטער, פראצענט. דאס זעלביגע מיט דער צאל לוין־אנגעשטעלטע אין „פרייע פראפעסיעס". געגויערע אינפארמאציע וועגן דער רובריק, ווי וועגן „בוי־געביט" וואלט בכלל ניט געשאדט. וואו גייען אריין די ארבעטער אין אזא „ריז", ווי די צעמענט־פאבריק „נשר", דער „שטאלץ" פון דער פא־לעסטינער אינדוסטריע, וועלכע האט אין „גוטע" צייטן באשעפטיגט צוויי־דריי הונדערט ארבעטער (סוף זומער 1931—ארום 100)?

ארום און ארום—ניט קיין מורא'דיגע ציפערן. די אפיציעלע צאל פון 6,440 באשעפטיגטע ארבעטער ביי „אינדוסטריע און מלאכה", קען געבן א באגריף, וואו מען האלט מיט דער „אינדוסטריע" צווישן דער אידישער באפעלקערונג אין פאלעסטינע. דער ציוניסטישער צענ־זוס פון דער „אינדוסטריע", וואס איז גענומען געווארן אין 1926, לאזט אונז אריינקוקן פון אינעווייניג פון די פארשיידענע אינדוסטריע־צווייגן. די ארבעטער האבן זיך דא איינגעטיילט אזוי:

טעקסטיל	718
לעדער	350
האלץ	739
בוי	1,175
כעמישע	256
פאפיר	671
מעטאל	490
שפייז	1,134
פארשיידענע	179
צוזאמען	5,711

אין דעם פראספעריטי יאר 1926, אין ברען פון דער „פערטער עליה", האבן זיך אין דער פאלעסטינישער „אינדוסטריע" געפונען 5,711 אידישע ארבעטער, פון זיי די גרעסטע צאל, 1,175, אין דער בוי־אינדוסטריע, וועלכע האט זיך דעמאלט געהאט „פאנאנדערגע־בליט"—מעסטנדיג מיט דער פאלעסטינישער מאס—און וועלכע איז זינט דעמאלט אפגעפאלן. און אט די ארימע ציפערן ווערן דערגאנצט דורכ'ן אויבן־דערמאנטן צענזוס פון דער אינדוסטריע פון 1928.

דער צענזוס גיט אונז א באגריף וועגן דעם קוסטאר־נעם כאראק־טער פון דער פאלעסטינישער אידישער „אינדוסטריע". דער דורכ־שניט פון באשעפטיגטע ארבעטער, פער אונטערנעמונג, אין גאנץ פא־לעסטינע, איינגעשלאסן אראבישע אונטערנעמונגען, איז אין 1928 געווען 5,1. אין דעם אידישן סעקטאר האלט עס ערגער. דא קומט אוים פיר ארבעטער (4.11) פער אונטערנעמונג. מיר האבן דא צו טאן, מיט קליינע אויסנאמען, מיט א קוסטאר־אינדוסטריע, מיט

א „לאטוטניק־אינדוסטריע". מיר האבן דא פאר זיך די „אינדוסטריע" —פון דער אלטער געטא*), מיט א גרויסער מאסע קליינע באלמעלאכעס, וואס ארבעטן „פאר־זיך", אין זייערע ארימע און אומסאניטארישע היימען, און וואס די צאל זייערע, ווי אין דעם אלטן „תחום" אין צארישן רוסלאנד, איז ווייט אריבער דער פראפארציע פון דעם נאכפרעג, און וואס באשעפטיגן א געזעל אדער מער—אפט אן אייגן קינד, אן איידים... עס האנדלט זיך דא, הייסט עס, וועגן נאך א טיפ קבצנים, וואס מוז צו אפט אנקומען נאך הילף און סובסידיעס פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, פון „גלות", און — בלייבן קבצנים סיי־ווי.

ווען מיר וואלטן דא אפילו ניט געהאט צו טאן מיט א אימפעריאליסטישער קאלאניע, וואלט אויך זינלאז געווען צוריידן וועגן פאלעסטינע ווי וועגן א לאנד, וואס קען ביי זיך באשאפן א אינדוסטריע. פאלעסטינע האט ניט קיין שום גרונטאווגעם רוי־מאטעריאל, וואס איז נויטיג פאר דער באשאפונג פון א אינדוסטריע—קוילן, למשל, אייזן, אנדערע מעטאלן. פאלעסטינע האט אויך ניט קיין האלץ, קיין פלאקס. די אינדוסטריע פון יעדן לאנד היינגט קודם כל אפ פון דער מעגלעכקייט אויסצונוצן די אייגענע רעסורסן, די פראדוקטן פון דעם אייגענעם באדן, און די מינעראלע אוצרות, וואס דער באדן פארמאגט. דער פאלעסטינער באדן פארמאגט ניט אזעלכע אוצרות.**) פאלעסטינע איז אן ארים אגריקולטור־„לאנד". די אגריקולטור־פראדוקיע איז, און מוז פארבלייבן, דער באזיס פון דער הכנסה פון דער ארטיגער באפעלקערונג. און וואו ס'האלט מיט דער אגריקולטור און מיט דער אגריקולטור־באפעלקערונג האבן מיר שוין געזען.

ווי קליין פאלעסטינע זאל ניט זיין, ווערט דער מארק פאר דער (לייכטער) „אינדוסטריע" נאך מער פארקלענערט דורך דער גרויסער פארארימטקייט פון דער פויערים־באפעלקערונג, און, די לעצטע צען יאר, דורך דעם שטייגנדיגן אגראר־קריזיס, וואס האט שטארק רעדוצירט דעם מארק־ווערט פון דער אגריקולטור־פראדוקציע. דער טרוים פון די ציוניסטישע „אינדוסטריעלער" איז, אז פאלעסטינע זאל ווערן דער קוואל פאר צושטעלן פאבריקאטן פון דער לייכטער אינדוסטריע פאר די לענדער פון אראביסטאן (טראנסיארדאניא, איראק, העד-

---

*) די טעקסטיל „אינדוסטריע", אין ציוניסטישן צענזוס פון 1926, שליסט איין 2 פאבריקן פון שיד־בענדלעך מיט 3 ארבעטער, און 1 פאבריק פון ציצות מיט 3 ארבעטער...

**) ציוניסטן ריידן פיל וועגן אוצרות אויפ'ן גרונט פון טויטן (געזאלצענעם) ים. ניט ארייגגייענדיג אין תוך, וויפיל דא איז פאראן קערנדיגער ווערט, איז דאך קלאר, אז פון א באזיס פאר א אינדוסטריע קען דא קיין רייד ניט זיין.

זשאַס, א. א.), און אפילו פאַר עניפּטן. דאָ אָבער שלאָגט זיך אָן די קאָלאָניע פּאַלעסטינע אָן די אינטערעסן פון אימפּעריאַליזם. די טבע פון אימפּעריאַליזם איז צו זוכן מערק פאַר זיך און ניט צו לאָזן אירע אַ קאָלאָניע קאָנקורירן מיט איר, נאָר, פאַרקערט, אָט די קאָלאָניע צו עקספּלואַטירן. דעריבער האָט דער ענגלישער אימפּעריאַליזם (ווי יעדער אַנדער אימפּעריאַליזם) אַרומגערינגלט איר קאָלאָניע פּאַלעסטינע מיט אַ פּאַרקאַן פון אָפּצאָלן, וואָס שטיקט און דריקט אויך די נישטיגע „אינדוסטריע" פון „לאַנד".

דער ענגלישער אָפּצאָל־דירעקטאָר פון פּאַלעסטינע, י. ק. סטעד, האָט אין נאָוועמבער, 1931, געלאָזט וויסן, אַז די הכנסה פון דער פּאַלעסטינער רעגירונג האָט זיך אין 1930 פאַרקלענערט אויף 469,778 פונט אין פאַרגלייך מיט'ן יאָר 1926, און אַז די רעגירונג וועט דעריבער האָבן אַ דעפיציט, אין 1930, אויף אַרום אַ מיליאָן דאָלאַר. די דערקלערונג זיינען איז געווען, אַז דער דעפיציט איז אַ רעזולטאַט פון דעם קריזיס אין אַמעריקע און אייראָפּע. אין דער זעלביגער דערקלערונג איז אָנגעגעבן געוואָרן, אַז דער אימפּאָרט קיין פּאַלעסטינע אין 1930 איז געווען פיר מאָל אַזוי גרויס ווי דער עקספּאָרט. די אָנצוהערעניש איז אויף אַזאַ אופן געמאַכט געוואָרן, אַז פּאַלעסטינע האָט צוליב דעם קריזיס ניט געקענט פאַרקויפן סחורות מער ווי אויף אַ פערטל דערפון, וואָס זי האָט געמוזט איינקויפן. די זאַך איז אָבער, וואָס פּאַלעסטינע האָט שטענדיג געהאַט אַ שאַרף־פּאַסיוון עקספּאָרט־אימפּאָרט באַלאַנס. אין 1926 האָט דער עקספּאָרט אויסגעמאַכט נאָך ווינציגער ווי אַ פערט־חלק פון דעם עקספּאָרט (עקספּאָרט—6,446 פונט, אימפּאָרט—32,200 פונט). אָט דער רעכענונג, הגם אַ גראָשנדיגער, גיט אַ באַגריף פון דער פּאַלעסטינער „עקאָנאָמיק"—אין אַ „פּראָספּעריטי" יאָר. די וואַרבורג־עקספּערטן האָבן ניט אינגנאַצן געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי פּאַלעסטינע דעקט דעם דאָזיגן דעפיציט. דער ענטפער איז: פּאַלעסטינע דעקט ניט—מיט אייגענע מיטלען. פּאַלעסטינע לעבט אויפ'ן חשבון פון דעם „גלות". פּאַלעסטינע האָט ניט קיין באָדן אונטער זיך.

פּאַלעסטינע האָט ווייניג וואָס צו עקספּאָרטירן — סיידן מען זאָל רעכענען דעם „רעליגיע־עקספּאָרט", ווי ער הייסט ביי די וואַרבורג־עקספּערטן, אָן „עקספּאָרט" פאַר די אָנהייגער פון יעהאָווא, יעזוס און מאַכמעד. דאָס איז אָן „אומגעזעענער עקספּאָרט". דער „אַרטיקל" נויטיגט זיך ווייניג אין פּראַכט־וואַגאָנען, אָדער שיפן. דערפאַר קומט פאַר דעם „אַרטיקל" אַריין געלט, מיט דער הילף פון אַלערליי אידישע, קריסטלעכע און מאַכמעדאַנישע צדקה־פּושקעס...

אויף וויפיל די אידישע בפעלקערונג אין פּאַלעסטינע עקזיסטירט,

עקזיסטירט זי אויפ'ן זאפט, וואָס קומט פון דרויסן. פּאַלעסטינע איז אַן איידים אויף קעסט ביים „גלות". שטעלט זיך אָפּ דער צופלוס פון פאָנדן פון אויסלאַנד, אָדער ווערט דער צופלוס שוואַכער, רופט זיך אָפּ שטאַרקער דער אומגעהויערער (לויט זיין פּראָפּאָרציע) האַנדעלס־דעפיציט, רופט זיך אָפּ שטאַרקער די אינערלעכע „ענגלישע קראַנקהייט" פון דער קאָלאָניזאַציע. דער פּאַלעסטינער „ישוב" קאָן אויף די אייגענע פיס ניט שטיין.

די געטאָ

אָן אַן עקאָנאָמישן באָדן, געשטעלט אויף צדקה, אויף דרויסנדיגער שטיצע, אויף פּערמאַנענטער שנאָרעריי (דערפון אין א באַדייטענדיגער מאָס—שנאָרעריי אין נאָמען פון רעליגיע, פון אויפהאַלטן רעליגיעזע „ווערטן"); אויפגעהאַלטן דורך ענגלישע באַיאָנעטן, און אינגאַנצן א זאַך, וואָס איז א געצייג אין די הענט פון אימפּעריאַליזם און וואָס טראָגט אַן אָנגרייפנדיגן כאַראַקטער געגן דעם אַראַבישן האָרעפּאַשניק, — האָט זיך דער „ישוב" אויסגעפורעמט אין א געטאָ, וואָס שטייגט אַריבער אין פיל פּרטים די אַמאָליגע אַלטע געטאָס אין „גלות".

אין פּאַלעסטינע האָט אויפגעלעבט די אַלטע־אַלטע געטאָ פון א יאָרהונדערט און מער צוריק, די געטאָ, וואָס האָט זיך אַרומגעצאַמט מיט א ראָגאַטקע, וואָס האָט פאַרשלאָסן דעם טויער צו די „גוים" ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן. צוליב זיין אָנגרייפנדיגן כאַראַקטער, וואָס צוליב דעם איז דער סעמיט, דער אַראַבער, געוואָרן געשטימט געגן אידן, מוז זיך די געטאָ אַרומצאַמען, באַוואָפענען, אַרומרינגלען זיך מיט שומרים, און ווידעראַמאָל אָנקומען צו דער ענגלישער ביקס, און ווידעראַמאָל שטעלן זיך אין דינסט פון ענגלאַנד. עקאָנאָמיש פּאַרמאָגט פּלעסטינע ווידעראַמאָל די ערגסטע שטריכן פון דער אַמאָליגער געטאָ. דער לופט-מענטש, דער מנחם מענדל, דער נישטיגער שפּייז־קרעמער, דער גראָשנדיגער סאָדע־וואַסער (גאַזאָז)־הענדלער, פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט אין פּאַלעסטינע. און דאָס ציען חיונה פון דער ציוניסטישער פּושקע און פון דער רעליגיעזער פּושקע, האָט געגעבן דער פּאַלעסטינער געטאָ דעם פאַרדאַרבנדיגן שטריך, וואָס די אַלטע געטאָ אפילו האָט ניט פאַרמאָגט.

עס וועט גענוג זיין צו דערמאָנען די אויבן־געבראַכטע אָפיציעלציוניסטישע ציפער, אַז אין 1931 איז אין תל־אביב (צוזאַמען מיט יפו), אָנגעציילט געוואָרן ניט מער ווי 6,695 לוין־אַרבעטער, שוין אַריינגערעכנט אָנגעשטעלטע, הויז־אַרבעטערינס (דינסטן), באַאַמטע

און אָנגעשטעלטע און מיטגלידער פון פריַיע פּראָפעסיעס! און דאָס פון א אידישער באַפעלקערונג פון ארום 55 טויזנט!

ירושלים, מיט א אידישער באַפעלקערונג פון ארום פופציג טויזענט, פאַרמאָגט 5,189 לוין־ארבעטער (שוין אריינגערעכנט די דער־מאָנטע קאַטעגאָריעס)! חיפה—3,001...

פון וואָס־זשע לעבט די אידישע באַפעלקערונג אין די שטעט אין פּאַלעסטינע?

האדאד*) און אַנדערע, וואָס קענען גוט די פּאַלעסטינער ווירק־לעכקייט, האָבן געגעבן א געהעריגע כאַראַקטעריסטיק פון תל־אביב. אין תל־אביב, דער שטאָלץ פון ציוניזם, ווערט די באַפעלקערונג צו־נויפגעשטעלט פון די פאָלגנדיגע קאַטעגאָריעס:

1. רייכע אידן פון אויסלאַנד, וואָס זיינען געקומען אָפּלעבן זייערע יאָרן אין „ארץ ישראל" (דאָס זעלביגע איז גילטיג פאַר ירושלים).

2. שרייבער, וואָס קריגן האָנאָראַר פון „גלות" (קאָרעספּאָנדענטן, „פילאָזאָפן", פּאָעטן, מחברים פון אַלערליי סאָרטן).

3. לערער, באַאַמטע, ציוניסטישע קאָכלעפל, און דער גאַנצער ציוניסטישער אַפּאַראַט,—וואָס ציען אַלע זייער יניקה פון „גלות".

4. כלי קודש, מעקלער, „אַגענטור"־לייט („פאַרטרעטער" פון אויסלענדישע פירמעס), און קרעמער, קרעמער, אָן א שיעור. שוין אין 1924 האָט די ציוניסטישע צייטונג „הארץ" אָנגעציילט אין תל־אביב 2,000 קלייטלעך — אויף יעדן צענטן מענטשן א קלייטל. „דערצו א פאַנטאַסטיש־גרויסע—פאַרהעלטניסמעסיג—צאָל פון רעס־טאָראַנען, האָטעלן, קאָפע־הייזער"**)

מיט'ן אויסנאַם פון די הייפלעך ארבעטער,***) איז ניטאָ קיין איין עקאָנאָמיש-געזונטער עלעמענט אין תל־אביב (צווישן די ארבעטער איז די פּראָפּאָרציע באַשעפטיגטע אין בוי־פאַך גרויס, און די בוי־ארבעט איז אַזעלכע, וואָס שפּיזט זיך אויף די באַדערפעענישן פון די פּאַראַ־זיטן־עלעמענטן, און אָפט טראָגט זי א ספּעקולאַטיוון כאַראַקטער). רע־כענט אראָפּ פון די אָפיציעל־אָנגעגעבענע 6,695 לוין־ארבעטער—די באַאַמטע, די פאַרשיידענע אָנגעשטעלטע, די „האָטעל"-„רעסטאָראַן"-און הויז־ארבעטער, בלייבן „אינדוסטריעל"־באַשעפטיגטע אין תל־אביב און יפו זייער ווייניג, העכסטנס א צוויי־דריי טויזנט, און דאָס אויך כמעט דורכאויס באַשעפטיגטע ביי קליין־מלאכה, אין געטאָ־וואַר־שטאַטן...

---

*) האדאד, „דער ציוניזם ווי ער איז", מאָסקווע, 1925.
**) האדאד, ז. 35.
***) וועגן זייער סאָציאַלן כאַראַקטער זע כאַראַקטעריסטיק פון ציוניס־טישן סאָציאַל־פאַשיזם, זז. 129—132.

עקאָנאָמיש איז ניטאָ קיין איין געזונטער ווינקל אין דעם „ישוב", אין שטאָט ווי אויפ'ן לאַנד. אין פיל פּרטים איז דער „תחום" אין צאַרישן רוסלאַנד געווען עקאָנאָמיש געזינטער—ווי קראַנק ער איז ניט געווען!

און דאָס זעלביגע גייסטיג!

פּאַלעסטינע, מיט איר שאָוויניזם, פינצטערניש, מאַכט פון דער יאַרמולקע, שטייגט אַריבער אפילו די געטאָס אין די פּוילישע שטעט-לעך, וואו עס בושעוועט די הערשאַפט פון גערער רבי'ן. טאַקע דער-פאַר, ווייל עקאָנאָמיש האָט פּאַלעסטינע לחלוטין ניט אויף וואָס צו שטיין, ווייל די יאַרמולקע אין אַ שפּייזעריין.

אין דעם גאַנצן „גלות" זאַמלען פאַנאַטיקער אין די פּושקעס. אין דעם גאַנצן „גלות", באַזונדערס אין אַמעריקע, צירקולירן בריוו פון אַלערליי רבנים און רב'לעך, גאַט-בעטער און קברים-רייסער, וועלכע זאָ-גען צו אויסצוווירקן אַ גוט יאָר פאַר אַ נדבה. די אויסגעשנאָרעטע נדבות, די געלטער פון „מאיר בעל הנס", פאַר דער „מערת המכפלה" (מעאָרעס האַמאַכפּעילע), פאַר ארץ-ישראל ערד, און אַזוי ווייטער, זיי-נען אין פּאַלעסטינע אַ מאַכט. האָט די יאַרמולקע אַ דעה. דאָמינירט זי.

אויך דער ציוניזם אָפּעריִרט מיט „הייליגקייטן", מיט רעליגיעזע סענטימענטן. דער ציוניזם זאַמלט זיינע געלטער אין די בתי-מדרשים, ערב יום-כפּור, תשעה-באב*). דאָס לייגט ווידער דעם רעליגיעזן שטעמפּל אויפ'ן „ישוב".

הערשט די יאַרמולקע, דער בית-המדרש, די ישיבה. בושעווען די „שומרי שבת" און ברעכן אָפּ אַ פוטבאָל-שפּיל אין תל-אביב, אפילו ווען אַ שאָוויניסטישע אָרגאַניזאַציע, „מכבי", דאַרף פאַרטיידיגן דעם „אידישן נאָמען". ווערט דאָס קינד דערצויגן רעליגיעז. חומש און גמרא ווערט געלערנט אפילו אין די „מאָדערנע" שולן, אין נאָמען פון נאַציאָנאַלע אינטערעסן. ווערט אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן אָפּי-

---

*) אין דעם באַריכט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע פאַר די פופצן חדשים צווישן 1טן יולי, 1930, און דעם 1טן אָקטאָבער, 1931, ווערט דערציילט, אַז פאַר'ן קרן קימת איז אַריינגעקומען דורך „ערב יום-כיפּור קערות—$1,624, פּורים-זאַמלונגען—$13,079, תשעה באב זאַמלונגען —$13,258. די פּושקעס, וועלכע פאַרבייטן די מאיר בעל פּושקעס, אָדער היינגען זייט ביי זייט מיט זיי, האָבן אַריינגעבראַכט די גרעסטע סומע— קאַרגע 60 טויזנט דאָלאַר. פון צוואות איז אַריינגעקומען; העכער 19 טוי-זענט (אַרום און אַרום האָט דער פאָנד געזאַמלט אין די 15 חדשים $444,449, מיט 50 טויזנט דאָלאַר ווייניגער ווי מיט אַ יאָר פריער און מיט הונדערטער טויזנטער דאָלאַר ווייניגער ווי אין דער „פּראָספּעריטי"-צייט. אין די צוועלף חדשים ביז'ן 1טן אפּריל, 1928, האָט דער קרן קימת אין פּאַלעסטינע גע-קראָגן פון אַמעריקע 223,191 פונט—אַרום אַ מיליאָן מיט 120 טויזנט דאָ-לאַר—שוין אָ ר אָ פּ ג ע ר ע כ נ ט די הוצאות פון די זאַמלונגען אין אַמעריקע).

ציעל אנערקענט, אז מען דאַרף זיך רעכענען מיט דער אידישער רעליגיע אין דער ציוניסטישער אַרבעט אין פּאַלעסטינע*). ווערט אין העברעאישן „אוניווערזיטעט" אין ירושלים, וועלכער ווערט אויך אויפגעהאַלטן פון „גלות" און איז א מין „מאָדערניזירטע" ישיבה, ניט דערלויבט ביבעל־קריטיק. איז דער גאַנצער העברעאיש-וועזן אין פּאַלעסטינע, וועלכער איז עד־היום אן אומנאַטירלעכע פרי, א פּראָדוקט פון רעליגיע, שאָוויניזם, פאַשיזם. די ווילדע פאַרפאָלגונגען געגן אידיש איז נאָר איין שטריך פון דער הערשאַפט פון דעם רעליגיעז־שאָוויניסטישן פאַנאַטיזם, פון דער פאַלעסטינער געטאָ, די געטאָ פון דעם מנחם מענדל, באַל־טאַקסע (באַאמטן) און פון דער יאַרמולקע.

*) די ציוניסטישע קאָנגרעסן—ס'הייסט די אָפענע זיצונגען—קומען ניט פאָר אום שבת. אויף דעם ציריכער קאָנגרעס איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז די אידישע רעליגיע זאָל „גענומען ווערן אין אַכט" ביים בויען דעם „ישוב". אין באַזל, ביי די זיצונגען פון דער „איידזשענסי", (יולי, 1931), האָט סאַירוס אַדלער, געמאָנט פּאַלעסטינע אין נאָמען פון רעטישן סאָציאַל־פאַשיזם, זז. 129—132.

דער באַנקראָט

פון „יודענשטאַט“ ביז „צוויי־נאַציאָנען היים“

אַלץ צוזאַמען: דער אָנגריף אויף די אַראַבער, עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, דאָס „מאַניפּולירן“ מיט דער באַלפור־דעקלאַראַציע און מיטן ענגלישן אימפּעריאַליזם, דאָס אָנשפּאַרן זיך אויף באַיאָנעטן, וואָס מען האָט אַליין, פינאַנציעל און פיזיש טאַקע, געהאָלפן טראָגן, און די ווילדע עקאָנאָמיק פון פּאַלעסטינע, — האָט די גאַנצע „אידישע היים“ געגעבן דעם אינהאַלט און דעם אָפּענעם אויסזען פון אַן אַוואַנטיורע. די פרוכט פון דער אַוואַנטיוריסטישער אַרבעט האָט געמוזט קומען. דער ציוניזם האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דעם בלוטיגן רייטוואָגן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, און דערשיינט אין גאַנצן נאָענטן מזרח, ניט בלויז פאַר דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע, ווי דער אַוואַנגאַרד פון דעם אָנגריף פון ענגלישע אינטערעסן.

און — דער ציוניזם איז אויסגעמאַניפּולירט געוואָרן פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם.

פון א „אידישער מלוכה“, פון א „יודענשטאַט“, איז אָפּגערעדט. דער „גרויסער אידעאַל“ פון „גרויסן פירער“, דאָקטאָר הערצל, דער „אידעאַל“, וואָס האָט געצונדן געהיצטע שאָוויניסטישע פאַנטאַזיעס אין משך פון צענדליגער יאָרן, איז „צייטווייליג“ אויפגעגעבן געוואָרן אין 1917, פאַרביטן געוואָרן מיט א „היים“,—און אין באַזל, ביים זיבעצנטן ציוניסטישן קאָנגרעס, איז עס שוין געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווייצמאַן האָט אָפן דערלאַנגט אַן אַרויסרוף די, וואָס האַלטן זיך נאָך ביי דער „מלוכה“. הערצל האָט דעם „יודענשטאַט“ גאָרניט געמיינט, האָט ווייצמאַן אין זיין לאַנגער רעדע דערקלערט.*) זשאַבאָטינסקי האָט געבראַכט „באַווייזן“ פאַר א „מלוכה“, אָבער די ווייצמאַניסטן האָבן זיך געהאַלטן ביי זייערס. די פירערשאַפט פון ציוניזם האָט נאָכ׳ן אַראַבישן אויפשטאַנד פּראָקלאַמירט, אַז מען קען טראַכטן וועגן פּאַלעסטינע נאָר ווי וועגן א „צוויי־נאַציאָנען־שטאַט“. אין באַזל

---

*) „קאָנגרעס־צייטונג“, נומער 2.

האָט וויצמאַן גערעדט וועגן „פּאַריטעט”. אָבער דאָס זיינען אַלץ פּאַרצווייפלטע מאַנעוורעס פון אַ באַנקראָטירטער באַוועגונג.

עס רירן זיך די פעלקער אין אַלע קאָלאָניעס, עס פערמענטירט אין אַלע ווינקעלעך פון דער ענגלישער אימפּעריע—אויך אין ענג־לאַנד גופא. ווערן אין דער שפּיל צווישן אימפּעריאַליסטישע אינטע־רעסן און די אינטערעסן פון די אַראַבישע מאַסן—צעריבן די אינטע־רעסן פון דער אַוואַנטיורע. ווערט ניט נאָר אָפּגעשטעלט די אימיגראַ־ציע, נאָר אפילו אַ זשאַבאָטינסקי און אַ שוואַרצבארד ווערן ניט אַריינגעלאָזט אין דער „אידישער היים” *)

אַ מיש־מאַש פון ריכטונגען

אַזאַ צעמישעניש, ווי עס שטעלט פאָר מיט זיך די ציוניסטישע באַוועגונג, איז שווער צו באַגעגענען אין וועלכער עס איז אַנדער בור־זשואַזער באַוועגונג. דער ציוניזם איז צעשפּאָלטן אויף אַ גאַנצער ריי „פּאַרטייען” און פראַקציעס, אין וועלט־מאַסשטאַב און אין יעדן לאַנד באַזונדער. די רייען פון ציוניזם אין אַמעריקע און אין פּוילן—די לעג־דער פון דער ציוניסטישער מאַסן־באַוועגונג—זיינען געוואָרן אי שי־טער און אי צעטרייסלט ביז׳ן גרונט. איבערגעבליבענע גרופּעס פון דער „גלאָרייכער” באַוועגונג מיט אַכט־צען יאָר צוריק, בלאָנקען אַרום אין אַן עולם התוהו, אָן אינהאַלט און אָן אַנהאַלט.

בעת דער רעוויזיאָניזם, די „אידעאָלאָגיע” פון פּאַרצווייפלונג, מאַכט פאָרשריט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, אָדער אין וואָס פון איר איז פאַרבליבן—ווערט אויפגעלעבט אחד העם׳ס פאָרמולע פון אַ „גייסטיגן צענטער” אין פּאַלעסטינע, אָנשטאָט אַ „היים”, אָנשטאָט אַ מלוכה. דער „גייסטיגער צענטער” אַנטוויקלט זיך אָבער שווער, צוליב דער גייסטיגער אינהאַלטלאָזיגקייט פון אַן אַוואַנטיורע—גלענ־צענדיג אָפּגעשפּיגלט אין דער גייסטיגער אָרימקייט פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג אין אַמעריקע — און קאָן זיך אויך קינסטלעך ניט אַנטוויקלען, ווי מען האָט געמיינט אַמאָל, צוליב דעם עקאָנאָמישן באַנקראָט פון ציוניזם, צוליב דעם ווייל דער פּאָליטישער און גייס־טיגער באַנקראָט האָט ניט פאַרפעלט אויסצוטריקענען אין „גלות” די קוואַלן, פון וועלכע דאָס „קעסט־קינד”, פּאַלעסטינע, האָט געצויגן

*) יוסף שוואַרצבאַרד האָט אין 1928, אין פּאַריז, דערשאָסן דעם הויפּט פון דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אָנגריף און פון דער פּאָגראָם־כוואַליע אין אוקראַינע אין 1918—1921, סימאָן פּעטליורא. שוואַרצבאַרד איז נאָך זיין באַפרייאונג געפאָרן זיך באַזעצן אין פּאַלעסטינע און איז ניט אַריינגעלאָזט געוואָרן.

די יניקה—אויסגעטריקנט לאנג פאר'ן אויסברוך פון וועלט־קריזיס.

ווייטער איז פאראן אין ציוניזם א באוועגונג פאר אן „אויסגלייך מיט די אראבער". און מען רעדט וועגן א „קאָנפערענץ ביים גרינעם טיש" און וועגן שפאלטן דאָס פיצל לאנד אויף צווי „טיילן"—איין טייל פאר א אידישער „היים"... וועגן אן אויסגלייך ריידן שיר ניט פראָ־אראבער, אזעלכע וואָס וואַרפן אזש צו א גוט וואָרט דער אראַבישער נאַציאָנאלער באוועגונג. און דאָ זיינען פאראן די מאגנעסעס, מיט זייער „ברית שלום" באוועגונג, וועלכע דריקט אויס די שטרעבונגען פון דעם פארמעגלעכן עלעמענט אין פאלעסטינע גופא, דעם עפענדי און דעם אידישן און אראבישן קולאַק, וואָס דאַרפן רו, אָרדענונג, סטאביליזירטקייט. דורך מאגנעס'ן רעדט אויך דער אַמערי־קאָנישער אינוועסטאָר, וועלכער איז א פארהעלטנישמעסיג נייער, אָבער ווייט ניט מינדערוויכטיגער פאקטאָר אין פאלעסטינע. דאָ קומען מיר צו א נייעם פאקטאָר, וואָס העלפט אריינברענגען צעמישעניש אין די רייען פון ציוניזם.

דער ציוניזם, ווי א בורזשואזע באוועגונג, מוז רעפלעקטירן די פארלאָרנקייט פון אלע בורזשואזע באוועגונגען אין דעם איצטיגן פע־ריאָד. דער ציוניזם, ווי א וועלט-באוועגונג, וואָס אָריענטירט זיך אויף אימפעריאליזם, רעפלעקטירט אויך, אין א שטארקערער, אָדער שוואכערער פאָרם, די גענגזאצן פון די פארשיידענע אימפעריאליסטי־שע סיסטעמען. „צווישן צוויי זעגלן" שלאָגן אין זיין ברוסט, און מער ווי צוויי. און אויב דער ציוניזם איז געווען ניצלעך, ווי א ביינדל אויפ'ן שאך־ברעט פון ענגלישן אימפעריאליזם, קען ער זיין ניצלעך אויף אן אנדער אימפעריאליסטישער שאך־ברעט.

פראנצויזישער אימפעריאליזם זוכט פראנצויזישע ציוניסטן

אין ציוניזם האָבן פון אָנהויב אָן געקעמפט פארשיידענע אימפע־ריאליסטישע „לײדנשאפטן" (זע זייט 50). פאר דער מלחמה איז דער קאמף געווען הויפטזעכלעך צווישן דער דייטשער אָריענטאציע און דער ענגלישער. נאָך דער מלחמה איז צוגעקומען די פראנצויזישע אָריענטאציע, און—די אמעריקאנישע.

אין 1926 האָט דער פראנצויזישער וויצע־מיניסטער פאר אויס־ערלעכע ענינים, בערטאָלע, געזאָגט דעם (דעמאָלטיגן) רעדאקטאָר פון העברעאישן „דואר היום" אין פאלעסטינע, בן עמי:

„ס'איז צו באדויערן, וואָס סילוועַן לעווי (פירער פון די פראנצויזישע יאהודים—פ. נ.) האָט ניט באנומען דעם ציוניזם ווי דאָס האָבן דעם ציוניזם פארשטאנען די ענגלישע אידן. סילוועַן לעווי, ווען ער וואָלט פארשטאנען דעם ציוניזם, וואָלט ער געקענט שטיין אָן דער

שפּיץ פון וועלט־אידנטום, און אזוי אַרום גלייכצייטיג ברייננגען א נוץ פראַנקרייך און הויבן איר מאָראַלישן פּרעסטיזש"*)

אָפּנהאַרציגע רייד! ווי קלאָר דאָ איז אויסגעלייגט געוואָרן די ראָל פון ציוניזם, ווי א געצייג פונ'ם אימפּעריאַליזם!

פראַנקרייך האָט ניט געהאַט קיין נחת פון אירע מאַשקעס! זיי זיינען פאַרבליבן גענגער פון ציוניזם, די קאַליקעס! בעת דעם פראַנ־צויזישן אימפּעריאַליזם וואָלט דער ציוניזם געקענט שטאַרק צונוץ קומען!

פראַנקרייך האָט גרויסע חשבונות מיט ענגלאַנד אין פּאַלעסטינע. ערשטנס, סתם אזוי. באַפעסטיגן זיך לעבן סועץ קאַנאַל וואָלט פאַר'ן פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם גאָרניט שלעכט געווען. אָבער דאָ איז פאַראַן א רעכענונג א דירעקטער: די נאַפט־קוואַלן אין מאָסול!

פראַנקרייך האָט זיך איינגעגעבן צו אַרויסרייסן ביי ענגלאַנד א חלק אין די קוואַלן. דאָ האָט אַמעריקע אויך צוגעהאָלפן—און אויך עטוואָס געקראָגן. וואָס קומט אָבער אַרויס, אז ענגלאַנד הערשט אין איראַק, וואו די קוואַלן געפינען זיך, און הערשט אויך אין פּאַלעס־טינע, דורך וואַנעט די נאַפט־רערן „דאַרפן" דורכגיין (לויט ענגלאַנד'ס רעכענונג). אָבער אזוי ווי סיי ענגלאַנד און סיי אַמעריקע נויטיגן זיך ניט אין נייע קוואַלן, און אזוי ווי זיי ביידע אַרט ניט, אז פראַנקרייך וועט אויף ווייטער מוזן קויפן נאַפט פאַר אירע באַדערפענישן,—און פאַר איר פלאָט—און קויפן טאַקע ביי אַמעריקע (אָדער ביי אַמעריקע אויך), ווערן די מאָסולער קוואַלן נאָך אַלץ ניט באַאַרבעט. ענגלאַנד „בויט" די רער פון מאָסול און רירט זיך ניט פון אָרט. די פאַרשטאַר־קונג פון פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם אין אייראָפּע האָט געבראַכט דערצו, אז ענגלאַנד האָט געמוזט נאָכגעבן—די נאַפט־קוואַלן זאָלן האָבן צוויי אויסגאַנגען ביים מיטללענדישן ים: ביי חיפה, פּאַלעסטי־נע, און ביים פּאָרט טריפּאָלי, סיריע (וואו פראַנקרייך הערשט). אָבער קיין נאַפט איז נאָך אַלץ ניטאָ. ווי אַנדערש אָבער וואָלט דער גאַנצער עסק אויסגעקוקט פאַר פראַנקרייך, ווען אירע מאַשקעס פאַרשטייען אַן ענין, ווי ווייצמאַן האָט פאַרשטאַנען, און זי גיט אַרויס די דעקלאַראַ־ציע פאַר דער „אידישער היים", און קריגט דעם מאַנדאַט איבער פּאַלעסטינע (און אפשר אויך איבער איראַק)! עס וואָלט געווען ניט נאָר נאַפט, נאָר מען וואָלט געקענט אונטערשטעלן ענגלאַנד א פּיסל גאָר אויפ'ן גרויסן פּאַסאַן: שאַפן א פּאַן־אַראַבישע פעדעראַציע אונ־

*) ציטירט לויט ל. ראָזנהויז'ס „דער ציוניזם אין זיין אמת'ער גע־שטאַלט" (סטאַניסלאַוואָוו, 1926), זייט 28. דער שמועס צווישן בן עמי און בערטאָלי איז געווען געדרוקט אין וואַרשעווער „היינט", נומער 51, 1926.

טער'ן פּראָטעקטאָראַט פון פראַנקרייך — אַן אַלטער פראַנצויזיש־אימ־פּעריאַליסטישער טרוים!

און איצט, אַז „ענגלאַנד האָט פאַרראַטן", איז באַשאַפן געוואָרן צווישן די ציוניסטן אַ פראַנצויזישע שטרעמונג (בפרט, אַז פראַנקרייך איז איצט שטאַרקער ווי ענגלאַנד, האָט מער געלד). די פאַרבינדונג צווישן פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם און דעם ציוניזם, איז אין באַזל געוועז—אַלבערט טאָמאַ, דער „סאָציאַליסט". זיין רעדע איז געווען די סאַמע באַגייסטערנדיגסטע און האָט געגעבן דעם קאָנגרעס דעם טראָפּן וואַרימקייט, נאָך וועלכן ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געלעכצט! טאָמאַ האָט געזאָגט:

„גייט מיט אייער וועג, דורך אַלע קאַמפן, דורך אַלע שוועריגקייטן, מיט דער אויסזיכט צו פאַרווירקלעכן אייער אידעאַל פון פרידן און גערעכטיגקייט".*)

— אָט אַ „גוטער גוי"!—האָט דער דערקוויקטער ציוניסטישער עולם געלאָזט הערן. טאָמאַ האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין דער אייג־ציגער באַגייסטערטער ציוניסט אויפ'ן קאָנגרעס... ער האָט געשאַפן שטימונג פאַר'ן פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם.

אָבער עס האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם. עס האַנדלט זיך אויך וועגן אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם, און דאָ איז פאַראַן מער ממשות!

די אָריענטאַציע אויף אַמעריקע

דער באַנקראָט פון דעם הערצל־ציוניזם איז פון די ציוניסטן אַליין אנערקענט געוואָרן עפנטלעך, לאַנג, פאַר'ן זיבעצנטן קאָנגרעס, פאַר'ן קריזיס, און פאַר'ן אויפשטאַנד אין אויגוסט 1929. דער באַנקראָט איז דורך דער ציוניסטישער פירערשאַפט עפנטלעך אנערקענט גע־וואָרן, ווען זי האָט אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען, אין 1925, מיט די אַמעריקאַנישע יאַהודים, וועגן זייער אַריינגיין אין דער „אַגענטור".

די יאַהודים פון וואַרבורג־מאַרשאַל טיפּ, געטרייע יענקים, טייל פון זיי דירעקט פאַרבונדן מיט וואָל סטריט, זיינען געווען ביטערע געגנער פון הערצליזם און זיינען פאַרבליבן אַזעלכע. ניט נאָר איז זיי פרעמד געווען דער געדאַנק פון אַן אַנדער „לאַנד" פאַר'ן „אידישן פאָלק", נאָר זיי האָבן דאָס „פאָלק" גופא ניט אנערקענט. עס איז דאָ נאָר איין פאָלק—דאָס אַמעריקאַנישע און עס זיינען דאָ אַמעריקאַ־נישע „בירגער פון מוישעס גלויבן". אָט די אַסימילאַטאָרן האָבן פאַר־

*) „קאָנגרעס־צייטונג", נומער 5, ז. 45.

שטאַנען איין סאָרט הילף פאַר זייערע „אָרימע גלויבנס־גענאָסן" — פילאַנטראָפּיע.

וויצמאַן האָט ניט געקענט ניט פאַרשטיין, וואָס דאָס אַריינטרעטן פון די מאַרשאַל־יאַהודים אין דער „אַגענטור" וועט באַדייטן. די פּי־רערשאַפט פון ציוניזם האָט שוין אָבער דעמאָלט, באַלד נאָכ'ן קראַך פון דער „פּערטער עליה" (אימיגראַציע פון 1925־1926) דערפילט דעם באַנקראָט. די פירערשאַפט פון ציוניזם איז אפילו איינגעגאַנגען אויף אַזאַ פּאַטש אין פּנים—דערלויבן די יאַהודים אין 1927 צו שיקן קיין פּאַלעסטינע זייערע אַן עקספּערטן־קאָמיסיע אויף אויספאָרשן דאָס „לאַנד". דערמיט האָבן די מאַרשאַלס און די וואַרבורגס באַ־וויזן, אַז ניט נאָר גלויבן זיי ניט אין די ציוניסטישע פּראָגראַמען, נאָר אויך ניט אין די ציוניסטישע ציפערן...

אָבער ניט נאָר האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן א פאַרזוך פון דער ציוניסטישער פירערשאַפט צו קריגן מער געלט, מיט דער הילף פון די יאַהודים, נאָר געווען איז דאָס אַן אָנהויב פון אַן איבעראָריענטירונג אויף דעם אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם, א פּראָצעס, וואָס אַנטוויקלט זיך זינט דעמאָלט און איז נאָך ווייט ניט געקומען צו זיין העכסטן פּונקט.

דער קאַמף פון דעם אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם געגן ענגלישן, איבער דער גאַנצער וועלט, וועלכער ווערט אַלץ מער גינסטיג פאַר'ן ערשטן, האָט ניט געקענט אויסמיידן די וויכטיגע סטראַטעגישע פּאָ־זיציע—פּאַלעסטינע.

דער קאַמף האָט ניט פאַרפעלט צו קריגן אַן אָפּשפּיגלונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע ציט איר יניקה פון אימפּעריאַליס־טישע קאָמבינאַציעס. דער קאַמף האָט זיך אָפּגעשפּיגלט הויפּטזעכלעך אין אַמעריקע—צווישן די בראַנדייסיסטן און די ליפּסקיאַנער. בראַנ־דייס, א מיטגליד אין העכסטן געריכט אין וואַשינגטאָן, און די גאַנצע גרופּע זיינע, איינג פאַרבונדן מיט דער וואָל סטריט רעגירונג, האָט ניט געוואָלט אַריינפאַלן נאָך אין אַן ערגערער ראָל ווי סילווען לעווי איז אַריינגעפאַלן: זיין אַקטיווע ציוניסטן, און אין דער זעלביגער צייט העלפן א פרעמדן אימפּעריאַליזם! די בראַנדייסעס האָבן אַן אייגענעם אימפּעריאַליזם. אָבער דער קליינבירגערלעכער און סאָציאַל־פאַשיס־טישער עלעמענט, געפירט פון ליפּסקי'ן, האָט זיך נאָך אַלץ געהאַט אָריענטירט אויף ענגלאַנד, איז געשטאַנען פעסט פאַר וויצמאַנ'ען. דער איבערגעוויכט פון כחות אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלן פראָנט אויף דער זייט פון אַמעריקע, האָט אַריבערגעוואויגן די וואָגשאָל אויך אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. וויצמאַן האָט אויסגעקליבן צו קאַפּי־טולירן פאַר וואָל סטריט דירעקט, פאַר דער מאַרשאַל־וואַרבורג גרופּע

(וועלכע איז אויך, אגב, לויט איר פּאַרטיי־אָנגעהעריגקייט—מאַרשאַל, וואַרבורג — א רעפּובליקאַנישע, בעת בראַנדייס איז א דעמאָקראַט, אָן איבערבלייבעניש פון ווילסאָנ׳ען). אָבער סוף כל סוף האָט בראַנדייס אויך געזיגט. אין 1930 איז די פירערשאַפט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע פּשוט אָפּגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די בראַנדייסיסטן, הגם דאָס ציוניסטישע „פאָלק", דער קליינבירגער און דער סאָציאַל־פאַשיסט, איז נאָך אַלץ געגן זיי.

אויפ׳ן קאָנגרעס אין באַזל האָבן די בראַנדייסיסטן ניט נאָר דערוויילט זייערן א פאַרשטייער אין דער וועלט־עקזעקוטיווע (ניומאַן), נאָר זיי האָט זיך איינגעגעבן דורכפירן אויפ׳ן קאָנגרעס דעם פּלאַן, וואָס די וואַרבורג־עקספּערטן האָבן רעקאָמענדירט אין 1928 : געבן דער עקאָנאָמישער אַרבעט אין פּאַלעסטינע פּריוואַטע איניציאַטיווע, אָריענטירן זיך אויף אינוועסטירונגען. אהער גייט שוין אַריין דאָס ליקווידירן די קבוצות, די „סאָציאַליסטישע עקספּערימענטן", ניט שאַפן קיין נייע קאָלאָניעס ביז די איצטיגע וועלן ניט „קאָנסאָלידירט". די וואַרבורגס אין דער „אַגענטור" און די בראַנדייסיסטן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פירן דורך די רעקאָמענדאַציעס פון די אַמעריקאַנישע עקספּערטן.

פּריוואַטע איניציאַטיווע, אינוועסטירונגען—דאָס באַדייט : באַפעסטיגן אין פּאַלעסטינע דעם אָנהאַלט פון דעם דאָלאַר, די אינטערעסן פון אַמעריקע. ביז איצט זיינען די מיליאָנען פון אַמעריקע אַריין אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער שיסל. איצט, אַז וואַרבורג אינוועסטירט געלט אין פּאַלעסטינע, איז עס—אַמעריקאַנישע אינטערעסן.*)

און עס איז בשום אופן ניט קיין צופאַל, וואָס דער פירער פון דער „ברית שלום" גרופּע איז פּאַלעסטינע איז—י. ל. מאַגנעס, דער אַמעריקאַנער, דער ליבלינג פון מאַרשאַל און וואַרבורג. דער בורזשוואַזער אינטעליגענט מאַגנעס דריקט אויס די אינטערעסן פון זיין לאַנד און זיינע יאַהודים. אינוועסטירונגען מוזן געמאַכט ווערן אין א לאַנד וואו עס איז רואיג. זאָל נאָר זיין רואיג ! זאָלן נאָר מער דאָלאַרן אַריינגעלייגט ווערן אין פּאַלעסטינע ! די אַמעריקאַנישע שיפן וועלן שוין שפּעטער קומען, די דאָלאַרן צו פאַרזיכערן....

*) לויט׳ן באַריכט פון דער פּאַלעסטינע־קאָמיסיע ביי דער אידישער אַגענטור, יולי, 1931, איז אין די צוויי יאָר זינט דער גרינדונג פון דער „אַגענטור" (אין צייריך), אַריינגעלייגט געוואָרן אין פּאַלעסטינע אָנדערהאַלבן מיליאָן דאָלאַר אין פּריוואַטע אינוועסטירונגען, דערין $200,000 וואַרבורג׳ס. די פאַרהעלטניסמעסיג קליינע ציפערן זיינען אין פּאַלעסטינע ניט אַזוי קליין.

וואשינגטאן ווערט אלץ מער „פאראינטערעסירט"

אויף דעם צוזאמענפאר פון די אמעריקאנישע ציוניסטן אין אט־לאנטיק סיטי (נאוועמבער, 1931) האט ארויסגערופן גרויס אנזען דער „אינטערעס" פון סענאטאר בארא, פארזיצער פון דער סענאט־קאמיסיע פאר אויסלענדישע ענינים, אין פאלעסטינע. אויך וויצמא־ניסטן האבן געגעבן דעם „אינטערעס" געוויכט—צוליב א סטראשו־נאק געגן ענגלאנד. אבער דער „אינטערעס" פון אמעריקע צו דער סטראטעגישער פאזיציע ביים ברעג פון מיטללענדישן ים, ביים סועץ קאנאל, און אויפ'ן וועג צו די מאסולער נאפט־קוואלן, און צו גאנץ אראביסטאן, און צו אינדיע,—דער „אינטערעס" פון יענקי־אימפע־ריאליזם צו אט־דער פאזיציע, פאלעסטינע, וועט זיך ערשט ארויס־ווייזן. און אין דער מאס ווי עס וועט זיך שטארקן דער אינטערעס פון וואשינגטאן צו פאלעסטינע,—וועלן זיך שטארקן די פרא־אמערי־קאנישע שטימונגען אין דער ציוניסטישער באוועגונג אין אלע לענ־דער. בפרט נאך ווען ענגלאנד האט ניט נאר „פארראטן", נאר קאן ניט אנהאלטן דעם גאלד־סטאנדארד...

דער אמעריקאנער אימפעריאליזם האט זיך אנגעהויבן „אינטע־רעסירן" מיט פאלעסטינע נאך אין די צייטן, ווען ענגלאנד האט גע־קראגן דעם מאנדאט. די רעזאלוציע פאר דער „אידישער היים" (מיט דער זעלביגער „באווארעניש" פאר די רעכט פון „קריסטן און אלע אנדערע ניט־אידן", ווי די באלפור־דעקלאראציע פארמאגט) איז באלד־נאכדעם, אין 1922, אנגענומען געווארן דורכ'ן קאנגרעס אין וואַ־שינגטאן, אויף דער איניציאטיווע פון אזעלכע אויסגעשפראכענע אימ־פעריאליסטן, ווי סענאטאר לאדזש און קאנגרעסמען האמילטאן פיש... (די רעזאלוציע הייסט טאקע די לאדזש־פיש רעזאלוציע). זינט דע־מאלט האט דער יענקי־אימפעריאליזם אנגענומען א פאזיציע פון אויס־ווארטן. אין פארבינדונג מיט די לעצטע אנטוויקלונגען אין פאלעס־טינע און אין דער ציוניסטישער באוועגונג—און אין דער „איידזשענ־סי", וואס געפינט זיך אונטער דער אפיטרופסות פון אמעריקאנישע יאהודים—האט זיך דער אינטערעס פון וואשינגטאן צו...דער „נאַ־ציאנאלער היים" געשטארקט. דעם 17טן יאנואר, 1932, איז אין וואַ־שינגטאן אפגעהאלטן געווארן א בעראטונג פון סענאטא־ן, קאנגרעס־לייט, מיט'ן אנטייל פון וויצע־פרעזידענט קוירטיס, וועגן דער פאלעס־טינע־פראגע. בראנדייס'עס מענטש, פראנקפורטער, און דער אמערי־קאנישער פארטרעטער אין דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע, ניור־מאן, האבן געהאלטן רעדעס. הוואווער האט צוגעשיקט א גוטן וואונטש פאר דער ארבעט. עס איז קלאר, אז די מלוכה־לייט פון וואל סטריט,

מיט'ן וויצע־פּרעזידענט און דעם פּרעזידענט, האָבן זיך ניט פּלוצים פאַראינטערעסירט מיט'ן ענין—כדי צו ראַטעווען די ציוניסטישע באַוועגונג! דער אַמעריקאַנישער אימפּעריאַליזם, וועלכער פירט אַ קאַמף געגן ענגלישן אימפּעריאַליזם אויפ'ן גאַנצן ערד־קיילעך, איז אויף דער וואַך. ער ווייס וועגן דעם איבערברוך, וואָס קומט פאָר אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און ער זוכט צו פאַרשנעלערן די איבעראָריענטאַציע פון דער באַוועגונג—פון ענגלאַנד אויף אַמעריקע, כדי אַריינצושטעלן אַ פוס אין פּאַלעסטינע.

דער ציוניזם וואָלט גאַרניט געהאַט געגן דעם, אַז דער יענקי־אימפּעריאַליזם זאָל אים אויסנוצן, פּונקט ווי ער האָט ניט געהאַט געגן דעם, וואָס ער איז געוואָרן אַ משרת פון ענגלישן אימפּעריאַליזם (ציוניסטן האָבן נאָך שטאָלצירט דערמיט!). וואָס פאַר אַ באַהאַנדלונג דער ציוניזם וואָלט געקראָגן פון וואָל סטריט, ווען עס וואָלט געקומען צום לאַווירן צווישן די אַראַבישע מאַסן און דער „אידישער היים", פאַרשפּאָרט מען צו זאָגן. אָבער דערווייל לאַווירט נאָך—ענגלאַנד. און פאַר'ן ענגלישן אימפּעריאַליזם האָט דער ציוניזם אין זייער אַ גרויסער מאָס שוין אויסגעשפּילט זיין ווערט. איצט קומט אויס צו האָבן צו טאָן מיט אויפשטאַנדן אין די קאָלאָניעס, און מען קאָן זיך מיט'ן ציוניזם צופיל ניט צערעמאָניען.

ביי דער צעבראָכענער קאָריטע

מיט דער פאַרטיפונג פון דעם באַנקראָט פון ציוניזם—פּאָליטיש און עקאָנאָמיש—ווערן אַלץ מער צעשמעטערט די ציוניסטישע „שטרעבונגען" און די ציוניסטישע פּלענער. לאָזט זיך די אימפּעריאַליסטישע בולאַווע אַראָפּ אַלץ שטאַרקער.

דער ווייסער פּאַפּיר פון לאָרד פּאַספילד איז פאַרבליבן און ווערט דורכגעפירט—ניט געקוקט אויף אַלע גנב'ישע רייד פון מאַקדאָנאַלד און וויצמאַן, און ניט געקוקט אויף אַלע ציוניסטישע טרייסטערייען. די אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע, וועלכע איז שוין געווען שטאַרק באַגרעניצט נאָך פאַר'ן ווייסן פּאַפּיר און פאַר דער פאַראָרדענונג פון מאַי 1930, איז איצט כמעט ווי אָפּגעשטעלט געוואָרן. דער ציוניסטישער באַריכט אין באַזל האָט דערציילט, אַז אין די צוויי יאָר פאַר'ן קאָנגרעס (ביז מאַי 1931) זיינע אַנולירט געוואָרן 1,440 איינוואַנדערונג סערטיפיקאַטן, וואָס זיינען שוין געווען אַרויסגעגעבן (באַריכט, ז. 215). איצט גיט מען ניט קיין סערטיפיקאַטן לכתחילה! אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די אַמעריקאַנישע ציוניסטן אין אַטלאַנטיק סיטי האָט דער פאָרשטייער פון אַמעריקע אין דער וועלט־עקזעקוטיווע, ניומאַן, געגעבן

אָנצוהערן וועגן ישועות: די אימיגראַציע וועט אויסגעברייט ווע־רען. און באַלד ווי דער צוזאַמענפאָר האָט זיך געשלאָסן, אין נאָוועמ־בער, 1931, איז געקומען די ידיעה, אַז אָנשטאָט 1720 סערטיפיקאַטן, וואָס די „אַגענטור" האָט פאַרלאַנגט, פאַר די קומענדיגע זעקס חדשים, האָט די פאַלעסטינער רעגירונג (ענגלאַנד) באַוויליגט נאָר 350... און עס איז נאָך ניטאָ קיין פאַרזיכערונג, אַז דערפון וועט גאָרניט אַנולירט ווערן!

עס גייט פון שלעכט צו ערגער. פאַר די זעקס חדשים: אַפּריל-סעפּ־טעמבער, 1931, האָבן די ציוניסטן פאַרלאַנגט 1,500 סערטיפיקאַטן און געקראָגן 500. פאַר די ווייטערדיגע זעקס חדשים, אָקטאָבער־מערץ, איז עס אַרויסגעקומען ערגער (350 סערטיפיקאַטן). אין דער זעלבי־גער צייט ווערן געמאַכט אַלץ גרעסערע שוועריגקייטן פאַר טוריסטן אַריינצוקומען אין פאַלעסטינע—טאָמער וועלן זיי זיך אָפּשטעלן, אָדער טאָמער וועלן זיי „שטערן די רו".

פון אַ גאַנצער ריי שטאַנדפּונקטן ווערט די „היים" - אַוואַנטיורע מורא'דיג געטראָפן פון די אימיגראַציע־באַגרענצונגען. די גרויסע אַראַ־בישע מערהייט איז דער גרעסטער שטיין אויפ'ן וועג פון דער „היים". אין פאַלעסטינע פירן די ציוניסטן אַ געיעג מיט דער צייט, סיי אין פּרט פון דערוואַרבן זיך באָדן און סיי אין פּרט פון פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג. אין זשאַבאָטינסקי'ס „גרויס־פאַלעסטינישע" פּלענער איז אַריין דער פּלאַן פון אַ יערלעכער אידישער אימיגראַציע קיין פּאַ־לעסטינע פון דרייסיג טויזנט (30,000). אין אַ משך פון זעכציג (60) יאָר וואָלטן אויף אַזאַ אופן די אַראַבער מאַיאָריזירט געוואָרן... צי עס וואָלט געווען אָרט פאַר אַזוי פיל מענטשן אין דעם קליינעם און אָרימען לאַנד, צי די איינגעוואַנדערטע וואָלטן ניט אַנטלאָפן — מאַטעמאַטיש האָט דער רעכענונג געשטימט... אויב מען זאָל זיך אָן עצה געבן מיט דער אַראַבישער מערהייט אויף אַ „פרידלעכן" אופן, מוז מען האָבן אַ אימיגראַציע פון מינימאַל דרייסיג טויזנט אַ יאָר. אַניט קען דער ציוניזם קיינמאָל ניט חלומ'ען צו האָבן אין פאַלעסטינע אַ מערהייט. דער פּלאַן פון מאַיאָריזירן דורך אימיגראַציע, האָט אָבער געקראַכט אפילו אין די „גוטע" יאָרן, ווען געלט איז געווען ביי די ציוניסטן אַ סך, און גרויסע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג אין פּוילן האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן מיט אַ „פערטער עליה", און אין איין יאָר 1925 איז אַריינגעקומען אין פאַלעסטינע אַרום 35,000 אידישע אי־

מיגראנטן.*) עס האָט זיך באלד אָנגעהויבן די בהלה אויף צוריק. אנטלאָפן איז דער ארבעטער—פארבליבן איז דער אומגעזונטער עלע־מענט. און די לעצטע פאָלק-ציילונג אין פאלעסטינע, הערבסט 1931, האָט באוויזן, אז ניט נאָר האָט די ציוניסטישע אימיגראציע ניט שטארק אָנגערירט די אראבישע מערהייט—פראָצענטועל—נאָר האָט אפילו ניט געקענט אריבעריאָגן דעם נאטירלעכן וואוקס פון דער אָר־טיגער באפעלקערונג, — א גרויסער וואוקס, וועלכער מאכט דאָס „לאנד" אלץ איינגער (זע ציפערן אויף זז. 19—20).

די פארמאכטע טויערן פירן־איבער א שווארצן שטריך איבער די ציוניסטישע קאלקולאציעס אין פאלעסטינע, און—אויסער פאלעסטינע. די ווארבורג־עקספערטן האָבן אין זייער באריכט (ז. 438) אָנגע־וויזן, אז „קאָלאָניעס" ווערן געגרינדעט אין פאלעסטינע ניט צוליב נויטווענדיגקייט, אָדער אויפ'ן באזיס פון עקאָנאָמישער מעגלעכקייט, נאָר צוליב פראָפאגאנדע אין „גלות". אין אויסלאנד דארף מען זען, אז מען טוט, מען בויט, עס וואקסט די „אידישע היים" — ווען דע־מאָלט וואקסן די זאמלונגען... דאָס זעלביגע איז בנוגע אימיגראציע. די ציוניסטן האָבן פונקט אזוי קינסטלעך געטריבן די אימיגראציע, ווי זיי האָבן „געבויט" קאָלאָניעס (דערפאר האָט די „פערטע עליה" אזוי גיך און אזוי ניט שיין געקראכט). ווען עס זיינען פאראן גענוג סערטיפיקאטן, און עס זיינען דאָ גענוג אימיגראנטן, איז פריילעך. זאמלט מען מער געלט. מען באגלייט ארויס—אין „גלות"— פארטיעס חלוצים, מען שרייט הורא ביי די וואָקזאלן, אין פוילן, ליטע און רו־מעניע (אָדער אמאָל אויך ביים ניו־יאָרקער האפן), און—מען זאמלט ווידער געלט. אָבער ווען די „היים" האָט פארמאכטע טויערן, קלאפט עס דעם ציוניזם פון אלע זייטן. דאָס ערגסטע איז דער פאקט גופא— מען לאָזט ניט אריין אין דער „היים"! דאָ פאלט ארויס דער דנאָ פון ווייצמאנ'ס פאָליטישן טעזיס, אז די ציוניסטן קומען אין פאלעס־טינע „נאט אָוו סאָפראנס", ניט ווייל מען דולדעט זיי, מען טוט זיי א טובה, נאָר ווייל זיי האָבן א רעכט אויפ'ן „לאנד"...

נאָכאמאָל: דער לעכערדיגער זאק

א מוסטער פון דער קינסטלעכער און אוואנטיוריסטישער אויפ־האלטונג פון דעם ציוניסטישן אימיגראציע־וועזן גיבן אונז צוויי ציו־ניסטישע באריכטן. דער ווארבורג־באריכט דערציילט, אז אין צען

*) דאָ האָבן מיר ווידער—פאלעסטינער ציפערן. די ווארבורג־קאָמיסיע זאָגט: 35,801 דער סימפסאָן־באריכט—33,801, הערי ס. לינפילד, סטא־טיסטיקער פון דער אמעריקאַ; דזשואיש קאָמיטע („סטאטיסטיקס אָוו דזשוס", 1931)—34,641, און דער פועל־ציון ניר—36,933..

מאַנאַטן, פון אָקטאָבער 1926 ביז יולי 1927, האָט דער אימיגראַציע־דעפּאַרטמענט ביי דער פּאַלעסטינער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אויס־געגעבן 48,398 פונט—העכער 240,000 דאָלאַר. פאַר דער סומע האָט מען אריינגעבראַכט 220 אימיגראַנטן אויף סערטיפיקאַטן, אין די זעקס חדשים פון אָקטאָבער 1926 ביז מערץ 1927. וויפיל עס זיינען אריינגעקומען צווישן מערץ און יולי זאָגט ניט דער באַריכט. דאָ שטעלן די עקספּערטן א פראַגע־צייכן. אַזוי ווי אין יענע צייטן איז דער שטראָם געגאַנגען אויף צוריק, קען מען צווייפלען, צי עס איז בכלל געווען א אימיגראַציע אין די חדשים. יעדנפאַלס, מער ווי אַרום 300 חלוצים זיינען ניט אריינגעקומען אין די צען חדשים, ווען דער ציוניסטישער אימיגראַציע־דעפּאַרטמענט אין פּאַלעסטינע האָט אויס־געגעבן העכער 240,000 דאָלאַר אַרום אַכט הונדערט דאָלאַר פאַר יעדן אַריינגעקומענעם חלוץ...

אויב מען קען דאָ אָנגעבן א תירוץ, אַז דער אַפּאַראַט איז געהאַט געווען אָנגעשטעלט אויף דעם מאַסשטאַב פון דער „עליה"־צייט און מען האָט אים אַזוי גיך ניט געקענט איינשמעלערן (הגם דאָס וועט פאַרט ניט פאַרענטפערן די ווילדע הוצאות פער אימיגראַנט), וועט כדאי זיי צו נעמען די סאַמע לעצטע ציוניסטישע ציפערן. דערציילט דער באַריכט צום באַזעלער קאָנגרעס (ז. 234), אַז די 4517 חלוצים, וואָס זיינען אריינגעקומען אין די יאָרן 1929—1930 האָבן געקאָסט דעם אימיגראַציע־דעפּאַרטמענט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין פּאַלעסטינע—„נאָענט פון 10,000 פונקט". די סומע איז פאַרצייכנט ווי „רייזע קאָסטן". דער ביודזשעט פון „אַרבעט און אימיגראַציע דע־פּאַרטמענט" האָט פון אָקטאָבער 1929 ביז סוף סעפּטעמבער, 1930, געהאַט א הוצאה פון 45,750 פונט (אַרום 228 טויזנט דאָלאַר). פון אָקטאָבער 1930 ביז סעפּטעמבער 1931 איז דער ביודזשעט געווען 24,350 פונט (אַרום 122 טויזנט דאָלאַר). און אַזוי ווי דאָס אַריינ־ברענגען חלוצים איז די הויפּט־אויפגאַבע פון דעם דעפּאַרטמענט, איז קלאָר, אַז די 4,500 אַריינגעקומענע חלוצים אין די לעצטע צוויי יאָר פאַר'ן באַזעלער קאָנגרעס האָבן אָפּגעקאָסט צווישן דריי און פיר הונ־דערט טויזנט דאָלאַר!

אָבער דאָ שטויסן מיר זיך אָן ניט נאָר אויף דער קינסטלעכער און אומגעזונטער אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע, נאָר אויף דעם ווילדן געוויקס אין „ישוב"—דער ביוראָקראַטישער ציוניסטישער אַפּאַראַט, וואָס פרעסט מאַיאָנטקעס און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַזאַ אומ־געזונטן עלעמענט. די אימיגראַציע ווערט געשניטן, סערטיפיקאַטן פאַר

חלוצים, איינגעשלאָסן קרובים*), ווערן אַרויסגעגעבן אין אַ נישטיגער צאָל, אָבער דער אַפּאַראַט בלייבט. די ציוניסטן און סאָציאַל־פּאַשיסטן אין פּאַלעסטינע (דער אימיגראַציע־וועזן ליגט אין די הענט פון סאָציאַל־פּאַשיסטן) האַלטן זיך אין זייער אַ גרויסער מאָס אויפ'ן אַפּאַראַט, אויף די ביוראָקראַטן. ווערט דער אַפּאַראַט אויפגעהאַלטן ניט געקוקט דערויף, וואָס דער געלט-שטראָם פון „גלות" ווערט אַלץ דינער.

דער באַנקראָט פון דער אַוואַנטיורע האָט זיך קאַטאַסטראָפאַל אָפּגערופן אויף דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין „גלות". עס איז שאַרף פאַרקלענערט געוואָרן די מיטגלידערשאַפט, עס קומט אַריין ווייניגער פאַר „שקלים". בעת צום צוועלפטן קאָנגרעס אין 1921 האָבן זיך באַטייליגט 900 טויזנט שקלים-צאָלער, איז צום דרייצנטן קאָנגרעס (1923) די צאָל געפאַלן ביז 500 טויזנט. ביים זעכצנטן קאָנגרעס, אין ציריך (1929) האָט עס שוין געהאַלטן ביי 385 טויזנט שקלים. אין 1930 האָט די שקלים-צאָל באַטראָפן 200 טויזנט (ווען עס קומט ניט פאָר קיין קאָנגרעס איז די צאָל שטענדיג קלענער ווי אין אַ קאָנגרעס-יאָר). וועגן דער לאַגע אין דעם קאָנגרעס-יאָר 1931— דער באַריכט אין באַזל האָט נאָך וועגן דעם יאָר ניט געהאַט קיין גענויע ציפערן—קענען מיר זיך אַנשטויסן פון די רעזולטאַטן אין אַמעריקע. בעת אין דעם קאָנגרעס-יאָר 1927 האָט אַמעריקע פאַרקויפט 141 טויזנט שקלים, און אין דעם קאָנגרעס יאָר 1929—71 טויזנט, איז אין 1931 אין „אַמעריקע מיט קאַנאַדע", ווי דער באַריכט דריקט זיך אויס, פאַרקויפט געוואָרן מיט 40 טויזנט ווייניגער שקלים ווי אין 1929.

דער באַרג־אַראָפּ גאַנג פון דער צאָל שקלים-צאָלער גיט נאָך ניט קיין פולשטענדיג בילד, ווייל אַט־די צאָל איז ניט קיין גענוגנדיגע מאָס פאַר דער מיטגלידערשאַפט. מיט שקלים ווערט געווינטלעך ספּעקולירט צווישן די פאַרשיידענע פראַקציעס, כדי צו קריגן מער דעלעגאַטן צום קאָנגרעס. אַ בעסערע מאָס איז אפשר דער צוריקגאַנג פון די ציוניסטישע זאַמלונגען אין „גלות". וועגן דעם האָט דערציילט רופּין אין באַזל, ווען ער האָט זיך געקלאָגט, אַז דער „קאָלאָניזיר"-דעפּאַרטמענט אין פּאַלעסטינע האָט געקראָגן פאַר די פאַרלאָפענע 2 יאָר $1,250,000 אָנשטאָט די אויסגערעכנטע — מיט צוויי יאָר פריער, אין ציריך — $3,750,000! וועגן דעם צושטאַנד פון די זאַמלונגען קען דערציילן דער פיר־מיליאָניגער חוב פון דער „אַגענטור". די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע, וועלכע פלעגט פריער זאַמלען יערלעך מיליאָ־

*) אין די צוויי יאָר ביז'ן באַזעלער קאָנגרעס זיינען 1,073 פון די 5,690 באַקומענע סערטיפיקאַטן באַנוצט געוואָרן פאַר קרובים (באַריכט, ז. 233).

נען דאָלאַרן אין אירע קאַמפּאַניעס, און האָט געהאַט אויפגעבויט א ריזיגן ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט, מיט א ביודזשעט (אין 1928) פון א מיליאָן דאָלאַר הוצאות, האָט אין איר באַריכט פאַר זעכצן חדשים אַרבעט, צוגעשטעלט צום צוזאַמענפאָר אין אַטלאַנטיק סיטי*), דער־ציילט, אז דער „אמעריקאַן־פּאַלעסטיין קאַמפּיין" האָט געזאַמלט — אַראָפּרעכענענדיג די הדסה געלטער, וועלכע גייען פאַר שפּיטאָלן א. א. —425,000 דאָלאַר. דערפון דאַרפן, פאַרשטייט זיך, אַראָפּגיין די — געוויינטלעך גרויסע—הוצאות פאַר'ן זאַמלען...

און אָט קלאָגן זיך די ציוניסטן: פון דעם קנאַפּן ביודזשעט, וואָס מען האָט צענויפגעשטעלט אין באַזל, האָט מען אין אָקטאָבער (1931) שוין ווייטער געמוזט שניידן—צוואַנציג טויזנט פונט פון דערציאונג, צען טויזנט פונט פון „קאָלאָניזיר"־אַרבעט. און לערער־סטרייקס זיי־נען שוין געוואָרן אין פּאַלעסטינע א געוויינטלעכע זאַך.

דער ציוניזם שטייט פאַר א צעבראָכענער קאַריטע. דער פינאַנ־ציעלער באַנקראָט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט דייטלעכער אויסגעטיילט איר גייסטיגע אָרימקייט, — וועלכע איז פריער פאַר־דעקט געוואָרן מיט די פעטע זאַמלונגען. די העברעאיסטישע באַווע־גונג — די נשמה פון דער ציוניסטישער באַוועגונג — איז נאָך קיינ־מאָל, זינט די יאָרן פון דער השכלה און דעם אויפקום פון ציוניזם, ניט געווען אויף אַזאַ נידעריגער שטופע. אין אַמעריקע עקזיסטירט זי במעט ניט. אין פּוילן האָט זי אין 1931 געהאַט צו פאַרצייכענען דעם אונטערגאַנג פון דער „הצפירה"—דער רוקנביין פון דער „באַוועגונג". אין פּאַלעסטינע גופא האָט דער ציוניזם שוין לאַנג צוריק אויפגעגעבן די „קונסט" אינסטיטוציעס (בצלאל), און עטלעכע „קולטור" אַנ־שטאַלטן. דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים, וועלכער ווערט אויסגעהאַלטן פון אַמעריקאַנישע נדבות, איז, ווי שוין דער־מאָנט, א „מאָדערניזירטע" ישיבה, וואו עס איז ניט דערלויבט אפילו אַזאַ „שרעקלעכע" זאַך, ווי ביבעל־קריטיק—הגם דאָקטאָר קלויזנער איז געווען גרויסמוטיג און האָט אין 1928 אַראָפּגענומען דעם חרם פון שפּינאָזאַ'ן מיט א פייערלעכן „מותר לך"...

דער ציוניזם איז באַנקראָט פון אינעווייניג און פון דרויסן.

---

*) אָפּגעדרוקט אין „טאָג", נאָוועמבער 19, 1931.

דער ציוניזם אין זיין אמת'ער ראָל

טעאָדאָר הערצל

דער ציוניזם—פריער פאָרמולירט דורך פינסקער'ס „חובבי ציון" באַוועגונג און שפּעטער דורך הערצל'ס „יודענשטאַט"—איז אויפגעקומען אין דער זעלביגער צייט, ווען אין צאַרישן רוסלאַנד האָט אָנגעהויבן שטייגן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן די אידישע אַרבעטער און דער אידישער יוגנט בכלל. אויך די אידישע מאַסן אין אַנדערע לענדער—גאַליציע, רומעניע — זיינען פון דער באַוועגונג אָנגעשטעקט געוואָרן, טיילווייז אויך אונטער'ן איינפלוס פון דעם אויפשטייג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד און עסטרייך. דער ציוניזם איז דעמאָלט געבוירן געוואָרן און איז אַרויסגערוקט געוואָרן פון דעם בירגערטום, ווי א רעאַקציאָנערע קראַפט געגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווי א קראַפט אויף אָפּציען די אידישע יוגנט פון קאַמף געגן צאַריזם, א קראַפט אויף האַלטן די יוגנט „ביי זיך", זי זאָל זיך ניט מישן מיט די „גוים", אידישע אַרבעטער זאָלן ניט שליסן קיין פאַרבאַנד מיט ניט-אידישע אַרבעטער. נאַציאָנאַליזם און רעאַקציע — געגן אינטערנאַציאָנאַליזם און רעוואָלוציע. „כל ישראל חברים", „נאַציאָנאַל-אידישע אינטערעסן"—געגן קלאַסן-קאַמף פון אַלע אַרבעטער געגן אַלע אונטערדריקער. אָט דאָס האָט דער ציוניזם געזוכט אַרויסצושטעלן ביי זיין סאַמע געבורט. אָט דערין ליגט דער גאַנצער מהות פון ציוניזם—ביז'ן היינטיגן טאָג.

טעאָדאָר הערצל, אן עכטער „ווען איך בין ראָטשילד"-טיפּ, א קליינבירגערלעכער פאַנטאַזיאָר, א באַלעבעסל מיט גרויס דרך ארץ פאַר די מאַכט-האָבנדיגע, און א שתדלן מיט אייגנשאַפטן פון אן אינטערנאַציאָנאַלן אַוואַנטיוריסט*), שטעלט אַרויס דעם אינהאַלט פון

---

*) עטלעכע שטריכן פון דעם באַלעבעסל הערצל, ווי ער אנטפּלעקט זיך אין זיינע „טאַגעביכער" („אידישער פאַרלאַג", בערלין, 1922). פון די סאַמע ערשטע בלעטער רעדט ער וועגן דעם ווי אַזוי ער וועט איינאָרדענען די אידישע מלוכה מיט ראָטשילד'ס מיליאָנען. ער איז אפילו גרייט צו מאַכן ראָטשילד'ן פאַר'ן הויפּט פון דער מלוכה. אַ גאַנץ יאָר פאַנטאַזירט ער אַזוי אָפּ, ביז ער דערשלאָגט זיך אן אודיענץ ביי ראָטשילד'ן—יולי 1896—און ווערט געוואָר, אַז ראָטשילד איז געגן זיין פּלאַן...
הערצל האָט אָבער געהאַט אויסגעפּלאַנעוועט די „מלוכה" מיט אַלע פּיט-

ציוניזם דורך זיין אייגענער פּערזענלעכקייט. אָבער ניט דורך דעם אַליין. הערצל, דער זייער־צוגעפּאַסטער פּאַטער פון אַ באַלעבעסלדיגער אַוואַנטיורע, האָט אָפן אויסגעלייגט דעם רעאַקציאָנערן ציל פון ציוניזם, די ראָל פון ציוניזם אין קאַמף מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. און נאָרדוי און די אַנדערע פירער און באַגרינדער פון ציוניזם, האָבן דערפון געוואוסט און—אַקטיוו, אָדער פּאַסיוו—אים מיטגעהאָלפן.

הערצל, אַ קאָרעספּאָנדענט און פעליעטאָניסט פון דער „נייער פרייער פּרעסע" אין ווין, האָט אָנגעהויבן זיין פּאָליטישע קאַריערע מיט אוידיענצן ביי „הויכע לייט". ער האָט אָנגעהויבן פון די קלענערע, די אַמבאַסאַדאָרן, די פּאַרשטייער פון פויפּסט—באַנוצנדיג זיך מיט זיין מיטאַרבעטערשאַפט אין דער צייטונג פון (פּאַר־מלחמה'דיגן) עסטרייכישן אימפּעריאַליזם — און האָט געענדיגט מיט די מקורבים פון ווילהעלמ'ס הויף, מיט'ן סולטאַנ'ס מיניסטאָרן און מיט פאָן־פּלעווע'ן, אינערן מיניסטער פון צאַר ניקאָלאַי, תליון פון די רוסישע אַרבעטער און פויערים, און אָרגאַניזאַטאָר פון קישינעווער פּאָגראָם. דער רעאַקציאָנערער און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער באַדייט פון די אַלע שתדלנות'ן דאַרף גאָרניט אויסגעטייטשט ווערן, ווייל הערצל אַליין טוט עס.

נאָך אין 1895 (דעם 10טן יולי) שרייבט ער אין זיינע „טאָגעביכער", אַז ער מוז זיך דערשלאָגן אַן אוידיענץ ביים דייטשן קאַיזער, און ער וועט אים באַווייזן, אַז דער ציוניזם וועט העלפן „אָפּשוואַכן דעם סאָציאַליזם" (ז. 70). מיט צוויי יאָר שפּעטער, שוין נאָכ'ן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס*), אויף אַן אוידיענץ מיט'ן גרויסהערצאָג פון באַדען, האָט הערצל, ווי ער זאָגט, „באַוויזן וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן דער ציוניזם וואָלט געבראַכט אין רוסלאַנד, וואו די סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן וואָלטן באַקערט געוואָרן צום ציוניסטישן אידעאַל". ווען

שעוועקעס. דעם 5טן יוני, 1895, שרייבט ער וועגן דער דיסציפּלין, וואָס ער וועט איינשטעלן אין דער אַרמיי אין פּאַלעסטינע, וואָס פאַר אַ אָפּערעס מען וועט אויפפירן, ווי די „דאַמען און הערן" וועלן גיין אָנגעטאָן (ז. 39). די משומדים, שרייבט ער, וועט ער איבערלאָזן אין „גלות", און באַראָן הירש'ן וועט ער געבן אַן אַמט אין דער רעגירונג (ז. 42). ביי גאָלדמאַרק'ן וועט ער באַשטעלן אַ הימן (ז. 45), דעם פאָטער זיינעם וועט ער מאַכן פאַר'ן ערשטן סענאַטאָר (ז. 48), די „הויכע פּריסטער" וועלן טראָגן אימפּאָזאַנטע באַפּוצונגען, די קיראַסירן וועלן טראָגן געלע הויזן, און די אָפיצערן—זילבערנע קיראַסן (ז. 46). „מוטיגער קריגער, שטרעבנדע קינסטלער, און באַגאַבטע באַאַמטע" וועלן באַלוינט ווערן מיט טעכטער פון די רייכע (ז. 63).

*) ווי זשיטלאָווסקי גיט איבער אין זיין ביכל „ציוניזם אָדער סאָציאַליזם", אַרויסגעגעבן פון „בונד" אין אויסלאַנד, מערץ 1899, האָט דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס „געשיקט דעם צאַר אַ דאַנק־טעלעגראַמע פאַר זיין פרידנס־מאַניפעסט".

דער הערצאָג האָט דאָס דערהערט, האָט ער באַמערקט: „דאָס דאַרף וויסן פּאָבעדאָנאָסצעוו*), איר דאַרפט עס אים מיטטיילן" (ז. 109).

הערצל האָט אין זיינע „טאָגעביכער" א סך אַזעלכע אָפּנהערציגע באַמערקונגען וועגן דער רעאַקציאָנערער ראָל פון ציוניזם. עס פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלץ וואָס ער האָט די הערצאָגן און די נונציאָס פון רוימישן פּאָפּסט און די צאַרישע אַמבאַסאַדאָרס און פאָן פּלעווע'ן „באַוויזן", האָט ער פּראָטאָקאָלירט ביי זיך אין די „טאָגעביכער". און אפשר האָבן זיך די ציוניסטישע אַרויסגעבער פון די ביכער געזאָרגט דערפאַר, אַז ניט אַלץ זאָל באַוואוסט ווערן. אָבער די און נאָך אַזעלכע באַמערקונגען אין די „טאָגעביכער", און די גאַנצע פּאָליטישע ליניע פון דעם רעאַקציאָנערן באַלעבעסל הערצל**), גיבן א באַגריף פון דער ליניע פון ציוניזם און פאַרטייטשן די רעאַקציאָנערע ראָל פון ציוניזם — געזעלשאַפטלעך און פּאָליטיש — אין „גלות", אין די ערטער, וואו די אידישע מאַסן געפינען זיך און זיינען איינגעוואָרצלט, א ראָל, וואָס דער ציוניזם האָט אָנגעהויבן שפּילן ביי זיין סאַמע געבורט, און וועט זי שפּילן אַזוי לאַנג ווי ער וועט עקזיסטירן. ריכטיגער—אַזוי לאַנג ווי עס וועט עקזיסטירן די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט און עס וועט זיין א אידישע בורזשואַזיע. אין דעם אוואַנטוריזם פון א באַוועגונג, וועלכע האָט איינגעטיילט די מענטשהייט אין אידן און ניט־אידן, וואָס ווילן דאָס אידישע פאָלק אומברענגען, און איז פונדעסטוועגן געקומען צו די אמתיע אַנטיסעמיטן און פּאָגראָמשטשיקעס, זיי זאָלן העלפן „ראַטעווען" דאָס „אידישע פאָלק", געבן עס א „מלוכה",—אַט אין דעם אויבן־אויפיגן אוואַנטיוריזם, איז פון אָנהויב אָן געלעגן די עכטקייט פון דער נויטווענדיקייט פון הערשער און אונטערדריקער צו גראָבן דעם תהום צווישן אידן און ניט־אידן. אַט דאָ האָט דער ציוניזם געדינט און—דינט.

ווען די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע האָבן זיך געהויבן צווישן די אידישע מאַסן, ניט געקוקט אויפ'ן ציוניזם, איז אַרויסגעקרוקט געוואָרן דער סאָציאַל־ציוניזם, די פאַרשיידענע „סאָציאַליסטישע" פראַקציעס אין ציוניזם. די רעאַקציע האָט זיך גענומען צודעקן מיט א

*) געוועזענער אויבער־פּראָקוראָר פון „הייליגן סינאָד", א זייל פון דער צאַרישער מאָנאַרכיע, פירנדיגער גייסט אין צאַרישן הויף.

**) הערצל באַהאַלט ניט זיינע מאָנאַרכיסטישע נייגונגען. אין זיין אויסגעפּלאַנעוועטער מלוכה האָט ער—צוליב אומשטענדן, וואָס האָבן ניט געלאָזט, אָדער ג אָ ך ניט געלאָזט, טראַכטן פון א אידישער מאָנאַרכיע—געפּלאַנעוועט צו שאַפן אַן „אַריסטאָקראַטישע רעפּובליק". „די דעמאָקראַטיע", שרייבט ער — „איז אַ פּאָליטישער אומזין, וואָס קען נאָר באַשלאָסן ווערן פון דעם המון אין דער צייט פון א רעוואָלוציע" („טאָגעביכער", ז. 141).

„סאָציאַליסטיש" פייגנבלעטל. מיט דער הילף פון דער סאָציאַליסטי־שער פּראַזע האָט מען פּרובירט — און מען פּרובירט — אָפּהאַלטן דעם אַרבעטער פון אַלגעמיינעם קאַמף, פון „אויסמישן זיך".

פון פּאַן פּלעווע ביז גאָווערנאָר פּולער

הערצל'ס באַזוך ביי פּלעווע'ן — און דאָס האָט פונדעסטוועגן די „סאָציאַליסטישע" פּראַקציעס ניט אָפּגעטרייסלט פון הערצל'ען — איז געווען ניט קיין איינצלפאַל, פּונקט ווי דער רעאַקציאָנערער קליינביר־גער, טעאָדאָר הערצל, איז ניט צופעליג געווען דער פירער פון'ם ציו־ניזם. דער ציוניזם האָט שטענדיג געקלאַפּט אין די הינטער־טירן ביי די רעאַקציאָנערן און האָט שטענדיג געזוכט צו גיין מיט די פּאַר־שטייער פון דער רעאַקציע — אויף וויפיל יענע האָבן נאָר געוואָלט. און יענע, ווידער, האָבן דעם ציוניזם אַרויסגערוקט, אויף וויפיל ער האָט זיי געדינט.

ווען מען האָט פּאַן פּלעווע דערלויבט אין 1902 א צוזאַמענפאָר אין מינסק? קיינעם ניט — קיין שום אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהאַט אויף זיך אפילו א שאָטן פון פאַרדאַכט, אַז זי קען שעדיגן דעם צאַ־ריזם. אָבער די ציוניסטן איז יע דערלויבט געוואָרן אָפּצוהאַלטן דעם צוזאַמענפאָר. דער ביטערער היינקער פּאַן פּלעווע האָט דאָ געוואוסט וואָס ער טוט, געוואוסט וואָס פאַר א קראַפט דער ציוניזם איז אויף דער אידישער גאַס, צום גונסטן פון צאַריזם. ציוניסטן זיינען ניט גע־שטערט געוואָרן פון דעם זעלביגן פּלעווע צו באַטייליגן זיך אין דעם „אַלוועלטלעכן" פאַרבאַנד פון די ציוניסטן, אפילו מיט די פון יענע לענדער, מיט וועמען דער צאַריזם האָט געקעמפט אויף דער אימפּע־ריאַליסטישער שאַך־ברעט, ניט געשטערט זיי פאָרן הין און צוריק אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן, כאָטש יענע זיינען פאַרגעקומען אין דער „פרייער שווייץ", וואו די קאָמיטעטן פון דער רעוואָלוציאָנערער רו־סישער עמיגראַציע האָבן זיך געפונען. פאַרוואָס האָט עס דער צאַריזם אַלץ דערלאָזט און דערמונטערט? ווייל ער האָט געוואוסט, אַז וואו דער ציוניזם קומט — אויך אין דער שווייץ — איז ער א טובה פאַר'ן צאַריזם, א שטער פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

דער ציוניזם אין צאַרישן רוסלאַנד איז ניט געווען סתם עפּעס א טייל פון דער ציוניסטישער אַלוועלטלעכער באַוועגונג, נאָר א זייל פון אָט דער באַוועגונג. די טשלענאָוס, די אוסישקינס, די מאַנדעל־שטאַמס, האָבן געשפּילט א אינטערנאַציאָנאַלע ראָל. אין דער זעלבי־גער צייט זיינען זיי געווען אָנגענומענע פּערזענלעכקייטן ביי דער צאַ־רישער מאַכט. ניט נאָר האָט קיינער פון זיי קיינמאָל ניט פאַרזוכט

דעם טעם פון טורמע און קאטאָרגע, צוליב ציוניסטישער ארבעט, נאָר זיי זיינען אַלעמאָל געווען „חשוב'ע בירגער".

אונטער'ן דרוק פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע האָט דער ציוניזם אין אַלטן רוסלאַנד ניט נאָר ארויסגערוקט פון זיך „סאָציאַ־ליסטישע" פּראקציעס, נאָר אויך אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן אָנגע־נומען די בארימט־געוואָרענע „העלסינגפאָרסער פּראָגראם" פאר אר־בעט אין „גלות",—פּאָליטישע ארבעט אין רוסלאנד. דערמיט האָט מען באצוועקט צו געבן פראָגראמאטישן הינטערגרונט פאר דער מיטארבעט פון די ציוניסטן מיט די קאדעטן אין דומע. ארויסגעשטעלט געוואָרן איז אָט־די פּראָגראם ווי אן ענטפער די געגנער, וואָס האָבן דער־קלערט, אז דער ציוניזם לייקנט אָפּ ארבעט אין „גלות". קלאָרער איז אָבער געוואָרן דער פּנים פון דער „פּראָגראם", ווען עס זיינען אָנ־געקומען די יאָרן פון רעאקציע — נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905— און ציוניסטישע רעדנער און שרייבער, פון קליין ביז גרויס, האָבן אָפּגעשפּאָט, גענומען נקמה פון דער אידישער יוגנט: אהא, וואָס האָבן מיר אייך געזאָגט? האָט איר זיך גדאַרפט מישן? ניט פאר „אונז" איז דער קאמף געגן צאַריזם! מיר דארפן גיין אין אונזער אייגן לאַנד!

דאָס האָט אָבער נישט געשטערט דעם ציוניזם צו ווערן פּאַט־ריאָטיש, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן: רוסישע ציוניסטן — פאר'ן צאַריזם, דייטשע—פאר דייטשלאַנד, אמעריקאנישע—פאר אמע־ריקע, און עס איז קיין פראגע ניט געווען, אז „מיר דארפן זיך ניט מי־שען". דאָ האָט מען, טאקע אין נאָמען פון ציוניזם, אויסגעטייטשט, אז מען דארף העלפן „אונזער" מלוכה.

דער ציוניזם איז גרייט דינען אומעטום, אין אַלע לענדער, אין אַלע פאַלן, אויף אַלע מיטלען, — אויב עס האנדלט זיך נאָר וועגן דינען דער בורזשואזיע.

די אמעריקאנישע ציוניסטן האָבן די לעצטע יאָרן געליפערט א שרייענדיגן ביישפּיל, וואָס באווייזט אויף ווי ווייט דער ציוניזם איז גרייט צו גיין מיט דער רעאקציע. פּאסירט האָט עס צום אָנהויב 1928, אינגאנצן עטלעכע חדשים נאָכדעם ווי סאקאָ און וואַנזעטי זיינען פארברענט געוואָרן אויפ'ן עלעקטרישן שטול, אין שטאט מאסאטשו־זעטס. אין דעם זעלביגן שטאט, אין דער הויפּט־שטאָט באָסטאָן, האָט די ציוניסטישע אָרגאניזאציע איינגעלאַדן דעם היינקער פון סאקאָ און וואַנזעטי, דעם גאָווערנאָר פולער, צו זיין דער ערן־גאסט אויף א באַנקעט צו דערעפענען די אָרטיגע ציוניסטישע געלט־קאמפּאניע.

די צענטראַלע ציוניסטישע פירערשאפט און די ציוניסטישע פּרעסע האָבן אפילו ניט געפונען פאר נויטיג זיך אָפּצושטעלן אויף דעם פאַל.

אין דער אָנפירערשאַפט פון דעם ציוניזם אין אַמעריקע געפינען זיך ריכטער, פּאָליציי־באַאַמטע, טוער אין די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען.*) די ריכטער שיקן ארבעטער אין טורמע פאר אָנטיילנעמען אין סטרייקס—אידישע ארבעטער, ווי ניט־אידישע. די פּאָליציי־לייט שפּאַלטן קעפּ פון די ארבעטער—אידישע ווי ניט־אידישע. די אַלע ציוניסטישע טוער אין די קאָרופּטע פּאָליטישע פּאַרטייען פון אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם, נעמען אָנטייל אין דער ברוטאַלער אַטאַקע פון קאַפּיטאַל אויף׳ן ארבעטער־קלאַס, נעמען אָנטייל אין דער ארבעט פון דער אונטערוועלט, וועלכע איז א טייל פון דעם קאַפּיטאַליסטישן מלוכה־רעזשים, זיינען איינגעטונקט אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער קאָרופּציע, פאַרוויקלט אין אַלע אינערלעכע קאָמבינאַציעס פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען.

דער ציוניזם איז אין אַמעריקע קיינמאָל ניט ארויסגעטראָטן אין קאַמף געגן די באַגרענצונגען אויף אימיגראַציע און די פאַרפאָלגונגען אויף אימיגראַנטן—דאָ רעדט זיך וועגן א ברייטער מאַסן־באַוועגונג — ווייל די באַגרענצונגען זיינען א טייל פון דער גאַנצער פּראָגראַם פון דער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע אין אַמעריקע, און ווייל ציוניסטן האָבן פון שטענדיג אָן געקוקט אויף פאַרפאָלגונגען, ווי אויף א הילף פאַר׳ן ציוניזם.

ווען די ציוניסטן פון באָסטאָן האָבן איינגעלאַדן גאָווערנאָר פולער, איז ער אויך געקומען, און האָט אויסגעדריקט זיינע סימפּאַטיעס פאַר׳ן ציוניזם. דער ציוניזם האָט זיינע הויפּט־סימפּאַטיקער און הויפּט־באַשיצער צווישן די אויסגעשפּראָכנסטע שוואַרץ־מאה׳ניקעס

---

*) בראַנדייס, מעק, ליוואיס, ראָזאַלסקי, זיינען נאָר עטלעכע נעמען פון אַ לאַנגן צעטל ציוניסטן, וואָס פאַרנעמען ריכטער־שטעלעס (בראַנדייס איז אַ מיטגליד פון העכסטן געריכט אין וואַשינגטאָן). נאָך לייכטער וואָלט געווען דער צעטל ציוניסטן, וואָס פאַרנעמען אַלערליי אַנדערע שטעלעס אין דער רעגירונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור, און זיינען „פּאָליטישנס״ אין די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען (אָפט זיינען זיי ציוניסטן, כדי צו כאַפּן אידישע שטימען). צווישן די, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין פאַרפאָלגן אַרבעטער, איז ווערט דערמאָנט צו ווערן דער ריכטער ראָזאַלסקי, וועלכער האָט פאַרשיקט אין טורמע אַרבעטער, פאַר זייער טעטיגקייט אין קלאָוקמאַכער סטרייק (א „לעגאַלער״ סטרייק) אין 1926. עס איז ווערט צו דערמאָנען דעם אונטערוועלט־אַדוואָקאַט אין ניו יאָרק, סעמיועל מאַרקאָוויטש, אן אָנגעזעענער ציוניסט (פּאָרזיצער פון דער רעזאָלוציע־קאָמיסיע פון ציוניסטישן צוזאַמענפאָר אין פּיטסבורג, אין 1928), וועלכער איז א שרייפל פון דער קאָרופּטער פּאָליטישער מאַשין, וואָס רעגירט אין ניו יאָרק („טעמעני״) און האָט אַלס אַדוואָקאַט פון די באַלעבאַטים און סאָציאַל־פאַשיסטן געהאָלפן פאַרשפּאַרן אין טורמע טויזנטער אַרבעטער, מייסטנס אידישע. פּונקט אַזוי איז ווערט צו דערמאָנען דעם מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און הויפּט פון נאַציאָנאַל־פאָנד—אין אַמעריקע—נעלסאָן רוטנבערג, איינער פון די געהילפן פון פּאָליציי־קאָמישאָנער פון ניו יאָרק (ער האָט אָנגעהויבן אַלס געהילף ביים „באַרימטן״ גראָווער וועהעילען).

פון דער אַמעריקאַנער רעאַקציע. האַמילטאָן פיש, דער באַרימטער שוואַרץ־מאה׳דיגער קאָנגרעסמאַן, איז אַן אָפטער רעדנער אויף ציוניס־טישע פאַרזאַמלונגען, וואו ער זינגט א לויב דעם ציוניזם, די ציוניסטן, דעם אידישן קלעריקאַליזם. פיש איז אין 1922 געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון א קאָנגרעס־רעזאָלוציע פאַר דער „אידישער היים״ (זע זז. 95—98).

פעטליורע, גראַבסקי, פּילסודסקי

דער ציוניזם אין אַמעריקע איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין אויס־נאַם, נאָר א טייל פון דעם כלל,—אפילו ווען מען זאָל אינזינען האָבן דעם פאַקט, אַז ניט אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווערן די ציוני־ניסטן צוגעלאָזט צו מלוכה־אַמטן. איין בליק אויף דעם צוזאַמענשטעל פון אַן אַלוועלטלעכן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועט עס באַשטעטיגן. איר זעט אויף אַזאַ קאָנגרעס—און מיר איז אויסגעקומען צו זיין אויפ׳ן זעכצנטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין ציריך — א גרויסע פראַקציע מזרחי־לייט — רבנים און רב׳לעך פון די פּוילישע שטעטלעך, פון די פּאַלעסטינישע צדקה־פּושקעס,—עכטע געטאָ־לייט, פינצטערע פאַנאַ־טיקער, אין יאַרמולקעס און שטריימלעך. איר דערזעט אין דער פראַק־ציע א מאָנומענט פון צענדליגער יאָרן ציוניסטישער „אויפקלערונג״, „אויסגלייכן דעם רוקן״, „עפענען א פענצטער אין אייראָפּע״... און איר זעט: פון פּוילן — די מאָשקעס, וועלכע האָבן געשלאָסן דעם „אָפּמאַך״ („אוגאָדע״) מיט׳ן פאַן גראַבסקי, מיניסטער פון דער ענ־דעקישער רעגירונג, פאַר דער מאַי־איבערקערעניש פון 1926 (ווען פּילסודסקי האָט פאַרכאַפּט די מאַכט), שותפים פון די ענדעקעס, און דערנאָך—שותפים אין דער פאַשיסטישער דיקטאַטור פון פאַן פּיל־סודסקי. און זייט ביי זייט מיט זיי—די זעלביגע מאָשקעס און שותפים פון פאַשיזם אין אַנדערע לענדער—ליטע, רומעניע, אונגאַרן, דינער און אונטערשטיצער פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור, וואָס דריקט און שטיקט די אַרבעטער און פּויערים, און וועלכע מאַכט פּאָגראָמען אויך אויף דער אידישער באַפעלקערונג. און זייט־ביי־זייט מיט׳ן מזרח׳יסטישן פליגל, מיט׳ן צענטער פון די רעאַקציאָנער־פאַשיסטישע דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן, און מיט דער פאַשיסטישער פראַקציע פון פעטליורע׳ס שותף, זשאַבאָטינסקי, געפינט זיך דער סאָציאַל־פאַשיזם, וועלכער איז אַן אָנשפּאַרעניש פון ציוניזם,—פונקט ווי דער סאָציאַל־פאַשיזם בכלל איז אַן אָנשפּאַרעניש פאַר׳ן אַלגעמיינעם קאַפּיטאַליזם.

דער סאָציאַל־פאַשיזם (וועלכער ווערט גענויער באַהאַנדלט אין א ווייטערדיגן קאַפּיטל), האָט זיין ערשטן אויפטריט אין צאַרישן רוס־

לאנד געמאכט,—ווי עס פאסט פאר א צווייג פון דער ציוניסטישער באוועגונג. עס מוז פארצייכנט ווערן, אז צווישן אלע דעמאלטיגע רעוואלוציאנערע און כלומרשט־רעוואלוציאנערע פארטייען אויף דער אידישער גאס, האט בלויז איין פארטיי, די פועלי-ציוניסטישע, ארויסגערוקט פון זיך אין אן אנגעזעענער מאס די אגענטן פאר פלעוע׳ס פראוואקאטאר, זובאטאוו. נאר אין די רייען פון די פועלי־ציון האט די זובאטאווושטשינע געקראגן אן אנהאלט, און נאר פירער פון די פועלי־ציון זיינען געווארן זובאטאוו׳ס פראוואקאטארישע נשמה־פאנגער צווישן די אידישע ארבעטער, און צווישן דער אינטעליגענץ און קליינבירגערלעכער יוגנט.

די זובאטאווושטשינע פון די פועלי־ציון איז ניט געווען קיין צופאל-זאך.

עס איז אויך ניט קיין צופאל, וואס צווישן די „מיניסטארן״ אין דער רעגירונג פון דעם בלוטיגסטן פאגראמשטשיק פון היינטיגן יארהונדערט, פעטליורע, האבן זיך געפונען צוויי „סאציאליסטישע״ ציוניסטן, א פועלי־ציוניסט (רעוואוצקי) און א געוועזענער ציוניסט־טעריטאריאליסט (לאצקי־בערטאלדי). אויך פעטליורע און די צענטראלע ראדע האבן באנוצט „סאציאליסטישע״ פראזן. די ענלעכקייט צווישן דעם פעטליורע-„סאציאליזם״, פילסודסקי־„סאציאליזם״ און ציוניסטישן „סאציאליזם״ איז באמת זייער שטארק.

דאס קאפיטל פעטליורע ווארפט בכלל א שטארקע שיין אויף דעם ציוניזם, ווי א רעאקציאנערע קראפט, וואס קען רואיג פארטראגן פאגראמען און פאגראמשטשיקעס אין איר, ציוניסטישער, ארבעט—און דווקא אין „גלות״, וואו די רעאקציאנערע ראל זיינע פירט אים כסדר צענויף מיט פאגראמשטשיקעס. דער אפמאך צווישן פעטליורע׳ן און דעם ציוניזם, אין דער פערזאן פון זשאבאטינסקי, וועלכער איז צו דער צייט, ווען דער אפמאך איז געשלאסן געווארן, געווען א מיטגליד פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע און דער אנפירער פון דעם אפטייל פאר אינפארמאציע פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע, וועט פארבלייבן ווי איינער פון די שווארצסטע פלעקן אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

געווען איז דאס אין סעפטעמבער, 1921, ווען די בלוטיגע ראל פון פעטליורע׳ס באנדעס אין אוקראינע איז שוין געווען פעסטגעשטעלט מיט בערג דאקומענטן. עס איז געווען פעסטגעשטעלט, אז פון אלע באנדעס, וואס האבן געבושעוועט אין אוקראינע, האבן די פעטליורע־באנדעס געהאט אויף זייער רעכענונג די גרעסטע צאל פאגראמען, און די בלוטיגסטע פאגראמען (זשיטאמיר, פראסקוראוו, אוורוטש, קאראסטען, באלטע, זשמערינקע, בערדיטשעוו, א. א.). עס איז פעסט-

נעשטעלט געוואָרן, אז פון די העכער דרייסיג טויזנט אידן, וואָס זייי־נען אין די פּאָגראָמען אין יאָר 1919 אויסגע'הרג'עט געוואָרן, האָבן די פּעטליורע־באַנדעס, אין 120 פּאָגראָמען, אומגעבראַכט ארום פופצן טויזנט.*) דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַ־ציע, אין סעפּטעמבער 1921, פון שליסן אין קאַרלסבאַד אַן אָפּמאַך מיט פּעטליורע'ס פאַרטרעטער, צוזאָגן פּעטליורע'ן הילף אין זיינע דעמאָלטיגע פאַרזוכן ווידער אָנצוהויבן דעם קאַמף געגן די באָלשעווי־קעס. דאָ קומען מיר צו צו דער ראָל פון די ציוניסטן, ווי אָנטייל־נעמער אין דעם אַלגעמיינעם אנטי־באָלשעוויסטישן פראָנט. דאָ זעען מיר ווידעראַמאָל די ראָל פון די ציוניסטן — די דינער פון ענגלישן אימפּעריאַליזם. טריי צו זייער געזעץ—ווי דע־האאז האָט זיך אויס־געדריקט—צו דינען ניט פאַרלאַנגנדיג גאָרניט, נאָר געווינענדיג דעם „גוטן ווילן" פון מענטשן, וועמעס נעמען עס האָבן א ווערט אין אינ־טערנאַציאָנאַלע ענינים, האָבן די ציוניסטן צוגעזאָגט זייער דינסט, אין געלט און רעקרוטן, אין פּעטליורע'ס קאַמף געגן באָלשעוויזם. א פאָרשטייער פון ענגלאַנד איז געווען ביים שליסן דעם אָפּמאַך און האָט געגעבן זיין ברכה. און עס איז בשום אופן ניט שולד פון די ציוניסטן, וואָס די פּעטליורע־באַנדעס האָבן ניט געקראָגן קיין גע־לעגנהייט צו פאַרגרעסערן זייער צעטל פּאָגראָמען אויף מער ווי 120. דערין זיינען שוין שולדיג די באָלשעוויקעס. די ציוניסטן האָבן זיך געסטאַרעט פאַר פּעטליורע'ן, ווי וויט זיי האָבן געקאָנט—סיי די סאָ־ציאַל־פאַשיסטישע ציוניסטן און סיי די „אַלגעמיינע"**).

אָבער עס איז ניט ריכטיג, אז די ציוניסטן דינען ווען עס איז „ניט פאַרלאַנגנדיג גאָרניט". אַלע מאָל, אומעטום, אין זייער ציוניסטישער אַרבעט, פאַרלאַנגען זיי יע פאַר זיך, און גאָר א סך. דער ציוניזם דינט דעם פאַבריקאַנט, דעם באַנקיר, דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. דער ציו־ניזם איז אַן אינסטרומענט פון דער אידישער בורזשוּאַזיע פאַר אירע אייגענע צוועקן, פאַר די אינטערעסן פון איר קלאַס.

איינע פון די סיבות פאַרוואָס די אידישע גרויס־בורזשואַזיע איז אין 1929 „באַקערט געוואָרן" צום ציוניזם, און אריין אין דער „אידי־שער אַגענטור", איז דאָס, וואָס זי האָט דערזען דעם גרעסטן ווערט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אויף אָפּצוהאַלטן דעם אַרבעטער פון קאַמף, אין דעם דריטן פעריאָד פון נאָך־מלחמה־קאַפּיטאַליזם.

---

*) חוץ דער „רייכער" דאָקומענטירטער ליטעראַטור אויפ'ן אָרט, זיינען אויך אין אויסלאַנד שוין געווען פאַרעפנטלעכט מאַטעריאַלן וועגן די פּעט־ליורע־פּאָגראָמען. אין ניו יאָרק איז געווען פאַרעפנטלעכט י. כייפעץ'ס בוך: „דהי סלאָטער אָוו דהי דזשוס אין דהי יוקראַין אין 1919".

*) דער טעקסט פון דעם ציוניסטישן אָפּמאַך מיט פּעטליורע'ן געפינט זיך צום סוף פון בוך.

היטלער האָט באַוויזן דעם גרויס־קאַפּיטאַליזם דעם ווערט פון א שאָוויניסטישער באַוועגונג, אזא באַוועגונג קען באַנוצט ווערן אויף ברעכן די רייען פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, אָף ברעכן סטרייקס. א פאַשיסטישער, א שאָוויניסטישער אַרבעטער, אָדער קליינבירגער, ווערט געהאַלטן אונטער'ן איינפלוס פון דער בורזשואַזיע, קען גיכער באַנוצט ווערן פאַר אירע צוועקן. וואָס שאַרפער דער קלאַסן־קאַמף, אַלץ מער דאַרף די בורזשואַזיע האָבן אזא באַוועגונג ביי זיך. עס איז דער אומגליק פון דער אידישער בורזשואַזיע, וואָס אין די פאַרשאַרפ־טע מאָמענטן פון קלאַסן־קאַמף און קריזיס, האָט דער ציוניזם—טאַקע אויך צוליב דעם פאַרשאַרפטן קלאַסן־קאַמף און קריזיס—אזוי באַנקראָטירט, פון אינעווייניג און דרויסן, אַז מען קאָן אים ניט באַנוצן אזוי שטאַרק ווי מען האָט אים געקאָנט באַנוצן באַלד נאָך דער באַל־פור־דעקלאַראַציע. דער ציוניזם וועט אָבער קיינמאָל ניט אויפגעבן ווערן פון דער אידישער בורזשואַזיע, ניט געקוקט אויף אַלע באַנקראָטן. יעדע בורזשואַזיע פּרעדיגט נאַציאָנאַליזם, שאָוויניזם, פאַר אירע צוועקן. די אידישע בורזשואַזיע וועט ניט אויפהערן צו באַנוצן זיך מיט'ן ציוניזם אזוי לאַנג ווי זי וועט עקזיסטירן. דער קאַמף געגן ציוניזם איז איינג פאַרבונדן מיט'ן קאַמף געגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.

דער ציוניזם און ראַטנפאַרבאַנד

ביינקשאַפט נאָכ'ן צאַריזם

דער ראַטנפאַרבאַנד האָט דעם ציוניזם געגעבן א מורא'דיגן קלאַפּ, א צווייענדיגן קלאַפּ.

געווען אמאָל—רוסלאַנד! געווען אמאָל—א באַזע פאר'ן ציוניזם! א לאַנד מיט צרות, גזירות, פּאָגראָמען, און מיט מיניסטאָרן, וואָס פלעגן אויפנעמען די הערצלס, און מיט זעקס מיליאָן אידן! געווען אמאָל—רוסלאַנד!

ציוניסטן האָבן ליב היינט נאָך צו דערציילן:

באַראָן הירש האָט געזאָגט הערצל'ען:

— קיינער וועט דיר קיין געלט ניט געבן. ס'העכסטע וואָס דו וועסט ביי ראָטשילד'ן קריגן איז הונדערט פראַנק־שטיק פאר דיין באַוועגונג.

האָט הערצל—„שטאָלץ", ווי עס ווערט איבערגעגעבן—געענטפערט:

— איך האָב אָבער זעקס מיליאָן קבצנים!

געווען אמאָל א באַזע פאר'ן ציוניזם. דער „רוסישער ציוניזם" איז געווען די יאָדערע פאר דער ווינער—און בכלל מערב־אייראָפּייאישער—שאָלעכץ, וואָס הערצל און נאָרדוי האָבן צוגעשטעלט. די ציוניסטן הערן ניט אויף צו טרוימען פון יענער גאָלדענער צאַרישער עפּאָכע אין דעם ציוניזם. נאָך פאר'ן זיבעצנטן קאָנגרעס, זומער 1931, האָט דער ציוניסט ניידיטש אין אן ארטיקל אין ניו־יאָרקער ציוניסטישן „טאָג" דערמאָנט די „אַלטע גוטע צייט", ווען עס איז געווען א רוסישער ציוניזם. די צייט פון די טשלענאָווס, די מאָצקינס, די טיאָמקינס, די אוסישקינס—פּאַסטוכער מיט א סטאַדע, מיט אן איינפלוס.

איצט איז ניטאָ די באַזע. ניטאָ קיין פּאָגראָמען, ניטאָ קיין גזירות, ניטאָ קיין נאַציאָנאַלע פראַגע. די ציוניסטישע באַוועגונג ווערט באַקעמפט, איז פארבאָטן ווי א קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, ווי אן אַגענט פון ענגלישן אימפּעריאַליזם. ראַטנפאַרבאַנד האָט געשאַפן א טיפן ריס אין דעם ציוניזם, באַרויבט די באַוועגונג פון א לאַנד, א מאַרק.

און ווי טיף דער דאָזיגער ריס זאָל ניט זיין, איז אפשר נאָך טיפער, און ברייטער, דער אַנדערער ריס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווי א רעזולטאַט פון דער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין ראַטנפאַרבאַנד און פון דעם פענאָמענאַלן דערפאָלג פון דער קאָלאָניזאַציע און אינדוסטריאַליזאַציע צווישן די אידישע מאַסן. דערמיט איז ניט נאָר אָפּגענומען געוואָרן פון ציוניזם די באַזע אין ראַטנפאַרבאַנד גופא, נאָר עס איז דאָ אויפגעשטאַנען געגן ציוניזם—אָפּן אויפגעשטאַנען, אין די אויגן פון די מאַסן אין אַלע לענדער, איינגעשלאָסן פּאַלעסטינע—די איינציגע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע און פון דער אידישער פראַגע. די גאַנצע אַגיטאַציע פון רעוואָלוציאָנערע אידישע אַרבעטער אין משך פון יאָרן—אַז נאָר וואו דער קאַפּיטאַליזם וועט אָפּגעשאַפט ווערן, וועט געלייזט ווערן די אידישע פראַגע—האָט אין ראַטנפאַרבאַנד געקראָגן פלייש און בלוט, איז אויסגעפּרובירט געוואָרן אין דער לאַבאָראַטאָריע פון סאָציאַליסטישער בויאונג.

דער ראַטנפאַרבאַנד האָט דאָ א טויטלעכן קלאַפּ געגעבן דעם ציוניזם אַלס שאָוויניסטישע באַוועגונג און אַלס באַוועגונג אין די אינטערעסן פון קאַפּיטאַליזם. און די קלעפּ הערן ניט אויף. יעדער אויפשטייג פון אידישן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד איז א נייער קלאַפּ. די סאַמע עקזיסטענץ פון ראַטנפאַרבאַנד קלאַפּט דעם ציוניזם אומאויפהערלעך.

דער ציוניזם איז דעריבער א ביטערער שונא דעם ראַטנפאַרבאַנד און א ביטערער שונא דער אידישער סאָציאַליסטישער בויאונג.

קיין מיטל איז ניט געווען צו שענדלעך פאַר דער ציוניסטישער פרעסע צו פאַרלוימדן די קאָלאָניזיר־אַרבעט אין אוקראַינע און קרים, צו „אַרונטעררייסן” בירא־בידזשאַן. גאַנצע ביכער וואָלט מען געקענט אָנפילן מיט די רעצעס, חוזק־מאַכעריי, ליגנערישע אויסטראַכטונגען—אַלץ מיט׳ן צוועק צו שעדיגן די „קרימער אַוואַנטיורע” פון די „יעווסעקעס”! מען איז אָפּט דערגאַנגען ביז אויסטראַכטן פּאָגראָמען אין די אידישע קאָלאָניעס—אַלץ מיט׳ן זעלביגן צוועק. און עס איז ווערט דאָ צו פאַרצייכענען די ביטערע אַטאַקע פון די אַמעריקאַנישע ציוניסטן, ווען די יאהודים האָבן, אין סעפּטעמבער 1925, אין פילאַדעלפיע, גערופן א קאָנפערענץ מיט׳ן צוועק צו שאַפן מיטלען פאַר דער שפּעטערדיגער קאָלאָניזיר־אַרבעט פון „דזשאָינט” אין ראַטנפאַרבאַנד. וואָרט־זאָגער פון די ציוניסטן—קאַרל שערמאַן, און אַנדערע—האָבן געסטראַשעט מיט פּאָגראָמען פון די אוקראַינישע און קרימער פּויערים—און די „פּאָגראָמען” האָבן זיי שפּעטער פּרובירט אויסטראַכטן אין זייער פרעסע. ווען מען האָט די „פּאָגראָמען” געמוזט

אויפהערן פאַבריצירן, האָט מען אָנגעהויבן שרייען וועגן א „גייסטיגן פּאָגראָם“, — און מען האָט נאָך ניט אויפגעהערט שרייען.

געפּלייט און אינטערווענציאָניסטן

די ציוניסטן אין רוסלאַנד האָבן געהאַט א גאַנץ באַשטימטע פּראָגראַם פאַר „געגנוואַרט“ אַרבעט. די ציוניסטן זיינען געגאַנגען מיט דער קאַדעטישער פּאַרטיי—די מאָנאַרכיסטישע קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. די הערצל־באַלעבעסלעך, מיט'ן הערצל־מאָנאַרכיזם, מיט דער הערצל־באַלעבעסלשער מורא פאַר די מאַסן און פאַראַכטונג און שנאה צו די מאַסן — די ציוניסטישע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פיליסטערס, האָבן אין דער קאַדעטישער פּאַרטיי געפונען זייער אָרט. זיי זיינען געגאַנגען מיט די קאַדעטן אין די צייטן פון דער דומע, זיי זיינען געגאַנגען מיט די קאַדעטן נאָכדעם ווי דער צאַריזם איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן. צווישן מערץ און אָקטאָבער, 1917, זיינען טיילן פון ציוניזם געווען פאַרכאַפּט פון דער קערענשטשינע, אָבער דאָס האָט ניט נאָר ניט געענדערט דעם פּנים פון ציוניזם, נאָר האָט נאָך מער אויסגעטיילט די שטריכן זיינע. בראָש פון ציוניזם זיינען געשטאַנען מלחמה־ספּעקולאַנטן, וועלכע זיינען געווען פאַראינטערעסירט, אז די מלחמה זאָל פאַרגעזעצט ווערן. זיי האָבן געקריצט מיט די ציין אויף די „טאָוואַרישטשעס“, וואָס דעמאָנסטרירן געגן מיליוקאָוו'ן, געגן קערענסקי'ן. איצט האָבן די ספּעקולאַנטן געהאַט מיט מיליוקאָוו'ן געמיינזאַמע אינטערעסן אין דער מלחמה: יענער האָט פאַרלאַנגט די דאַרדאַנעלן פאַר רוסלאַנד, און זיי האָבן געהאַט שטאַרק אין זינען די „אידישע היים“, וואָס דער גורל אירער איז אָפּגעהאַנגען פון דעם זיג פון דער אַנטאַנט (עליים). אָט־די אינטערעסן האָבן זיך זייער באַקוועם איינגעפּאַסט אין די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די ציוניסטישע מלחמה־ספּעקולאַנטן, געהאָלפן פאַרדעקן זיי פאַר די אויגן פון „פאָלק“.

אין די „פרייע טעג“ פון דער קערענשטשינע האָט דער ציוניזם אין רוסלאַנד געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצואווייזן זיין רעאַקציאָנערן פּנים. ער האָט דאָמינירט אַלע קהלות און האָט „קאָנסטיטוציאָנעל“ באַפעסטיגט די מאַכט פון דעם ספּעקולאַנט, רב און באַלעבעסל. עס איז געקומען די „פרייע צייט“ פאַר'ן חדר און פאַר דער מקוה. עס האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן דער רעליגיעז־קלעריקאַלער כאַראַקטער פון ציוניזם. דער אידישער אַרבעטער איז געוואָרן אַזוי אונטערדריקט אין דער קהלה—אויף וויפיל זי האָט געהאַט וועלכן עס איז אויטאָ־

נאָמען כאַראַקטער, אַז אויך צווישן די אַרבעטער, וואָס זיינען געווען פאַרפירט פון „בונד" און די „סאָציאַליסטישע" ציוניסטן האָט מען געפאָדערט אַן אַנטשיידענעם קאַמף געגן דער הערשאַפט פון די מאַזעס און זלאַטאָפאָלסקים*). די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך שוין אין יענע טעג אַרויסגעוויזן, ווי אַ אינסטרומענט פון קאַפּיטאַליזם און קאָנטער־רעוואָלוציע. מען האָט געגאָסן גאַל אויף די „טאָוואַרישטשעס", און מען האָט „מיטגעהאָלפן אין אַלע אופנים", ווי דערהאַז דערציילט, מען האָט געקראָגן פאַר דער אַנטאַנט קאָנטאַקט אין אָדעס און אין כאַרבין (זע זייט 48). און נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט זיך דער קאָנטאַקט פאַרשטאַרקט און עס האָט זיך פאַרשטאַרקט דער אַקטיווער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אַנטייל פון ציוניזם.

פונקט ווי די פעטליורע־פּאָגראָמען האָבן ניט אָפּגעהאַלטן די ציוניסטן שפּעטער צו שליסן מיט אים אַן אָפּמאַך וועגן אַ מאָדום פאַר „אַרבעט" געגן דער ראַטנמאַכט, און פונקט ווי די פּילסודסקי־פּאָגראָמען האָבן ניט אָפּגעהאַלטן, און האַלטן ניט אָפּ, די ציוניסטן פון שטיצן פּילסודסקי'ן, אַזוי האָבן די דעניקין־פּאָגראָמען, וואָס פאַרנעמען זייער אָרט אין די שחיטות אין אוקראַינע גלייך נאָך די פעטליורע־שחיטות, ניט געשטערט די ציוניסטן פון צו העלפן דעניקינ'ען, קאָאָפּערירן מיט אים אומעטום, סיי דורך זייערע פאַרבינדעטע, די קאַדעטן, און סיי דירעקט.

אין די צייטן פון די ערגסטע אַטאַקעס אויפ'ן ראַטנפאַרבאַנד, פון אַלע זייטן, האָבן די ציוניסטן, פאַרשטייט זיך, פאַרגעזעצט צו „מיטהעלפן מיט אַלע אופנים" און געבן „קאָנטאַקט"—אין אָדעס, אין כאַרבין, אין מאָסקווע, אומעטום. די ציוניסטן האָבן דעמאָלט זייער אַרבעט פון אינעווייניג, אין ראַטנפאַרבאַנד גופא, פאַרשטאַרקט. די ציוניסטן פון דרויסן האָבן אין זייער פּרעסע געמאָלן „שוידערלעכע בילדער" פון דעם לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד און דערמיט געטאָן פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט פאַר די „באַפרייער", די פּילסודסקים און דעניקינס. די ציוניסטן פון אינעווייניג האָבן פּראָפּאַגאַנדירט פאַר די „פרייע לענדער", וואו עס איז פאַראַן וויים ברויט, וואו אידן קענען אָפּהיטן „אידישקייט", און וואו די „אידישע היים" ווערט געשאַפן.

אין די צייטן פון „נעפּ" הויבט דער ציוניזם ווידער אויף זיין קאָפּ. ציוניסט און נעפּמאַן ווערן סינאָנימען. און די „יונגע" צווישן די ציוניסטן, וועלכע האָבן גערופן די יוגנט צום „פּאָליטישעקאָנאָמישן צענטער", אין פּאַלעסטינע, ווען מען האָט געדאַרפט אָפּ־

---

*) פירער פון דער מאָסקווער „אידישער קהלה" אין דער קערענסקי־צייט.

רייסן די מאַסן פון ערד־איינאָרדענונג אין לאַנד, האָבן זיך גאַנץ גע־שמאַק פאַרנומען מיט גלות־אַרבעט צו באַפעסטיגן דעם קאַפּיטאַליזם*).

חבר טשעמעריסקי דערציילט וועגן בלעטלעך, וואָס צעירי־ציון האָ־בען אַרויסגעלאָזט געגן דער ראַטנמאַכט, און גראַדע ביי דער גרעניץ פון פּוילן און רומעניע, וואו די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַנדעס האָבן געאַרבעט צום שטאַרקסטן. דאָרט האָבן זיי פאַרשפּרייט מעשיות אַז די סאָוועטן־רעגירונג איז אַנטיסעמיטיש. די זעלביגע צעירי־ציון רוקן אַרויס אין זייערע פּאָליטישע דעקלאַראַציעס די פאָדערונגען: „געבן דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל די פּאַקטישע מעגלעכקייטן אַנטייל צו נעמען אין דער אינדוסטריעלער אויפלעבונג פון לאַנד". אָט דער אַרויסטריט פאַר'ן פּריוואַטן קאַפּיטאַל, ס'הייסט פאַר'ן פולשטענדיגן אומקער פון קאַפּיטאַליזם, ווערט פאַרטייטשט מיט פאָדערונגען פאַר אַרענדעס און קאָנצעסיעס פאַר'ן אויסלענדישן קאַפּיטאַל און פאַר „פרייהייט פון פּאַרטייען". און די אידסעקציע ווערט דאָ ווידעראַמאָל ביטער באַקעמפט.**)

דער קאַמף געגן די „יעווסעקן"

דער ביטערער קאַמף פון דעם ציוניזם, אומעטום, געגן דער יעוו־סעקציע, איז אַ נאַטירלעכער אויסדרוק פון אַ קלעריקאַל־רעאַקציאָנע־רער, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די יעווסעקציע איז געווען אין אַוואַנגאַרד פון קאָמוניסטישן אָנגריף אויף דער אידישער גאַס. מיט איר איז דער ציוניזם געקומען אין דירעקטער באַרירונג. די אי־דישע קאָמוניסטן האָבן פאַרטריבן דעם מלמד מיט'ן קאַנטשיק, פאַר־שאָטן די מקוה, געבראָכן די מאַכט פון דעם רב,—געבראָכן די און אַלע אַנדערע שטיצפּונקטן פון נעפּמאַן און ספּעקולאַנט, זיך אַ נעם געטאָן געזונט מאַכן דאָס אידישע לעבן, העלפנדיג דורכפירן אויף דער אידישער גאַס די לענינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק — נאַציאָנאַל אין כאַראַקטער און סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט. ניט קיין וואונדער, וואָס זיי, די אידישע קאָמוניסטן, זיינען געווען—און זיינען נאָך ביז איצט — די ציל־ברעט פאַר דעם מאַכטלאָזן צאָרן פון ציוניזם. ניט קיין וואונדער וואָס דער באַלעבעסל ווערט אַזוי פאַר־צאַפּלט פון דעם וואָרט „יעווסעק".

עס וואָלט געווען אומנאַטירלעך, ווען אויף די ציוניסטישע קאָנ־גרעסן זאָל מען ניט אַרויסטרעטן געגן ראַטנפאַרבאַנד. דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן ציוניזם, „אַלס אַזעלכן". דער ציוניזם איז פאַרבאָטן אין

*) א. טשעמעריסקי: „ציוניסטישע טרייבערייען", מאָסקווע, 1926.
**) דאָרט, זז. 24—27.

טערקיי, און מען רעדט ניט וועגן דעם אין דער ציוניסטישער פּרעסע, אויך ניט אויף די קאָנגרעסן*). אין די אַרויסטרעטונגען נעגן ראַטנ־פאַרבאַנד רעדט די שטימע פון דעם קלאַס, וואָס דער ציוניזם איז זיין אינסטרומענט.

די אידישע קלעריקאַלן, די מזרחי־לייט, טרעטן אַרויס געגן ראַטנ־פאַרבאַנד צוליב די זעלבינע סיבות, וואָס באַוועגן אַלע קלעריקאַלן, פון פּויפּסט און אַרונטער, אַרויסצוטרעטן געגן ראַטנפאַרבאַנד. די געוועזענע ספּעקולאַנטן, וועלכע געפינען זיך איצט אין עמיגראַציע, האָבן די זעלבינע אינטערעסן, וואָס די מיליוקאָווס און אַנדערע ווייסע. די אַלע וואָס גייען מיט׳ן פּאַשיזם אין די פאַרשיידענע לענדער—פּוי־לען, רומעניע, ליטע, אַמעריקע—טוען דאָ די זעלבינע אַרבעט, וואָס זייערע ניט־אידישע שותפים טוען. דורכ׳ן ציוניזם רעדט דער קאַ־פּיטאַליסטישער קלאַס.

עס האָט קיינעם ניט איבעראַשט, ווען אין דעם „קאָמיטעט פון 100”, וואָס מעטיו וואָל האָט געגרינדעט אין אַמעריקע מיט׳ן צוועק צו שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד געגן באָלשעוויזם, איז אַריין דר. סאַירוס אַדלער, דער פּאָרזיצער פון דער יאַהודימישער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע” און אָנפירער פון טעאָלאָגישן אינסטיטוט אין פילאַדעלפיע. סאַירוס אַדלער איז א קלעריקאַל און א פירער ביי די יאַהודימישע גרויס-און-קליין קאַפּיטאַליסטן. דער זעלביגער אַדלער איז אויך א פירער אין דער ציוניסטישער אַגענטור. אין באַזל, באַלד נאָכ׳ן זיבעצנטן קאָנגרעס, איז ער געוועזן דער פאָרזיצער אויף די זי־צונגען פון דער „אידישער אַגענטור”. האָבן מיר דאָ נאָך א דירעקטע פאַרבינדונג צווישן ציוניזם און דער אַלוועלטלעכער קאָנטר־רעוואָלו־ציע.

הערי סנעל, דער „לעיבאָר”־מיטגליד פון דער שאָ־קאָמיסיע, האָט אין זיין אייגענער נאָכבאַמערקונג צום שאָ־באַריכט, דורך וועלכער ער האָט געזוכט ערטערווייז צו אַרגומענטירן פאַר׳ן ציוניזם, איבערגע־געבן אַן אויסצוג פון דעם עדות-זאָגן פון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי פאַר דער זעלביגער קאָמיסיע. זשאַבאָטינסקי האָט פאַרענדיגט זיין דראַמאַטישן—ווי געוויינלעך—אַרויסטריט מיט די ווערטער:

> „אויב איך זאָל קומען צום אויספיר, אז דאָס (באַזעצן אידן אין פּאַלעסטינע) קען ניט דורכגעפירט ווערן, וואָלט איך אוועק צו די אידן און זיי געזאָגט: באַגייט זעלבסטמאָרד, אָדער ווערט איך ווייס אַליין ניט וואָס, באָלשעוויקעס, וואָס עס זאָל ניט זיין, ווייל איר האָט ניט קיין האָפענונג”.

*) אין דעם באַריכט צום לעצטן קאָנגרעס, אין באַזל, האָט די ציוניס־טישע עקזעקוטיווע אָפּגעגעבן אַנדערהאַלבן שורות פאַר׳ן ענין טערקיי (ז. 14).

זשאַבאָטינסקי האָט געוואוסט אויסגעצייכנט צו וואָס ער ברייננט דאָ אריין דעם עלעמענט „באָלשעוויקעס”, און סנעל האָט געוואוסט צו וואָס ער ציטירט זשאַבאָטינסקי'ן.*) אין די רייד פון א זשאַבאָ־טינסקי, אין 1930, און פון די ווייצמאַנס, הינטער פאַרמאַכטע טירן, הערן מיר דעם אָפּקלאַנג פון די ווערטער פון דעם פאָטער פון ציוניזם, הערצל, אין די 90־גער יאָרן, פון זיינע וואַנדרונגען צום צאַר און צום קאַיזער, צו העלפן קריגן אידן א לאַנד, כדי דורכדעם אָפּצושוואַכן דעם סאָציאַליזם, וועלכער איז, הייסט עס, צום גרויסן טייל א „אידי־שער אויפטו”. גייענדיג אין הערצל'ס וועגן, שפּילן די ציוניסטישע פירער מיט זייער אַנטי־באָלשעוויסטישער קאָרט פאַר די טישן פון די הארן אין לאָנדאָן, פּאַריז און וואַשינגטאָן. און דאָס איז א קאָרט.

זשאַבאָטינסקי האָט געשפּילט אויפ'ן באָלשעוויזם, און דאָס זעל־ביגע האָט שפּעטער געטאָן די „אידישע אַגענטור”. זי האָט איבער־געגעבן מאַקדאָנאַלד'ס שליח אין פּאַלעסטינע, סימפּסאָן, א מעמאָ־ראַנדום, וואו עס האָט זיך, צווישן אַנדערעס, געזאָגט:

„...די אידישע רעליגיע איז אויך אויסגעטיילט געוואָרן פאַר בייז־וויליגע און ווילדע פאַרפאָלגונגען. פאַר די אידן אין רוסלאַנד, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן צו שוידערלעכע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, ווען עס קומט שטענדיג אוים אויסצושטיין פּאָליטישע און רעלי־גיעזע פאַרפאָלגונגען, איז עמיגראַציע דער איינציגער אויסוועג פון עקאָנאָמישן אונטערגאַנג פון איין זייט, און דעגענעראַציע פון ראַסע און מאָראַל, פון דער אַנדערער זייט” (סימפּסאָן-באַריכט, ז. 131).

די פּלאַפּלעריי וועגן ראַסע און מאָראַל, צו וועלכער די „אידישע אַגענטור” דערהויבט זיך דאָ, און דער ליגן, אַז די אידישע רעליגיע ווערט „אויסגעטיילט”, באַזונדערס פאַרפאָלגט צו ווערן, און די פאַר־לוימדונג וועגן „שוידערלעכע עקאָנאָמישע באַדינגונגען” אין לאַנד פון אויפבוי, שטרייכט נאָר שאַרפער אונטער די פאַרביסנקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין איר שנאה צום ראַטנפאַרבאַנד, א פאַר־ביסנקייט, וואָס באַפעסטיגט דעם נאַטירלעכן בונד צווישן די ציוניסטן און האַמילטאָן פיש, מעטיו וואָל, און אַנדערע שוואַרץ־מאה'ניקעס אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער.

די ציוניסטישע באַוועגונג איז אַן אינסטרומענט געגן דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג, זינט הערצל'ס צייטן, א מיטל אין די הענט פון רעאַקציע. אין דעם איצטיגן מאָמענט, ווען עס קומט פאָר אַן אַנט־שיידענער קאַמף צווישן דער אונטערגייענדיגער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם און דער אויפגייענדיגער סאָציאַליסטישער אָרדנונג, איז דער

*) שאָ־באַריכט, ז. 176.

ציוניזם—דער ציוניזם פון הערצל־פּלעווע, ווילבושעוויטש־זובאַטאָוו, רייך־גראַבסקי, סאָקאָלאָוו־מוסאָליני, מאָצקין־מיליוקאָוו, אַדלער־וואָל —א רינג אין דער קייט פון דער אַלוועלטלעכער רעאַקציע, אביינדל אויף דער אימפּעריאַליסטישער שאַך־ברעט, וואו די אימפּעריאַליסטישע מלחמה ווערט צוגעגרייט, אַ פאָרפּאָסטן פון דער אינטערווענציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

פּאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג

דער קלאַסן־קאַמף אין פּאַלעסטינע

בעת דעם אויפשטאַנד אין פּאַלעסטינע, אין אויגוסט 1929, האָט ווינסטאָן טשווירטשיל, דער ענגלישער פאַשיסט־אימפּעריאַליסט, דער־קלערט:

„אונטער דער גלאַטער אויבערפלאַך פון דער ענגלישער הערשאַפט און די דינע גאַריזאָנען, וואָס האַלטן זי אין א נאָרמאַלער לאַגע, רויכערן־זיך אַנטאַ־גאָניזמען פון יאָרהונדערטער"... „א שיין פון מאַנגל, פון ווילן, אָדער פון קראַפט, מצד דער ענגלישער רעגירונג, אָדער פון מאַנגל פון צוטרוי צו איר מיסיע אין די דאָזיגע לענדער, בלאָזט־פאַנאַנדער, ווי א צוג־ווינט, דעם דרימ־לענדיגן, ווילד־גליענדיגן אַש".

דאָס איז געווען די אָפּשאַצונג פון דעם הויפּט פון דעם רעאַק־ציאָנערן פליגל אין דער מחנה פון ענגלישן אימפּעריאַליזם וועגן דער לאַגע אין פּאַלעסטינע און אין גאַנצן נאָענטן מזרח. אונטער דער גלאַטער אויבערפלאַך גליען „אַנטאַגאָניזמען פון דורות".

טשווירטשיל — ווי יעדער בורזשואזער פּאָליטיקער — האָט דאָ אין זינען „אַנטאַגאָניזמען" פון ראַסע געגן ראַסע, נאַציע געגן נאַציע, רעליגיע געגן רעליגיע — אַנטאַגאָניזמען, וואָס ווערן אויפגעבלאָזן פון די הערשנדיגע קאַסטעס, פון אימפּעריאַליסטישע אַגענטן. אויך דער צאַריזם האָט גערעדט וועגן „אַנטאַגאָניזמען פון יאָרהונדערטער", ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די בלוטיגע קאַמפן צווישן גרוזינער און אַרמענער, נישט־אידן און אידן. דער אויספיר ווי ביי טשווירטשיל'ן, איז געווען — פאַרשטאַרקן די הערשאַפט פון טורמעס און באַיאָנעטן. דאָס איז דער צוועק פאַר אויפבלאָזן די „אַנטאַגאָניזמען". עס איז אָבער ריכטיג, אז אונטער דער גלאַטער אויבערפלאַך פון אימפּע־ריאַליסטישער הערשאַפט אין די קאָלאָניאַלע לענדער, געפינט זיך א „ווילד־גליענדיגער אַש", וואָס „דרימלט" שוין אָבער נישט.

פּאַלעסטינע געפינט זיך דירעקט אין דער ספערע פון דער קאָ־קאָלאָניאַלער רעוואָלוציע, און איז אן אָרגאַנישער טייל פון דער ספע-רע. ביי דער צפון־גרעניץ פון פּאַלעסטינע—א קינסטלעכע גרעניץ, וואָס האָט אָפּגעטיילט אַראַבער פון אַראַבער—געפינט זיך סיריע, וואו

עס איז אין די יאָרן 1926—1928 פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד. דער פראַנצויזישער אימפּעריאַליזם, וואָס האָט דעם מאַנדאַט איבער סיריע, האָט דעם אויפשטאַנד אונטערדריקט מיט פייער און שווערד. דאַמע־סעק און אַנדערע שטעט האָט דער אימפּעריאַליזם חרוב געמאַכט. אָבער דער פייער־אַש גליט. און עס שטאַרקט זיך אין סיריע די קאָמו־ניסטישע באַוועגונג, וועלכע גיט די כחות פון דער רעוואָלוציע ציל־באַוואוסטקייט. אויף דער אַנדערער זייט פון פּאַלעסטינע, ביי דער דרום־גרעניץ — אויך אַ קינסטלעכע — געפינט זיך עגיפּטן, וואו עס איז זינט דער מלחמה פאָרגעקומען ניט איין אויפשטאַנד. פון דער טאָג־אָרדנונג איז דער אויפשטאַנד קיינמאָל אין עגיפּטן ניט אַרונטער. דער קאַמף אין עגיפּטן, ווי אין סיריע, פּאַלעסטינע, איראַק, טראַנסיאָר־דאַניע, איז איינג פאַרבונדן מיט'ן קאַמף געגן אימפּעריאַליזם אין אינדיע, און איז אַ רינג אין דער קייט פון רעוואָלוציעס אין די קאָלאָ־ניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער. די אויפשטאַנדן אין אינדיע, זומער 1930, האָבן געקראָגן זייער אָפּקלאַנג דורך גאַסן-שלאַכטן אין עגיפּטן. די אַלע לענדער געפינען זיך כסדר אין אַ צושטאַנד פון אויפ־ברויז. די „גלאַטע" אויבערפלאַך קאָן יעדן טאָג אויפרייסן.

ווי איז צו אַ באַוועגונג, וואָס וויל זיך ניט רעכענען מיט אַזאַ סי־טואַציע, וואָס בויט אויף דער דינער אויבערפלאַך. און כדי דאָס צו באַגרייפן אין דער גאַנצער גרויס, איז קודם נויטיג די גאַנצע נאַציאָ־נאַלע באַוועגונג צו באַטראַכטן אין ליכט פון לעניניזם און אין ליכט פון קלאַסן - קאַמף. עס איז נויטיג צו באַגרייפן דעם כאַראַקטער פון דער באַוועגונג, איבער וועלכער רעאַקציאָנערע קליינבירגער קריי־מען אָפּט מיט די נעזער, און וועלכע זיי, צוזאַמען מיט די אימפּע־ריאַליסטן, באַצייכענען אָפּט, ווי אַ באַוועגונג פון „באַנדיטן" און „פּאָגראָמשטשיקעס".

ווי אַזוי דאַרף די נאַציאָנאַלע פראַגע געשטעלט ווערן ? וואָס איז פּראָגרעסיוו און וואָס איז רעאַקציאָנער אין דער נאַציאָנאַלער באַווע־גונג ?

חבר סטאַלין ענטפערט אויף דעם :

„דער לעניניזם האָט באַוויזן—און די אימפּעריאַליסטישע מלחמה און די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָבן עס באַשטעטיגט—אַז די נאַציאָנאַלע פראַגע קאָן פאַרענטפערט ווערן נאָר אין פאַרבינדונג און אויפ'ן באָדן פון דער פּראָ־לעטאַרישער רעוואָלוציע".

„....די נאַציאָנאַלע פראַגע איז אַ טייל פון דער אַלגעמיינער פראַגע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, אַ טייל פון דער פראַגע פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט".

„די פראַגע שטייט אַזוי: זיינען שוין אויסגעשעפּט די רע־וואָלוציאָנערע מעגלעכקייטן, וואָס געפינען זיך אין די טיפענישן פון דער רעוואָלוציאָנער־באַפרייערשער באַוועגונג אין די אונטערדריקטע לענדער, צי ניט; און אויב זיי זיינען ניט אויסגעשעפּט,—איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַ

באַדן אויסצונוצן אַט־די מעגלעכקייט; פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, פאַרוואַנדלען די אָפּהייענגיגע און קאָלאָניאַלע לענדער—פון רעזערוון פון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע אין רעזערוון פאַר'ן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, אין א שותף פון פּראָלעטאַריאַט?"

„...נאַטירלעך, דאָס באַטייט ניט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אונטערשטיצן יעדע נאַציאָנאַלע באַוועגונג"... „עס האַנדלט זיך וועגן אונטערשטיצן אַזעלכע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, וואָס גייען אין דער ריכטונג פון אָפּשוואַכן, אָראָפּוואַרפן, דעם אימפּעריאַליזם, און ניט אויף צו פאַרשטאַרקן און איינהיטן אים".

חבר סטאַלין ווייזט אָן, אַז מאַרקס איז אין די 40־גער יאָרן געווען פאַר דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין פּוילן און אונגאַרן, און געגן דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פון די טשעכן און יוגאָסלאַוון, ווייל די לעצטע זיינען דעמאָלט געווען „רעאַקציאָנערע פעלקער", „רוסישע פאָרפּאָסטנס". און דעריבער שטרייכט דער לעניניזם אונטער, אַז מען מוז באַטראַכטן איינצלנע באַוועגונגען, ניט אין אַן „אַבסאָלוטער" פאָרם, נאָר אין זייער שייכות צום אַלגעמיינעם, צו דער אַלוועלטלעכער באַוועגונג.

און ווייטער:

„דער רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער פון א נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין דער אומגעבונג פון אימפּעריאַליסטישער אונטערדריקונג פאַרפּליכטעט בשום אופן ניט, אַז אין דער באַוועגונג זאָלן זיך געפינען פּראָלעטאַרישע עלעמענטן".

סטאַלין ווייזט אָן, למשל, אַז א קאַמף פון דעם עמיר פון אַפגאַניסטאַן, איז אַ רעוואָלוציאָנערער קאַמף, ווייל ער העלפט אָפּשוואַכן, צעשמעטערן, דעם אימפּעריאַליזם, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט א מאָנאַרך. בעת א נאַציאָנאַלער קאַמף פון אַזעלכע „סאָציאַליסטן", ווי קערענסקי, צערעטעלי, שיידעמאַן און הענדערסאָן, איז א רעאַקציאָנערער קאַמף, ווייל ער העלפט פאַרשטאַרקן דעם אימפּעריאַליזם.*)

די אָפּגעריסענע אויסצוגן פון חבר סטאַלינ'ס „פראַגן פון לעניניזם" איז וויכטיג צו געדיינקען ביים אָפּשאַצן די באַוועגונג אין פּאַלעסטינע און די לייזונג פון דער אידישער פראַגע. און עס איז דערביי אויך וויכטיג צו געדיינקען די באַציאונג פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס ניט נאָר האָט מען זי געזאָלט „לייזן" אין די ראַמען פון אימפּעריאַליזם, נאָר מען האָט אין זינען געהאַט די „קולטורעלע" באַוועגונגען, הויפּטזעכלעך אין די אייראָפּייאישע לענדער, בעת די „ניט־ציוויליזירטע" פעלקער אין אַזיע און אַפריקע האָט מען געלאָזן אויף אימפּעריאַליזמ'ס באַראַט, ווי

*) „וואָפּראָסי לעניניזמא", גאָסאיזדאַט, מאָסקווע־לענינגראַד, 1930. זז. 58—63.

א רעזערוו פאַר'ן אימפּעריאַליזם, וועמען מען האָט כלומרשט פּרובירט באַקעמפן. דערפון וועט קלאָר ווערן פאַרוואָס דער סאָציאַל־פאַשיזם שטיצט דעם ציוניזם און באַציט זיך צו דער באַוועגונג פון די אַראַ־בער, ווי דער גאַנצער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל—דאָס הייסט, ווי דער אימפּעריאַליזם—באַציט זיך צו דער באַוועגונג פון די מאַסן אין כינע, אינדיע, אינדאָ־כינע, לאַטיין־אַמעריקע. דאָס זיינען אַלע מאָל באַוועגונגען פון „באַנדיטן".

קאָן ווער צווייפלען, אַז די באַוועגונג אין עגיפּטן, פּאַלעסטינע, סיריע, איז, ווי אין אינדיע, געווענדעט אויף צו צעשמעטערן דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם? וועגן דעם קען גאָר קיין פראַגע ניט זיין. און דעריבער מוזן די באַוועגונגען געשטיצט ווערן פון אַרבעטער־קלאַס, פון אַלע אַנטי־אימפּעריאַליסטישע עלעמענטן, אפילו ווען די באַוועגונגען ווערן ניט אָנגעפירט פון אַרבעטער. אין דער אייגענער צייט מוז מען אָבער אין זינען האָבן, אַז צוליב דער שפּיל פון קלאַסן־כחות אינעווייניג אין די באַוועגונגען גופא, קומט דאָ פאָר א כסדר'־דיגע טראַנספאָרמאַציע. געוועזענע קעמפער געגן אימפּעריאַליזם גייען אַריבער אויף דער זייט פון די אימפּעריאַליסטן און שטעלן זיך געגן די מאַסן.

אין די אַראַבישע לענדער, מיט'ן אויסנאַם פון עגיפּטן, האָט זיך דער קאַפּיטאַליזם גענומען אַנטוויקלען ערשט די לעצטע צייט. די עקאָנאָמיק אין די לענדער איז נאָך אַלץ אין איר איבערוועגנדי־־מאָס א פעאָדאַלע. עס הערשן די פּריצים, די עפענדים, און עס איז דאָ א פּראָפּאָרציאָנעל־גרויסער פּויערים־קלאַס. דער אַרבעטער־קלאַס איז נאָך זייער יונג, און באַשטייט מייסטנס פון לאַנד־אַרבעטער (באַט־ראַקעם). די שטאָטישע אַרבעטער זיינען אויך נאָענט פאַרבונדן מיט דער לאַנד־באַפעלקערונג. צוליב דער בלוטזויגערישער הערשאַפט פון די פּריצים, וועגן וועלכער מיר האָבן גערעדט צום סאַמע אָנהויב, צו־ליב דער אונטערדריקערישער פּאָליטיק פון אימפּעריאַליזם, און—אין פּאַלעסטינע—צוליב דעם אָנגריף פון די ציוניסטן, ווערן אַלץ גרע־סערע שיכטן פון דער לאַנד־באַפעלקערונג פאַופּעריזירט (פאַראָרימט) און ווערן געטריבן אין שטאָט אַריין זוכן אַרבעט. דער אַרבעטער־רע־זערוואואַר אין אַלע אַראַבישע לענדער איז אַן אומגעהויערער. אָבער קיין אַרבעט איז ניטאָ, ווייל דער אימפּעריאַליזם דערלאָזט ניט קיין אָרטיגע אינדוסטריע. און אין פּאַלעסטינע זיינען פאַראַן די אָרטיגע שוועריגקייטן—די אָפּוועזנהייט פון רוי־מאַטעריאַלן און אַלערליי נאַ־טירלעכע אוצרות.

דער פּריצים־קלאַס און די בורזשואַזיע האָבן, צוליב זייערע צוועקן, שטאַרק אויסגענוצט די גרויסע אומצופרידנקייט פון דער האָרעפּאַש־

נער מאסע, אין קאַמף געגן אימפּעריאַליזם. דער פּריצים־קלאַס האָט געזוכט ביים אימפּעריאַליזם מער קאָנצעסיעס, כדי ווייטער צו אויס־זויגן די מאַסן. די יונגע בורזשואַזיע האָט געזוכט קאָנצעסיעס אויף בויען א אינדוסטריע. די בורזשואַזע אינטעליגענץ האָט געזוכט מלוכה־שטעלעס. אזוי האָבן די ערשטע סטאַדיעס פון נאַציאָנאַלן באַ־פרייאונגס־קאַמף זינט דער מלחמה, געבנדיג קלעפּ דעם אימפּעריאַ־ליזם, דאָך דעם אַרבעטער־קלאַס גאָרניט געבראַכט. די האַרעפּאַשנע מאַסן זיינען דאַ אויסגענוצט געוואָרן. די עפענדים און די בורזשואַזיע, מיט איר אינטעליגענץ, האָבן דערווייל אָנגעהויבן מאַכן טריט אויף צוריק. דאַ און דאָרטן האָבן זיך די אויבערשטע שיכטן דערשלאָגן געוויסע קאָנצעסיעס, אָבער אין גרויסן און גאַנצן האָבן זיי זיך דער־שראָקן פאַר די מאַסן. ביסלעכווייז האָבן זיך אין די קאַמפן אָנגעהויבן הערן קלאַסן־לאָזונגען. מיט׳ן וואוקס פון אַגראַר־קריזיס—באַזונדערס אין פּאַלעסטינע—האָט זיך אָנגעהויבן הערן שאַרף דער לאָזונג: „ערד פאַר די פעלאַכן". די הערשנדיגע שיכטן צווישן די אַראַבער האָבן זיך דערשראָקן און געמאַכט א צוריקטריט. דאָס איז איינע פון די וויכ־טיגע סיבות פאַר דער דערנענטערונג צווישן די עפענדים און דעם בריטישן אימפּעריאַליזם, און איינע פון די סיבות פאַרוואָס דער ברי־טישער אימפּעריאַליזם האָט דעם ציוניזם אין פּאַלעסטינע נאָך מער אויפגעהערט שטיצן,—סיי צוליב דער דערנענטערונג מיט די אַראַבישע פּריצים און נאָך מער צוליב די פאָדערונגען פון די מאַסן, וועלכע זיינען געוואָרן אַלץ דראָענדיגער.

אַראַבישער סאָציאַל־פאַשיזם

אין פּאַלעסטינע, ווי אין די אַנדערע אַראַבישע לענדער, וואַקסט־אָן די אַגראַר־רעוואָלוציע. דער קאַמף פון די פעלאַכן פאַר ערד—וועל־כער דריקט זיך אויס אין א קאַמף געגן עפענדי, אימפּעריאַליסט, ציו־ניסט—איז דער דאָמינירנדיגער פאַקטאָר אין דעם קאַמף פאַר נאַ־ציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג. די פראַגע איז דאַ: אויף ווי וויים איז דער אַרבעטער־קלאַס אָרגאַניזירט צו אָנפירן מיט די קאַמפן, און פירן דעם אויפשטאַנד פון די מאַסן אויפ׳ן וועג פון דער זיגריי־כער רעוואָלוציע?

די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג־באַוועגונג אין פּאַלעסטינע איז פריער געווען אונטער׳ן איינפלוס פון דער בורזשואַזיע, און טיילווייז פון דער אומצופרידענער אינטעליגענץ, מיט דעם געוועזענעם „לינקן" כאַמדי על הוסייני בראַש. די כאַמדי־גרופּע איז אויפגעשוואומען אין 1928, ביים זעקסטן קאָנגרעס פון די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן. ד׳

גרופּע האָט פאָרגעשטעלט א געמיש פון בורזשואַז־אינדוסטריעלע אינ־טערעסן און די אינטערעסן פון די קליינבירגער און דער אינטעליגענץ. אויף דעם קאָנגרעס האָט זיך די גרופּע קאָנסטיטואירט ווי א לינקער פליגל און האָט זינט דעמאָלט געהאַט געשפּילט א גרויסע ראָל. ביי דעם קאָנגרעס האָט די מערהייט שוין געהאַט אָנגענומען א רעזאָלוציע אויפצוגעבן די פּאָליטיק פון ניט־קאָאָפּערירן מיט'ן ענגלישן אימפּע־ריאַליזם. די כאמדי־גרופּע איז שטאַרק ארויסגעטראָטן געגן דעם, און זי איז פארשריען געוואָרן, ווי „מאָסקווער אַגענטן". כאמדי אַליין האָט דערגרייכט א באַדייטנדיגע פּאָפּולאַריטעט און די ענגלישע רעגי־רונג איז געווען געצוואונגען צו פארשיקן אים פון נעצוירעס (נאַזאַ־רעט), וואו ער איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט רעוואָלוציאָנערן אין סיריע, איראַק און טראַנסיאָרדאַניע, אין זיין געבורט-שטאָט גאַזאַ— א פארוואָרפענע שטאָט אין דרום־פּאַלעסטינע, ארומגערינגלט מיט מדבר. אין משך פון דעם פעריאָד איז כאמדי געווען פארבונדן מיט דער אַלוועלטלעכער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער באַוועגונג, און איז גע־ווען דער פאָרשטייער פון פּאַלעסטינע אין אינטערנאַציאָנאַלן אַנטי־אימפּעריאַליסטישן פארבאַנד. עס איז געקומען דער אויפשטאַנד פון 1929 און אויך אין כאמדי'ס גרופּע איז אָנגעשטאַנען א דיפערענציאַ־ציע. כאמדי, וועלכער קומט אַליין פון די אויבערשטע שיכטן, האָט ניט געקענט איינגיין אויף דעם לאָזונג: „די ערד די פעלאַכן". ביים קאָנגרעס פון די אַראַבישע אַרבעטער אין חיפה, אין יאַנואַר 1930, איז כאמדי שוין ארויסגעטראָטן געגן די „פרעמדע עלעמענטן"—געגן דעם איינפלוס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין זיין גרופּע איז פאָרגעקומען א שפּאַלטונג. דער לינקער פליגל פון דער גרופּע גייט צו־זאַמען מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אונטער'ן לאָזונג פון דער אַגראַר־רעוואָלוציע: „די ערד די פעלאַכן".

דער קאָנגרעס אין חיפה איז געווען דער ערשטער קאָנגרעס פון די אַראַבישע אַרבעטער און שטעלט מיט זיך פאָר א באַדייטנדיגן עטאַפּ אין דער אויסבילדונג פון דעם רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־פראָנט אין פּאַלעסטינע. פון די 40—50 טויזנט אַראַבישע אַרבעטער און אָנגע־שטעלטע זיינען געווען פארטראָטן איינגאַנצן דעלעגאַטן פון פיר ביז זעקס טויזנט. א סך שטעט, צווישן זיי אַזאַ צענטער פון אַראַבישע אַר־בעטער, נאַבלוס (שכם), וואו די זייף־אינדוסטריע געפינט זיך, זיינען ניט געווען פארטראָטן, צוליב א גאַנצער ריי סיבות. דער קאָנגרעס האָט פונדעסטוועגן געהאַט זייער א גרויסע באַדייטונג, ניט נאָר ווייל ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם ערשטן טראָט אויפ'ן וועג צו אָר־גאַניזירן די אַראַבישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע, נאָר, אין ניט קיין קלענערער מאָס, צוליב דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען די פאַרמעס־

טונג צווישן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און די נאַציאָנאַליסטן אי־בער'ן איינפלוס אויף דער אַרבעטערשאַפט. אַז דער איינפלוס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז דאָ אַ באַדייטנדיגער, האָט מען גע־קאָנט זען פון דער אָפּשטימונג איבער דער רעזאָלוציע ניט צו מישן זיך אין פּאָליטיק. די נאַציאָנאַליסטן האָבן געוואונען מיט 35 שטימען געגן 22, אָבער אויך אָט־די ניט איבעריג גרויסע מערהייט האָבן זיי געקראָגן דורך אָנשרעקן די דעלעגאַטן מיט'ן געזעץ, וועלכער פאַר־באַט פּאָליטיק אין די יוניאָנס. פונדעסטוועגן האָבן אַרום פערציג פּראָצענט פון די דעלעגאַטן געשטימט מיט די קאָמוניסטן. נאָך קלאָ־רער איז געוואָרן די שטימונג פון די דעלעגאַטן, ווען אַ קאָמוניסטי־שער רעדנער האָט געענדיגט מיט די לאָזונגען: „זאָל לעבן די אַר־בעטער־פּויערשע פעדעראַציע פון די אַראַבישע לענדער!" די דעלע־גאַטן און פאַרזאַמלטע אַרבעטער האָבן אויפגענומען דעם לאָזונג מיט גרויס באַגייסטערונג.

די קאָמוניסטן האָבן אויף דעם קאָנגרעס אַרויסגעשטעלט די פאָ־דערונגען: פאַרדאַמען די פאַררעטערישע ראָל פון די נאַציאָנאַליסטן אין דער צייט פון אויגוסט־אויפשטאַנד, אַרויסגעבן אַ רוף פאַר אַ קאַמף ניט נאָר געגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע, נאָר געגן בריטישן מאַנדאַט בכלל; פאַר דער אַגראַר־רעוואָלוציע; אָרגאַניזירן פּאַרטי־זאַנישע אָפּטיילן; אַרויסשטעלן דעם לאָזונג פון אַ רעגירונג פון אַר־בעטער און פּויערים. די קאָמוניסטן האָבן באַזיגט די נאַציאָנאַליסטן אין דער פראַגע פון אַכט־שעה'דיגן אַרבעט־טאָג, וואָס זיי האָבן אַרויס־גערוקט—אין געגנזאַץ צו דעם לאָזונג פון די נאַציאָנאַליסטן פאַר אַ 14־שעה'דיגן אַרבעט־טאָג („צו פאַרשטאַרקן די נאַציאָנאַלע אינדוסט־ריע"). דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי דורך די נאַציאָנאַליסטן ריידן די קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן. די נאַציאָנאַליסטן זיינען אויך גע־שלאָגן געוואָרן אין דער פראַגע וועגן אַרויסגעבן אַן אַרבעטער־צייטונג, געגן וועלכער זיי האָבן זיך געשטעלט. אויך די פאָרשלאָגן צו באַגריסן די אַרבעטער פון אינדיע, צו פאָדערן אַ „פּאָליטישן רעזשים" פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע און צו פּראָטעסטירן געגן אימפּעריאַליסטישן טעראָר,—פאָרשלאָגן, וואָס די קאָמוניסטן האָבן אַריינגעטראָגן, זיינען אָנגענומען געוואָרן.

דער קאָנגרעס האָט געהאַט אַ היסטאָרישע באַדייטונג, סיי מיט זיין ערשטן טראָט צו שאַפן אַן אומאָפּהענגיגע באַוועגונג צווישן די אַראַ־בישע אַרבעטער, און סיי מיט זיין אָפּשפּיגלען די שטימונגען צווישן די אַראַבישע אַרבעטער. פאַרשטייט זיך, אַז דער קאָנגרעס איז פאַר־שריען געוואָרן פון די נאַציאָנאַליסטן און—אויך פון די ציוניסטן. דער געשריי פון די נאַציאָנאַליסטן איז געווען, אַז דער קאָנגרעס איז

באַהערשט געוואָרן פון די קאָמוניסטן—און העכער פון אַלע האָבן געשריען כאמדי און זיינע אַנהייגנער, ווייל זיי האָבן דאָ דערזען אַ די־רעקטע געפאַר. די ציוניסטן, ווידער, האָבן פון איין זייט דערציילט די אידישע אַרבעטער, אַז דער קאָנגרעס איז געווען אַן אַראַביש־נאַציאָנאַליסטישער אויפטו, און דערמיט געשפּילט אויף דער אידיש־נאַציאָנאַליסטישער סטרונע, און פון דער אַנדערער זייט האָבן זיי גע־שראָקן, אַז „די האַנט פון מאָסקווע״ איז געווען אויפ׳ן קאָנגרעס.

דער ציוניסטישער סאָציאַל־פאַשיזם

אין דער פּאַלעסטינער געטאָ, וואו עס בושעוועט דער שאָוויניזם, די שומרי־שבת, און דער אימפּעריאַליזם הערשט מיט אַן אייזערנער האַנט, איז די סאָציאַל־פאַשיסטישע „הסתדרות״ (הסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישראל—אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון אידישע אַר־בעטנדיגע אין פּאַלעסטינע), אַ באַדייטנדיגער טייל פון דער גאַנצער אונטערדריקונגס־מאַשין. די „הסתדרות״ איז אין פּאַלעסטינע ניט סתם עפּעס אַן אָרגאַניזאַציע, לעגאַליזירט פון ענגלישן אימפּעריאַ־ליזם און געשטיצט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער סאָציאַל־פאַשיזם איז זייער אַ וויכטיגער אינסטרומענט אין די הענט פון ציוני־זם און אימפּעריאַליזם, אויף האַלטן די אידישע אַרבעטער אין צוים און אויף שפּאַלטן די רייען פון דער אַרבעטערשאַפט אויף דער ראַסן־ליניע.

דער סאָציאַל־פאַשיזם האָט מיט׳ן געלט, וואָס ער קריגט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אויך מיט דער הילף פון די סומען, וואָס ער קריגט פון די סאָציאַל־פאַשיסטן („פאָרווערטס״־„סאָציאַליס־טען״) אין אַמעריקע, זיך געשאַפן אַ ריזיגן—לויט דער פּאַלעסטינער מאָס—ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט. די סאָציאַל־פאַשיסטן פון דער „הסתדרות״ זיצן אין דעם אימיגראַציע־אַמט, וועלכער שלינגט איין גרויסע סומען (זע זז. 102—103), און אין אַלערליי קאָנצעליאַריעס. מיט יאָרן צוריק האָבן די סאָציאַל־פאַשיסטן אַנטוויקלט אַ זאַוואַנטיורע מיט קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זיינען געווען אינסטרומענטן אויף פאַר־שקלאַפן די אַרבעטער, וואָס האָבן דאָרט (אין די קאָאָפּעראַטיוון) געאַר־בעט. די קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע „סוילעל־בוינע״, וועלכע האָט צווישן 1920 און 1927 דורכגעפירט אַרום 7 מיליאָן דאָ. בוי־קאָנטראַק־טען, און וועלכער איז פון די „לינקע״ פּועלי־ציון אַרויסגעשטעלט געוואָרן, צוזאַמען מיט די קבוצות, ווי איינס פון די מוסטערן אויף איינפירן סאָציאַליזם אין ארץ־ישראל, האָט, אין 1928, געקראַכט. צוזאַמען מיט דעם שוינדל פון אַוואַנטיוריזם, אונטער דער מאַסקע

פון קאָאָפּעראַציע, זיינען אַרונטער פון מאַרק אַנדערע „קאָאָפּעראַ־טיווע" אָוואַנטיורעס. אָבער די מאַכט פון דעם סאָציאַל־פאַשיזם איז באַדייטנדיג, ווייל—ווי געזאָגט—ער פירט דורך פאַר'ן שאָוויניזם און אימפּעריאַליזם א וויכטיגע ראָל. ער העלפט אויך דעם אידישן פאַבריקאַנט עקספּלואַטירן דעם אידישן אַרבעטער אין די אינטערעסן פון דער „נאַציאָנאַלער אינדוסטריע".

די „הסתדרות" פירט דעם אָנגריף געגן אַראַבישער אַרבעט. דאָ שפּילט זי א סטרייק־ברעכערישע ראָל, זי העלפט אַראָפּדריקן די פּרייז אויף אַרבעט, כדי אויסצוקאָנקורירן די אַראַבישע אַרבעטער. די געשלעגן מיט אַראַבישע אַרבעטער אַרום די קאָלאָניעס ווערן געפירט אונטער דער „מאָראַלישער" און פּאַקטישער פירערשאַפט פון דער „הסתדרות". דער איינצלנער אידישער אַרבעטער, ווי פאַר'סמ'ט ער זאָל ניט זיין מיט שאָוויניזם, וואָלט ניט געגאַנגען קעמפן געגן אַראַבישע אַרבעטער, אַרויסרייסן ביי זיי דאָס שטיקל ברויט. די „הסתדרות" אָרגאַניזירט אים דערצו.

אַלע פּלאַפּלערייען פון די סאָציאַל־פאַשיסטן — איבערהויפּט פון די „לינקע" פּועלי־ציון—צו פאַרטושן אָט־די האַנדלונגען, שטעלן מיט זיך פאַר היפּאָקריטיזם פון פּרעכסטן און בלוטיגסטן סאָרט. מיר האָבן שוין דערמאָנט (זייט 66) וועגן דער אָפּטיילונג „חרם", וואָס דער סאָציאַל־פאַשיסטישער „דבר" האָט גענאָט ביי זיך, און וועגן די אָפענע הארציגע דערקלערונגען פון א סאָציאַל־פאַשיסטישן פירער פאַר'ן אימפּעריאַליסט סימפּסאָן, אַז דער „ציוניסטישער צוועק פון אַלע אונטערנעמונגען איז צו באַשעפטיגן אידן, אויב ניט פאַלן מיר דורך אין אונזער ציל". אָט־דער „ציל" איז דאָך קלאָר פאַר אַלעמען. אין דער אַטאַקע אויף אַראַבישער אַרבעט דריקט זיך אויס די הויפּט־ראָל פון סאָציאַל־פאַשיזם אין פּאַלעסטינע.

די „קאָמונעס"

אן אַנדער אויפּטו פון דעם סאָציאַל־פאַשיזם זיינען די קבוצות. צוזאַמען מיט'ן אַלגעמיינעם באַנקראָט פון ציוניזם, האָבן די דאָזיגע „קאָמונעס", וואָס די פּועלי־ציון האָבן וועגן זיי פאַרשריען א וועלט (ווידעראַמאָל: „בויען סאָציאַליזם", און דוקא אין פּאַלעסטינע), אויך באַנקראָטירט. זייער נישטיגע ראָל ווערט אויסגעדריקט אין די ציפערן, וואָס זיינען צונעשטעלט געוואָרן צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזל (זע ז. 75). אין יוני 1930 זיינען אין פּאַלעסטינע געווען אינגאַנצן צוואַנציג קבוצות מיט 2,140 נפשות, פון זיי 1592 דערוואַקסענע. אָט דער נישטיגער סך־הכל פון יאָרן אַרבעט שטעלט פאַר מיט זיך א

פּראָצעס אויף צוריק. זינט 1929 איז די פּאָליטיק פון ציוניזם געגן קבוצות. דאָס איז געווען די אָפענע רעקאָמענדאַציע פון וואַרבורג־באַריכט. די „איידזשענסי" לייגט דעם שווער־געוויכט אויף פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם, אויף אינוועסטירונגען. אין דער זעלביגער צייט הערן אָבער די עקזיסטירנדיגע קבוצות ניט אויף צו זיין א מאַכט אין די הענט פון די סאָציאַל־פאַשיסטן, וועלכע זיינען די אַפּיטראָפּסים איבער די חלוצים און זייערע „קאָמונעס" (דורך זייערע הענט גייען דורך די אַסיגנירונגען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע). די „קאָמונעס" זיינען אין דער זעלביגער צייט פאַרפּאָסטנס פון בריטישן אימפּעריאַליזם. די פאַרנאַרטע און עקספּלואַטירטע חלוצים, וואָס פיל פון זיי דרייען זיך אַרום ווי די שאָטנס אין פּאַלעסטינע, שטעלן מיט זיך פאָר רעקרוטן, וואָס קענען באוואָפנט ווערן פאַר אימפּעריאַליסטישע צוועקן, אונטער דער מאַסקע פון שיצן דאָס „לאַנד".

די „הסתדרות" פּרעטענדירט צו האָבן ביי זיך העכער 25 טויזנט מיטגלידער. דאָס וואָס די אָפיציעלע ציוניסטישע ציפערן גיבן אָן די גאַנצע פּאַלעסטינישע אידישע „אַרבעטערשאַפט" אויף אַזוי גרויס ווי 23,830 (זע ז. 83)—און עס איז דאָך קלאָר, אַז ניט אַלע אידישע אַר־בעטער געהערן צו דער „הסתדרות"—איז גאָרניט. אַזוי זעען אויס ציפערן, וואָס קומען פון פּאַלעסטינע. אָבער א מאַכט איז די „הסתדרות". דאָס איז א מין זובאַטאָוו־אָרגאַניזאַציע: הינטער איר שטייט דער ציוניזם און דער אימפּעריאַליזם.

אויב דער סאָציאַל־פאַשיזם אומעטום שעפּט זיין כח פון דער בעסער־באַצאָלטע אַרבעטערשאַפט, שעפּט דער ציוניסטישער סאָציאַל־פאַשיזם זיין אינערלעכע קראַפט פון דער גרויסער צאָל ביוראָקראַטן, וואָס געפינען זיך אין זיינע רייען, און אויך דערפון, וואָס די פּאַלעס־טינישע אידישע אַרבעטערשאַפט איז א צוגעקליבענע. ווער פּאָרט בכלל אין פּאַלעסטינע? דער באַלעבעסל, דער פאַנאַטיקער, דער שאָ־וויניסט. דער אַלגעמיינער כלל איז אויך גילטיג אויף דעם אידישן אַרבעטער, וועמען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע שיקט, אָדער העלפט פאָרן, ווייל ער איז ציוניסטיש געשטימט. די ניט־פּראָלעטאַרישע אָפּ־שטאַמונג פון אידישן אַרבעטער אין פּאַלעסטינע און זיין שאָוויניזם, שאַפט א גינסטיגן באָדן פאַר דער „הסתדרות". דאָ קומט אויך צו־הילף דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער גייט האַנט אין האַנט מיט'ן אימפּעריאַליזם, און וועמעס פירער עס פירן דורך די אימפּע־ריאַליסטישע פּאָליטיק פון קאַפּיטאַליזם, ווען זיי געפינען זיך אויף די מיניסטאָרן־ביינקלעך (מאַקדאָנאַלד, הענדערסאָן, וועב־פּאַספּילד, וואַנדערוועלדע, טאָמאַ, א. א.). דער ציוניסטישער סאָציאַל־פאַשיזם

איז דער געהעריגער אויסדרוק פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אין פּאַלעסטינע.

אייגנטלעך דאַרף דאָ גערעדט ווערן ניט וועגן סאָציאַל־פאַשיזם, נאָר וועגן נאַציאָנאַל־פאַשיזם. אפילו אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל געפינט זיך דער ציוניסטישער סאָציאַל־פאַשיזם אויפ׳ן עקסטרעם־רעכטן פליגל. די הסתדרות׳ניקעס, וועלכע זיינען ניט קאַרג אויף פראַזן, ווי ווילד זיי זאָלן ניט קלינגען, היטן זיך פון צו באַנוצן דעם לאָזונג „קלאַסן־קאַמף", אפילו ווי א פראַזע. קודם און איבער אַלץ זיינען זיי נאַציאָנאַליסטן, ציוניסטן. דאָ האַנדלט זיך דעריבער וועגן נאַציאָנאַל סאָציאַליזם, פון היטלער־טיפּ. דער רעוויזיאָניזם איז דער פאַשיזם אָן דער „סאָציאַליסטישער" פראַזע, בעת היטלער באַנוצט יע אַזעלכע פראַזן, און אָפט „ראַדיקאַלע" (אין פּאַלעסטינע טוען עס באַזונדערס די „לינקע" פּועלי-ציון, וועלכע באַנוצן ראַדיקאַלע פראַזן און אָפּערירן מיט די געלטער פון דער בורזשואַזיע און מיט דער שטיצע פון אימפּעריאַליזם, אָן וועלכן די ציוניסטישע אַוואַנטורע וואָלט זיך איין טאָג ניט געקענט האַלטן).

צוליב אָט־די אַלע אייגנשאַפטן איז דער סאָציאַל-פאַשיזם די זיכערסטע שטיצע פאַר דער ציוניסטישער אַוואַנטיורע. ניט אומזיסט האָט ווייצמאַן אין באַזל זיך געזעגנט צווישן די „סאָציאַליסטן", ווען ער איז געוואָרן אוים פּרעזידענט.

„אייער ציוניזם איז דער ריינער ציוניזם", האָט ווייצמאַן געזאָגט, ווען ער איז געקומען צו דער „סאָציאַליסטישער" פראַקציע (און ניט צום קאָנגרעס) זיך אָפּגעזעגענען אַלס פּרעזידענט. דער געטרייער „מאָשקע פון זיין מאַיעסטעט", ווייצמאַן, האָט געוואוסט וואָס ער רעדט. און עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אָט־די „ריינסטע" ציוניסטן, וועלכע שטעלן זיך אַרוים ווי אַרבעטער־פאַרטרעטער, זיינען די ביטערסטע באַקעמפער פון די קאָמוניסטן, אין „גלות" ווי אין פּאַלעסטינע. זיי פירן געטריי דורך די מיסיע פון דעם „ריינעם" ציוניזם, ווי א מיטל פון דער רעאַקציע און אַלוועלטלעכער קאָנטררעוואָלוציע.

אין די פאַרפאָלגונגען געגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צייכענען זיך אוים אַלע פראַקציעס — פון „התאחדות" ביז די „לינקע" פּועלי-ציון. זינט די „אַרבעטער־פראַקציע" איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון „הסתדרות", אין 1924, ווערן קאָמוניסטן ניט צוגעלאָזן צו קיין אַרבעט אין די אונטערנעמונגען, וואו די סאָציאַל־פאַשיסטן האָבן די מאַכט. די „הסתדרות", ווי דער גאַנצער ציוניזם, באַטייליגט זיך אַקטיוו אין די פאַרפאָלגונגען אויף די קאָמוניסטן. דער פאַקט, וואָס פאַרפירטע אידישע אַרבעטער ניכטערן זיך אוים פון שאָוויניסטישן

טשאַד, און וואָס געוועזענע חלוצים פאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד, וואַרפט אַריין די נאַציאָנאַל־„סאָציאַליסטן״ אין אַ ווילדן צאָרן: דאָ ווערט ביי זיי אַרויסגעריסן די באַזע פון אונטער די פיס.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּאַלעסטינע באַקעמפט דעם אימפּעריאַליזם — אין פּאַלעסטינע, ווי אין אַלע קאָלאָניעס, באַקעמפּט דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם, און זוכט צו שאַפן אַן אייניגערן פאַרבאַנד צווישן אַלע אַראַבישע לענדער אין אָט דעם קאַמף. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַקעמפט די באַלפור־דעקלאַראַציע, ווי אַ רויבערישן אַקט מצד דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם, און באַקעמפּט די ציוניסטן—פון אַלע קאָלירן — ווי אַגענטן פון אימפּעריאַליזם, ווי אָנגרייפער אויף די אַראַבישע פויערים און אַרבעטער, און ווי אַזעלכע וואָס האַלטן אָפּ די אידישע אַרבעטער פון אַלגעמיינעם קאַמף פאַר אַ פרייען אַראַביסטאַן, אונטער דער הערשאַפט פון אַ רעגירונג פון אַרבעטער און פויערים,—פּונקט ווי דער ציוניזם האָט אין צאַרישן רוסלאַנד געזוכט אָפּצוהאַלטן דעם אידישן אַרבעטער פון קאַמף. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אויסגענוצט און נוצט אויס די אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג אין דעם אַנטי־אימפּעריאַליסטישן קאַמף, שטרעבנדיג דערביי אַריינצוטראָגן אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אַ קלאַסן־דיפערענציאַציע, באַקעמפט די עפענדים און די מופטים און די גאַנצע בורזשואַזיע, וועלכע מוז איבערגיין אויף דער זייט פון די אימפּעריאַליסטן אַזוי גיך ווי זיי געווינען זייערע קאָנצעסיעס, אָדער אַזוי גיך, ווי די מאַסן שטעלן אַרויס די לאָזונגען פון דער אַגראַר־רעוואָלוציע. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי זוכט צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן— אַראַבישע, אידישע און אַנדערע—אין קאַמף פאַר באַלדיגע אויסבעסערונגען און אין קאַמף פאַר דער מאַכט פון אַרבעטער און פויערים. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי הערט ניט אויף אָנצואווייזן די אַראַבישע און אידישע האָרעפּאַשנע מאַסן, אַז די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג גייט האַנט אין האַנט מיט דער סאָציאַלער באַפרייאונג, און אַז נאַציאָנאַלע באַפרייאונג איז אוממעגלעך אַזוי לאַנג ווי די מאַכט וועט זיך געפינען ביי די פריצים, גייסטלעכע, ביי דער בורזשואַזיע.

צוליב דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע—אַן אַגריקולטור לאַנד, מיט אַ שוואַכער אינדוסטריע און ניט באַדייטנדיגן אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז צעטיילט אויף דער ליניע פון נאַציע, מיט אַראַבישע אַרבעטער, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט׳ן דאָרף און אידישע אַרבעטער פון קליינבירגערלעכער אָפּשטאַמונג,

וואָס קומען אַריבער פאַר'סמ'טע פון שאָוויניזם—צוליב אַט־דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער באַפעלקערונג, איז דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּאַלעסטינע אויסגעקומען דורכצומאַכן אַ שווערן וועג. ביז פעברואַר 1924, ווען דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אָפיציעל אַנערקענט ווי אירע אַ פּאַלעסטינישע סעקציע, האָט זי שוין געהאַט הינטער זיך אַ געשיכטע פון עטלעכע יאָר רייבונגען, אידעאָלאָגישע קאַמפן, שפּאַלטונגען, רייסערייען מיט די „לינקע" פּועלי־ציון, וועלכע האָבן געזוכט אײַנצוהאַלטן די קאָמוניסטיש־געשטימטע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער אין די רייען פון ציוניזם, מיט דער הילף פון רעוואָלוציאָנערע פראַזן. און נאָך 1924, ניט געקוקט אויף פיל דערגרייכונגען,—ווי למשל, דאָס אַרײַנציִען אַראַבישע אַרבעטער אין דעם פאַראיין פון אײַזנבאַן־אַרבעטער, וועלכע איז געווען דער ערשטער פאַראיין אין פּאַלעסטינע, וואָס איז, אונטער דער ווירקונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, געוואָרן אינטערנאַציאָנאַליזירט—איז דער וועג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווידעראַמאָל צוליב די דערמאָנטע סאָציאַלע באַדינגונגען, ניט געווען קיין לײַכטער. די אינטערנאַציאָנאַליזירונג פון דעם אײַזנבאַן־פאַראיין האָט געמוזט פירן צו נײַע איבערברוכן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט פריער געהאַט אין אירע רייען וויניק אַראַבישע אַרבעטער, און האָט אויך געמוזט פירן מיט זיך צו נײַע רעפּרעסיעס, צו ווילדע אַרויסטרעטונגען מצד אַלע שוואַרצע כחות—ענגלישע אימפּעריאַליסטן, ציוניסטן, עפענדים און מופּטים,—וועלכע האָבן אין אַ פאַראייניגטן פראָנט פון אידישע און אַראַבישע אַרבעטער דערזען די גרעסטע געפאַר. די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער זײַנען פון אַלע צדדים אַרויסגעשטעלט געוואָרן ווי „פאָלקס־פאַררעטער". די ציוניסטן־העברעאיסטן, די מוסולמאַנישע און קריסטלעכע „גײַסטלעכע" קאַסטעס, און די בירגערלעכע אינטעליגענץ פון בײדע זײַטן, האָבן אַלע אָפּגעלאָזט זייער ווילדן צאָרן אויף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די פאַרפאָלגונגען קעגן די קאָמוניסטן אין פּאַלעסטינע, די מעשים פון די ענגלישע טורמע־היינקער בשותפות מיט די ציוניסטן און דער אַראַבישער בורזשואַזיע, שטעלן פאָר מיט זיך אַ בלוטיג קאַפּיטל אין דעם בלוטיגן קאַמף פון דער אַלוועלטלעכער רעאַקציע קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די מיטלאַלטערלעכע טורמעס פון פּאַלעסטינע, וואו עס שמאַכטן טויזנטער פּאָליטישע אַרעסטירטע (אין יאַנואַר, 1930, איז די צאָל געווען 1,500), זײַנען עדות פון פּייניגונגען, וואָס זײַנען אין די צאַרישע טורמעס ניט אַלע מאָל געזען געוואָרן. שמייסן איז אַ „געזעצלעכע" זאַך אין די טורמעס פון פּאַלעסטינע. די ענגליש־ציוניסטיש־עפענדישע היינקער פאַרפּײַניקן פּאָליטישע אַרעס־

טירטע צום טויט, ווי דאס איז געווען דער פאל מיט די קאמוניסטן מיאסקאוויצקי און אנא מילשטיין, אין 1930. די לויה פון אנא מיל־שטיין, וועלכע האט ארויסגערופן נייע בלוטיגע אטאקעס, אין וועלכע די ציוניסטן האבן זיך באזונדערס אקטיוו אויסגעצייכנט, האט ארויס־גערופן אינטערנאציאנאלן אנזען. די „ארבעט" פון פייניגן און שמייסן ווערט אבער כסדר פארגעזעצט.

אזוי אין פאלעסטינע, אזוי אין די אנדערע אראבישע לענדער, וואו קאמוניסטן ווערן אומגעבראכט פאר זייער רעוואלוציאנערער ארבעט. אבער ניט געקוקט אויף דעם, פארשטייט זיך, אנטוויקלט זיך די קא־מוניסטישע פארטיי אלץ מער, און די הארעפאשנע מאסן דערזעען אלץ מער, אז נאר די קאמוניסטישע פארטיי איז גרייט צו ארגאניזירן זיי און פירן אין קאמף געגן די אונטערדריקער פון אלע קאלירן. בא־זונדערס איז די ראל פון דער קאמוניסטישער פארטיי פארשטארקט געווארן זינט דעם אויפשטאנד אין 1929, וועלכער איז געווען א אנ־הויב פון א ברייטער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין פאלעסטינע, און וואס האט געבראכט אן איבערברוך אין גרויסע מאסן אראבישע ארבעטער, ווי מיר האבן עס געזען פון די שטימונגען אויפ'ן ערשטן אראבישן ארבעטער־קאנגרעס, אין יאנואר 1930.

דער אויגוסט־אויפשטאנד

דער אויפשטאנד אין אויגוסט, 1929, האט געטראפן די קאמוניס־טישע פארטיי ניט קיין צוגעגרייטע, און דאס איז געווען איינע פון די סיבות, וואס דעם ענגלישן אימפעריאליזם און דער אראבישער בור־זשואזיע האט זיך איינגעגעבן אין געוויסע מאמענטן אראפצופירן דעם קאמף אויף די רעלסן פון ראסן־קאמף אנשטאט קלאסן־קאמף.

נאכדעם ווי מיר האבן געזען ווי דער אראבישער פעלאך ווערט עקספלואטירט, און אויסגעזויגן, און געיאגט, און בארויבט פון עקזיס־טענץ־מעגלעכקייטן—דורך דעם עפענדי, ענגלישן אימפעריאליזם און דעם ציוניזם, און נאכדעם ווי מיר האבן געזען דעם נאענטן צוזאמענ־האנג פון דער באוועגונג אין פאלעסטינע מיט דער באוועגונג אין די אנדערע אראבישע לענדער און אנדערע קאלאניעס, איז איבעריג צו אונטערשטרייכן דעם כאראקטער פון די געשעענישן אין אויגוסט 1929 אין פאלעסטינע. דאס וואס די געשעענישן זיינען פארשריען געווארן: דורכ'ן אידישן שאוויניזם—ווי פאגראמען, און דורכ'ן ענג־לישן אימפעריאליזם—ווי באנדיטיזם, איז ניט קיין איבערראשונג. אין יעדן אויפשטאנד פון קאלאניאלע פעלקער הערן מיר אזעלכע געשריי־ען. די כינעזישע רויט־ארמייער, סאנדינא'ס סאלדאטן אין ניקארא־

נוא, די רעוואלוציאנערן אין אינדיע און אינדא־כינע, די פארטיזא־
נער אין מאנדזשוריע—אלע ווערן זיי פארשריען פון דער בורזשואזיע
ווי „באנדיטן״!

צווישן די כחות, וואס האבן דירעקט געווירקט אויף די אויגוסט־
געשעענישן, איז געווען—פון איין זייט—די פאסירונגען אין וואדי
על האווארעט און אנדערע ערטער, וואו פעלאכן זיינען אראפגעטריבן
געווארן, אדער האבן געקראגן א באפעל צו פארלאזן זייער איינגעזע־
סענעם באדן (זע זז. 59—60). די האנדלונג פון די ציוניסטישע אנ־
גרייפער, וועלכע האבן אין אויגוסט 1928 געמאלדן—דורך דער מאכט
—די פון דורות איינגעזעסענע פעלאכן, אז זיי מוזן פארלאזן דעם
באדן דעם 1טן אקטאבער, 1929, איז געווען ווי א פונק אין א פאס
מיט פולווער! ריכטיג באמערקט די שא-קאמיסיע, אז דער אקט,
וועלכער איז געקומען נאכדעם ווי טויזנטער פעלאכן־פאמיליעס זיינען
שוין אראפגעטריבן געווארן—און פון דעם סאמע בעסטן באדן אין
דעם מאגערן פאלעסטינע, עזדראעלאן (זע זז. 55—59),—האט ארויפ־
געווארפן א פחד אויף אלע פויערים. פון דארף צו דארף איז געגאנ־
גען די געשיכטע פון דעם גירוש אין וואדי על האווארים.

טאמער האט געפעלט נאך א פונק אין דער פאס פולווער, איז גע־
קומען דער באשלוס פון דער אידישער אגענטור אין ציריך, אז אפ־
געקויפט לאנד מוז בלייבן אויף אייביג אין „אידישע הענט״, און מוז
אויך באארבעט ווערן מיט „אידישע הענט״. (זע ז. 64). דער באשלוס
איז אנגענומען געווארן דעם 14טן אויגוסט, 1929, און די אראבישע
פרעסע האט עס באלד באקאנט געמאכט דער באפעלקערונג פון פא־
לעסטינע. פאר׳ן אנגעקליבענעם צארן צווישן די פעלאכן, באזונדערס
צווישן די מאסן ערדלאזע, איז דער באשלוס געווען דער לעצטער
טראפן, וואס האט פול געמאכט די מאס. הייסט עס, די ציוניסטן גיבן
צו, אז זייער צוועק איז אויסצוראטן די אראבישע פויערים־באפעלקע־
רונג. דער ציוניסטישער בלאף, אז די פויערים געניסן פון דער „פראס־
פעריטי״, וועלכער האט שוין לאנג געהאט געפלאצט—ווייל דאס ציו־
ניסטישע געלד האט אריינגערונען אין די קעשענעס פון די פריצים
(זע ז. 56) — איז דא באשטעטיגט געווארן שווארץ אויף ווייס. די
אראפגעטריבענע פעלאכן טארן אפילו קיין ארבעט ניט קריגן!

די אלץ ווייטער אנוואקסנדיגע אגראר-רעוואלוציע האט דא געקראָ־
גען א מעכטיגן שטויס. אבער די אפענע רויבעריי פון ציוניזם האט
אויך אריינגעשפילט אין די הענט פון די עפענדים און פון ענגלישן
אימפעריאליזם, צו אפווענדן די רעוואלוציע אויף די וועגן פון ראסן־
האס, ווי דאס איז אלעמאל פראקטיצירט געווארן פון אונטערדריקער,
ווען די מאסן זיינען אומצופרידן און זיינען גרייט צו רעוואלטירן.

פאַר זייערע צוועקן האָבן די עפענדים און דער ענגלישער אימ־
פּעריאַליזם זיך באַנוצט מיט דער ווילדער רעליגיעזער קאַשע אַרום
דעם כותל מערבי (זע ז. 14). די אָפענע פאַשיסטן פון זשאַבאָטינסקי׳ס
חדר, דורך זייער „האַגאַנאַ” (פאַרטיידיגונג), דורך זייער „בריט
טרומפּלדאָר”, האָבן געטאָן וואָס זיי האָבן געקענט צו אויפהעצן צו
ראַסן־האַס. די ציוניסטישע פּרעסע אין פּאַלעסטינע האָט געהעצט אָן
אויפהער, און אַזוי האָט געטאָן די פּרעסע פון די עפענדים און דעם
מופטי. די ענגלישע מאַכט — א געניטע גיפטמישערין אין אַזעלכע
פאַלן, האָט געטאָן וואָס זי האָט געקאָנט.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּאַלעסטינע איז ניט געווען צוגע־
גרייט פאַר די געשעענישן. זי האָט זיי ניט פאָראויסגעזען. די אַראַבישע
אַרבעטער זיינען ניט געווען אָרגאַניזירט אויף אָנצופירן מיט׳ן אויפ-
שטאַנד. דער נאַציאָנאַלער צוזאַמענשטעל פון דער פּאַרטיי־מיטגלי־
דערשאַפט איז נאָך אַלץ געווען ניט קיין געהעריגער: די פּאַרטיי איז
נאָך אַלץ געווען כמעט ווי איזאָלירט פון די אַראַבישע מאַסן. דאָס
האָט געגעבן א מעגלעכקייט די עפענדים, און די אימפּעריאַליסטן
און די ציוניסטן, צו מאַכן א פאַרזוך צו אָרגאַניזירן א ראַסן־קאַמף,
כדי צו שאַפן אַן אָפּגרונט צווישן די אידישע און אַראַבישע אַרבעטער
און צונישט מאַכן די ערשטע שריט פון א פאַראייניגטן קלאַסן־פראָנט,
ווי אויסגעדריקט אין די אנטי־מלחמה דעמאָנסטראַציעס דעם 1טן אוי-
גוסט (1929) אין חיפה, יפו און תל־אביב.

דער פאַרזוך האָט זיך נאָר טיילווייז איינגעגעבן. די געשעענישן
האָבן גאַנץ קלאָר אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַן אויפשטאַנד. די
ענגלישע מאַכט, וועלכע האָט געמיינט, אַז זי וועט אָפּקומען מיט ראַסן־
קאַמפן, ווי בעת די „עקסצעסן” אין 1920 און 1921—וועלכע זיינען
דורך איר אָרגאַניזירט געוואָרן!—האָט באַלד געמוזט מאָביליזירן אַלע
כחות, פון באָמבען־עראָפּלאַנען ביז קריג־שיפן, כדי דעם אויפשטאַנד
איינצושטילן. די שאַ־קאָמיסיע רעדט אָפן וועגן אַטאַקעס אויף די ענג־
לישע מיליטער־באַראַקן אין שכם (נאַבלוס), אין אַראַבישער אַרבע־
טער־צענטער, וואו קיין אידן זיינען ניטאָ. און די ווייטערדיגע אַנט-
וויקלונגען זינט אויגוסט 1929, האָבן ניט אויפגעהערט צו באַשטעטיגן
דעם כאַראַקטער פון יענע געשעענישן און כסדר באַוויזן די ווייטער־
דיגע פאַרטיפונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פּאַלעס־
טינע.

פּאַלעסטינע—א פולווער־פאַס!

די אויסברוכן אין זעלביגן שכם אין זומער 1931, דאָס באַוואַ־
פענען די ציוניסטן מיט אַרסענאַלן, די פאַרגרעסערונג פון דער ענגלי־

שער אַרמיי, די פילע פאַרטיזאַנישע אַרויסטרעטונגען, וואָס ווערן באַצייכנט ווי אָנפאַלן פון „רויבער“, די אַנטי־אימפּעריאַליסטישע קאָנגרעסן—אָנהויבנדיג מיט'ן אַרבעטער־קאָנגרעס אין יאַנואַר 1930 ביז די קאָנגרעסן און אַרויסטרעטונגען אין 1931—באַווייזן, אַז די אַנטי־אימפּעריאַליסטישע באַוועגונג קריגט אַלץ מער שוואונג, און אַז די מאַסן, וועלכע האָבן אין אויגוסט 1929 געקראָגן זייער לעקציע, ווערן אַלץ מער אָרגאַניזירט דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — וועלכע האָט אויך געלערנט פון די אויגוסט־געשעענישן. עס איז קלאָר, אַז יעדע אַרויסטרעטונג פון די מאַסן וועט אַלעמאָל פאַרשריען ווערן, סיי פון די אימפּעריאַליסטן, און סיי פון זייערע משרתים—פון דער אידישער און אַראַבישער בורזשואַזיע און איר אינטעליגענץ. אַזוי זיינען די קאָנגרעסן אין 1931 פאַרשריען געוואָרן. דער מוסולמאַנישער קאָנגרעס, וואו רעליגיעזע פאַנאַטיקער און פאַרשיידענע אַוואַנטיוריסטן און ראַסן־העצער האָבן טאַקע געשפּילט א ראָל, און וועלכער האָט זיך באַשעפטיגט די גאַנצע צייט מיט אַטאַקעס אויף די ציוניסטן, האָט אָבער צום סוף—אין די ווערטער פון דעם קאָרעספּאָנדענט פון „ניו יאָרק טיימס“—אויפגעדעקט זיין אַנטי־מאַנדאַט און אַנטי־אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער. אַטאַקעס זיינען געמאַכט געוואָרן געגן אַלע פאָרמען פון קאָלאָניאַלער אונטערדריקונג—אויך געגן דער הערשאַפט פון איטאַליע אין טריפּאָלי, פון פראַנקרייך אין מאָראָקאָ, פון האָלאַנד אין באַטאַוויע. דאָ איז ווידעראַמאָל באַוויזן געוואָרן דער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער כאַראַקטער פון דער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג, אין געוויסע סטאַדיען אירע, און אַז די באַוועגונג קאָן און דאַרף אויסגענוצט ווערן אין די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זינט די אויגוסט־געשעענישן געשאַפן אַן איינגערן קאָנטאַקט מיט די אַראַבישע מאַסן—און צוזאַמען דערמיט אַן איינגערן קאָנטאַקט צווישן אַראַבישע און אידישע אַרבעטער. דער פאַרשטאַרקטער איינפלוס צווישן די אַראַבישע אַרבעטער האָט זיך געזען ניט נאָר אויפ'ן קאָנגרעס אין חיפה, נאָר אויך אויפ'ן קאָנגרעס פון די „יונגע“ אין שכם, אין אויגוסט 1931. דער פאַרשטאַרקטער איינפלוס צווישן די אידישע אַרבעטער זעט זיך אין די ברייטערע סימפּאַטיעס פאַר'ן ראַטנפאַרבאַנד און בירא־בידזשאַן,—וואָס דאָס איז אייננג פאַרבונדן מיט'ן אַלץ טיפערן באַנקראָט פון דער ציוניסטישער אַוואַנטיורע און מיט דער אַלץ שנעלערער אויסניכטערונג פון אַלץ גרעסערע מאַסן אידישע אַרבעטער. און דער רעוואָלוציאָנערער אויפשוואונג פון אַלע האָרעפּאַשניקעס אין פּאַלעסטינע, איז אייננג פאַרבונדן מיט דער פאַרטיפונג פון אַגראַר־קריזיס און דעם אַלוועלטלעכן קאַפּיטאַליסטישן קריזיס, און מיט'ן אויפשוואונג פון דעם

קאַמף געגן אימפּעריאַליזם אין אַלע קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער.

פּאַלעסטינע איז אַ רינג אין דער קייט. פּאַלעסטינע איז עקאָנאָמיש ניט קיין זעלבסטשטענדיגער איינס (יוניט) פאַר זיך — ווי מען פאַרשטייט, געוויינטלעך, עקאָנאָמישע זעלבסטשטענדיגקייט פון אַ לאַנד — נאָר אַ רינג אין דער קייט פון אַראַבישע לענדער, איינג פאַרבונדן מיט'ן גורל פון גאַנץ אַראַביסטאַן. פּאַלעסטינע איז אַ רינג אין דער קייט פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, אַ ביינדל אויף זיין שאַך־ברעט. פּאַלעסטינע איז אַ רינג אין אַ קייט פון קאַמף געגן אימפּעריאַליזם. און ווייל איז צו אַ באַוועגונג, ווי די ציוניסטישע, וואָס באַטראַכט פּאַלעסטינע ווי אַ לאַנד „אַן און פאַר זיך"; וואָס שפּאַנט זיך איין אין וואָגן פון דעם בלוטיגן אימפּעריאַליזם און דופּעט אויף די אימפּעריאַליסטישע—אָדער אייגענע, און דאָס הייסט ווידעראַמאָל: אימפּעריאַליסטישע—באַיאָנעטן, און וואָס שטעלט זיך ניט סתם אַזוי אין וועג פון די פעלאַכן אין זייער קאַמף פאַר ערד, נאָר איז אַ דירעקטער אָנגרייפער אויף זייער לעבן. אַזאַ באַוועגונג איז אַ בלוטיגע אַוואַנטיורע, וואָס מוז אָפּגעבן רעכענונג, אין דעם טאָג, ווען די מאַסן שטייען אויף. דאָס וואָס דער צאָרן פון די מאַסן טרעפט, אין דעם אָדער יענעם פאַל, אַן אומשולדיג־פאַרפירטן,—ווי דאָס פּאַסירט אָפט בעת אַן אויפשטאַנד, ווען די אמת'ע שולדיגע זוכן זיך אויסצודרייען, מוז יעדן אַרבעטער ברייננגען צום אויספיר, אַז מען דאַרף די פאַרפירטע אויפקלערן און אַריינברייננגען זיי אין לאַגער פון דער רעוואָלוציע. קיין אַנדער וועג איז ניטאָ. פאַר אַנדערע וועגן, אויף וועלכע די שאָוויניסטן און סאָציאַל־פאַשיסטן פירן, זוכנדיג צו פאַר'סמ'ען די אידישע אַרבעטער, מוז מען באַצאָלן אין דעם טאָג פונ'ם גערעכטן צאָרן פון די אונטערדריקטע מאַסן.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי גייט בראָש פון דער באַוועגונג צו פאַראייניגן אַלע האַרעפּאַשניקעס אין אַלע אַראַבישע לענדער, אַן אויסנאַם פון נאַציאָנאַליטעט, אין אַ קאַמף געגן אַלע אונטערדריקער און געגן אימפּעריאַליזם, אין אַ קאַמף פאַר אַן אַראַבישער פעדעראַציע אונטער דער מאַכט פון אַרבעטער און פּויערים, אין אַ קלאַסן־קאַמף אַנשטאָט אַ ראַסן־קאַמף.

אין דעם אויבנדערמאָנטן אַרטיקל זאָגט ווינסטאָן טשוירטשיל:

„דאָס וואָס איז געשען אין פּאַלעסטינע איז נאָר אַ בלוטיגער פאָרגעשמאַק פון; דעם, וואָס עס וועט אָן ספק פּאַסירן אין אַ ווייט־ברייטערער פאָרם אין דעם טאָל פון טייך ניל, און וואָס עס וואָלט פּאַסירט אין אַ קאָלאָסאַלער מאָס פון איין עק אינדיע ביז'ן אַנדערן, קוים וואָלט דער מיט פאַרשטאַנד פירנדיגער און באַרואיגנדיגער איינפלוס פון דער בריטישער אימפּעריאַלער קראַפט געוואָרן דערוויטערט".

דער פירער פון די „האַרט־קעפּיגע” ענגלישע אימפּעריאַליסטן וואַרפט דאָ אָפּ מיט פאַראַכטונג די פּלאַפּלערייען וועגן א „פּאָגראָם”. ער ווייסט צו גוט, אז דאָס וואָס עס פּאַסירט אין פּאַלעסטינע, איז נאָר א רינגעלע אין א קייט—פון קאַאיראָ ביז באַגדאַד און דאַמעסעק, און פון איין עק אינדיע ביז'ן אַנדערן. ער דופּעט אויף די באַיאָנעטן, פּונקט ווי יעדער אימפּעריאַליסט, פּונקט ווי יעדער ציוניסט, פּונקט ווי דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, אומעטום, ניט בלויז אין פּאַלעסטינע. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי בלאָזט אָבער אויף די „אַנטאַגאָניזמען”, אָרגאַניזירט די מאַסן צום קאַמף, אָבער ניט אויף דער ליניע פון ראַסן־קאַמף, וועלכער קען נאָר אַריינשפּילן די אימפּעריאַליסטן אין די הענט אַריין. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וועקט די קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען, אָרגאַניזירט די מאַסן צו קלאַסן-קאַמף אויף דעם איינציגן וועג פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג.

וואַס זשע וועט זיין מיט'ן „אידישן פאָלק"?

ציוניזם באַשאַפט אַנטיסעמיטיזם

— איז וואָס־זשע וועט זיין מיט'ן אידישן פאָלק?

דאָס איז די ערשטע פראַגע, וואָס ווערט געשטעלט פון איינעם, וואָס הויבט אָן באַגרייפן די פאַקטן—די זינלאָזיגקייט און די בלוטיג־קייט פון דער ציוניסטישער אוואַנטיורע. ווי דער שניידער ביי פּרצ'ן, ווּעמען דער זון, דער סטודענט, האָט געעפנט דעם מוח מיט שניידער־שע באַווייזן, אַז קיין גאָט איז ניטאָ, שטעלט פונדעסטוועגן די פראַגע: „אָבער דאַוונען מוז מען דאָך?"—אַזוי שטעלן די אַנטוישטע אין ציוניזם די פראַגע וועגן דעם „גורל" פון „אידישן פאָלק", אויב ניט פּאַלעסטינע.

פאַרגעסט מען אָבער, אַז דער ציוניזם האָט גאָרניט געשטרעבט צו לייזן די אידישע פראַגע! ביי די בעסטע אויסרעכענונגען פון די ווילד־סטע פאַנטאַזיאָרן וועגן באַזעצן „דריי מיליאָן" אידן אין פּאַלעסטינע (אָדער „אומגעפער" אַזוי פיל), איז דאָך קלאָר, אַז דער ציוניזם האָט זיך אפילו ניט געקליבן צו לייזן די נאַציאָנאַלע אידישע פראַגע, ווי זי שטייט פאַר גרויסע מאַסן, פאַר דער איבערוועגנדיגער מערהייט פון די אידישע מאַסן. און ווער קען נעמען ערנסט דעם טעזיס פון דעם באַלעבעסל הערצל, אַז די אידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע וועט באַ־שיצן די מאַסן אין אויסלאַנד,—ווען מען זעט ווי אַזוי דייטשלאַנד קען ניט באַשיצן די דייטשן אין פּוילן, עסטרייך—די איינוואוינער אין טיראָל, און אַזוי כסדר? בפרט ווען דער ציוניזם אַליין האָט זיך שוין געמוזט אָפּזאָגן פון ביידע ווילדע אונטער'ן - אויוון - פאַנטאַזיעס— די „מלוכה" מיט די „דריי מיליאָן"...

בפרט ווען דאָס קליינע אָרימע לאַנד איז באַזעצט.

דער ציוניזם שטרעבט גאָרניט צו לייזן די אידישע פראַגע דורך פּאַלעסטינע. די פראַגע „וואָס וועט זיין?" שווימט דעריבער ניט אויף אין דעם מאָמענט ווען פּאַלעסטינע פאַלט אַוועק—זי איז גאָר פון אָנ־הויב אָן ניט אַוועק! פאַרקערט, מיט'ן צעשמעטערן דעם ציוניזם, צעשמעטערט מען אַן עלעמענט, וואָס פאַרשאַרפט די אידישע פראַגע,

וואָס רופט אַרויס ראַסן־שנאה ניט נאָר אין פּאַלעסטינע,און איז אַ קוואַל פאַר אַנטיסעמיטיזם.

דער ציוניזם האָט געשאַפן אַנטיסעמיטיזם צווישן סעמיטן, אין פּאַלעסטינע, וואו עס איז פריער קיין אַנטיסעמיטיזם ניט געווען. דער ציוניזם, צוזאַמען מיט ציוניסטישן סאָציאַל-פאַשיזם, האָבן באמת געגעבן אַ קאָרט אין האַנט דעם אַנטיסעמיטיזם צווישן די אַראַבער, אַרויסצושטעלן אַלע אידן ווי אָנגרייפער. דערמיט שפּילט דער ציוניזם ווידער אַריין אין די הענט פון די, וואָס דופען אויפ׳ן לאָזונג: „צעטייל און הערש".

נאָר אַזעלכע וואָס זיינען שוין פון פריער פאַר׳סמ׳ט פון אידישן שאָוויניזם, קענען צוגעבן וועלכע עס איז באַדייטונג דעם לאָזונג „היס־טאָרישע רעכט", און זיך מאַכן ניט ווויסנדיג וועגן דעם פאַקט, אַז פיל לענדער פון דער וועלט זיינען אין משך פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר ניט איינמאָל איבערגעטאַשט און איבערבאַפעלקערט געוואָרן, און אַז אויב מען זאָל וועלן איצט זיך האַלטן ביי „היסטאָרישע רעכט", וואָלט מען גדאַרפט די וועלט אינגאַנצן איבערטיילן. אויב היסטאָרי־שע רעכט, וואָס זיינען צוויי טויזנט יאָר אַלט, זיינען הייליג, דעמאָלט זיינען נאָך מער הייליג די רעכט פון די אינדיאַנער אין אַמעריקע, וועלכע האָבן אינגאַנצן מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק געהאַט ביי־דע אַמעריקעס אין זייערע הענט. דעמאָלט האָט רוים אַ „רעכט" אויף ענגלאַנד, ווייל צעזאַר׳ס סאָלדאַטן האָבן זיך דאָרט געהאַט באַזעצט, און פוילן האָט אַ „רעכט" אויף אוקראַינע, און די שפּאַניער אויף קובא און אַנדערע לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע. דאָס האָט דער ווערסאַלער אָפּמאַך גענומען פאַר זיך „היסטאָרישע רעכט", ווי אַן אויסרייד פאַר זיין רויבערישער חלוקה פון אייראָפּע, ווען דאָס האָט זיך געלוינט. די „מאָראַלישע בארעכטיגונג"—„היסטאָרישע רעכט"—קען דינען נאָר פאַר רויבעריי.

דער ציוניזם האָט אויך פאַרשטאַרקט דעם אַנטיסעמיטיזם אין „גלות"—טיילווייז דערפאַר, וואָס די רויב־אַוואַנטיורע אין פּאַלעסטי־נע האָט אַן אָפּקלאַנג אויך אין אַנדערע לענדער, און נאָך אין אַ גרע־סערער מאָס צוליב דעם כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין „גלות" גופא. דערמיט וואָס דער ציוניזם רייסט אָפּ אידישע אַר־בעטער פון דעם אָרטיגן קאַמף און לאָזט זיי ניט שטעלן זיך זייט ביי זייט מיט די ניט־אידישע אַרבעטער געגן קאַפּיטאַליסטישער אונטער־דריקונג, גיט ער דעם אַנטיסעמיטיזם אַ קאָרט צו פאַר׳סמ׳ען אום-באַוואוסטזיניגע אַרבעטער און די מאַסן קליינבירגער מיט׳ן געשריי: „גייט קיין פּאַלעסטינע!" דער זינלאָזער רוף פון די ציוניסטן „קיין פּאַלעסטינע", ווערט אויפגעכאַפּט פון אַנטיסעמיטיזם. עס הייסט ביי

זיי, אז די אידישע מאסן אינטערעסירן זיך גארניט מיט'ן גורל פון לאנד גופא.

דער ציוניזם, וועלכער האט פון אנהויב אן געצויגן זיין יניקה פון אנטיסעמיטיזם און פאגראמען, וואס האבן געזאלט „טרייבן די אידן קיין ציון", פארשטארקן די ציוניסטישע ארגאניזאציעס און אנפילן די קאסעס, איז געווארן א געצייג פון דעם זעלבן אנטיסעמיטיזם, אויף וועלכן ער האט זיך באזירט! אפגערעדט דערפון, אז דער ציוניזם האט געשעדיגט די לייזונג פון דער נאציאנאלער פראגע, דערמיט וואס ער האט, ווי אן אינסטרומענט פון רעאקציע, געשטערט, און שטערט, דעם קאמף פאר דער לייזונג פון דער סאציאלער פראגע, אן וועלכער די נאציאנאלע פראגע קאן ניט געלייזט ווערן. זינט דער פאטער פון ציוניזם, הערצל, האט פאר'ן דייטשן קאיזער און פאר דעם רוסישן צאר ארויסגערוקט דעם ציוניזם ווי א מיטל אויף אפשוואכן די סאציאליסטישע באוועגונג, האט ער ניט נאר מיטגעזונגען אין כאר פון די אנטיסעמיטן, וואס האבן געשריען—און שרייען—אז דער סאציאליזם איז א אידישער אויפטו (היטלער'ס קאמף געגן מארקסיזם), נאר האט, זוכנדיג אפצושוואכן דעם קאמף פאר סאציאלער באפרייאונג, געשטערט דעם קאמף פאר נאציאנאלער באפרייאונג.

אידן אין אלע קאפיטאליסטישע לענדער ווערן דעקלאסירט

עס האנדלט זיך ניט נאר וועגן פאלעסטינע און עס האנדלט זיך ניט נאר וועגן אידן. עס האנדלט זיך וועגן דער געזעלשאפטלעכער ארדענונג. די אידן-פראגע איז נאר א טייל פון א גאנצן קאמפלעקס פראגן, און איז אייננ פארבונדן מיט זיי. די וואס זאגן, אז די אידישע פראגע קען געלייזט ווערן אין די ראמען פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, נארן אפ די מאסן. וואו האט דען דער קאפיטאליזם געלייזט די נאציאנאלע פראגע? אין וועלכן פעריאד? עס איז ניטא קיין קאפיטאליסטיש לאנד, וואס זאל ניט אונטערדריקן אן אנדער נאציאנאליטעט. ענגלאנד, און די אלע מלוכות, וואס האבן איבערגעגעבן ענגלאנד דעם מאנדאט אויף שאפן א „אידישע היים", אונטערדריקן די נאציאנאלע מינדערהייטן ביי זיך, אונטערדריקן קאלאניאלע פעלקער מיט בלוטיגער אכזריות. ווי אזוי קען דורך די הענט פון די זעלביגע מלוכות געלייזט ווערן די אידישע פראגע?

די גאנצע געשיכטע פון קאפיטאליזם איז איין קייט פון אונטערדריקונג פון אנדערע נאציאנאליטעטן, פון מלחמות געגן אנדערע נאציעס, פון אונטערדריקונג און אויסראטונג אין די קאלאניעס. אט דאס איז קאפיטאליזם. ווער עס שאפט אילוזיעס, אז אין די ראמען פון דער

קאפיטאליסטישער סיסטעם וועט געלייזט ווערן די אידישע פראגע, נארט אָפּ די מאסן, האלט זיי אָפּ פון קאמף געגן קאפיטאליזם.

נאָך אלע צוזאָגן און באוואָרענישן פון ווערסאלער אָפּמאך, און „אויטאָנאָמיעס״, וואָס מען האָט געגעבן דעם „אידישן פאָלק״, איז די לאגע פון די אידישע מאסן אין די קאפיטאליסטישע לענדער ערגער ווי זי איז ווען עס איז געווען. דאָס מוזן צוגעבן אפילו פירער פון ציו־ניזם. מען קען די לאגע ניט פארבאָרגן. די אידישע מאסן, צווישן וועלכע דער הענדלער, פעדלער, ספעקולאנט, קרעמער און קליינער באלמעלאָכע פארנעמען זייער א גרויס אָרט, ווערן אלץ מער דעקלאַ־סירט. אזוי אין אלע קאפיטאליסטישע לענדער, איינגעשלאָסן אמערי־קע, וואו דער דעקלאַסירונג־פּראָצעס פון דער אידישער באפעלקערונג קומט פאָר מיט א מורא׳דיג־שנעלן אימפעט, באזונדערס אין פארביג־דונג מיט׳ן קריזיס פון קאפיטאליזם. צווישן די העכער פיר מיליאָן אידן אין אמעריקע, זיינען כמעט דריי פערטל ניט קיין פּראָדוקטיווע עלעמענטן. העכער א העלפט פון די פיר מיליאָן וואוינט אויסער ניו יאָרק, וואו די צאָל אידישע אַרבעטער איז אַן אומבאַדייטנדיגע. די סאמע איבערוועגנדיגע מערהייט פון דער אידישער באפעלקערונג פאר־נעמט זיך, אָדער האָט זיך פארנומען, מיט האנדל, פעדלעריי, קליין־קרעמעריי און ספעקולאציע. אויך אין ניו יאָרק מאכן די עלעמענטן אוים א מערהייט פון דער אידישער באפעלקערונג.

די „טרייסט״, אז דאָס איז נאָר א איבערגאנג, פאר דער צייט פון קריזיס, איז א קנאפּע. דער קאפיטאליזם איז אַריין אין א פּעריאָד פון קריזיסן. די גאנצע קאפיטאליסטישע סיסטעם איז אַריין אין א עפּאָכע פון קאָנוואולסיעס — קאָנוואולסיעס פון אונטערגאנג. חוץ דעם, האָט זיך דער פּראָצעס פון דעקלאַסירונג אָנגעהויבן צווישן דער אידישער באפעלקערונג — און צווישן די האנדל־וואנדל עלעמענטן פון דער ניט-אידישער באפעלקערונג—לאנג פאר׳ן קריזיס. די כסדר׳דיגע צענויפשמעלצונג פון קלענערע אונטערנעמונגען אין גרעסערע (שפּייז־קראָמען, אַפּטייקן, א. א., קאָנטראָלירט דורך טראָסטן), האָט כסדר ארויסגעשפּארט דעם קליין־הענדלער פון זיינע פּאָזיציעס. און דער פארשטארקטער קאמף פון דעם קליינבירגער בכלל פאר זיין עקזיס־טענץ, מוז פירן צו א פארשטארקטער כוואליע פון אנטיסעמיטיזם, וואָס דער ניט־אידישער קרעמער, דאָקטאָר, אדוואָקאַט, א. א. באנוצט כדי צו שלאָגן זיין אידישן קאָנקורענט. אין די מייסטע אמעריקאנישע אוניווערזיטעטן עקזיסטירט שוין פאקטיש א פּראָצענט-נאָרמע געגן אידישע סטודענטן. דאָס איז נאָר איינער פון די סימנים פון וואוקס פון אנטיסעמיטיזם, ווי א פּראָדוקט פון קאפיטאליזם און א פּראָדוקט פון קאפיטאליסטישער צעפוילונג.

פון אַנדערע לענדער, וואו עס זיינען קאָנצענטרירט גרויסע אידי־שע מאַסן איז שוין ניט נויטיג צו ריידן. אין פוילן, ליטע, רומעניע, לעטלאַנד, דייטשלאַנד, זיינען די אידישע מאַסן שוין פון לאַנג אָן שום באָדן אונטער די פיס. און די באַדולאָזיגקייט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין פאַלעסטינע, וועלכע שטייגט נאָך אריבער, אין געווי־סע הינזיכטן, די באָדנלאָזיגקייט פון די אידישע מאַסן אין אַנדערע קאַ־פיטאַליסטישע לענדער (זע קאַפיטל: „די אידישע היים פון אינעווייניג", זז. 74—90), איז ניט קיין צייטווייליגע זאַך, נאָר א נאַטירלעכער ארויסוואוקס פון א דרייפאַכער סיבה: 1) אן אוואַנטיורע, 2) אן אוואַנטיורע פליוס קאַפּיטאַליזם, אָדער פאַרקערט, 3) אוואַנטיורע פּילוס קאַפּיטאַליזם, פליוס אימפּעריאַליסטישע הערשאַפט אין א קאָ־לאָניע.

עס האַנדלט זיך ניט בלויז וועגן פאַלעסטינע און וועגן אידן, נאָר עס האַנדלט זיך וועגן דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. ציו־ניזם קען פון קיין שטאַנדפונקט ניט זיין קיין לייזונג פאַר דער אידישער פראַגע. אָבער ניט דאָס, ווי געזאָגט, איז גאָר דער צוועק פון דער ציו־ניסטישער באַוועגונג. די ציוניסטישע באַוועגונג, פון איר סאַמע געבורט, איז, ווי אָנגעוויזן אין א פריערדיגן קאַפּיטל („דער ציוניזם אין זיין אמת'ער ראָל", זז. 105—114), גראָד א מיטל פון קאַפּיטאַ־ליזם.

געוויסע שיכטן צווישן די סאָציאַל־(אָדער נאַציאָנאַל־) פאַשיס־טען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, זוכן אָפּצונאַרן ארבעטער מיט דער טענה, אז אין פאַלעסטינע וועט מען שאַפן א „סאָציאַליסטישע" אידישע מלוכה. אַזעלכע רייד פון „סאָציאַליסטן", וואָס אָפּערירן מיט דער הילף פון ענגלישע באַיאָנעטן און די מיטלען פון אידישן קלעריקאַליזם און פון דער אידישער בורזשואַזיע און גרויס־בורזשואַ־זיע, זיינען א באַליידיגונג פאַר'ן פאַרשטאַנד פון דעם דורכשניטלעכן ארבעטער. סאָציאַליזם קאָן איינגעפירט ווערן נאָר דורכ'ן פאַרבאַנד פון אַלע הערפאַשניקעס פון אַלע נאַציאָנאַליטן, אין קאַמף געגן דער בורזשואַזיע. די אַראַבישע פעלאַכן און אַראַבישע ארבעטער מוזן אָבער אנטשיידן ארויסטרעטן געגן א „אידישע היים" אין פאַלעסטינע.

פון פאַרצווייפלונג כאַפּן זיך אָן ציוניסטן, אָדער סאָציאַל־פאַשיס־טען, אָן דער טענה, אז „דער אַראַבער ווערט אָנגערייצט". ער ווייס ניט, הייסט עס, אז ציוניזם איז גוט פאַר אים. ער ווערט אָנגערייצט פון די מופטים און עפענדים. שוין פון אויבן־אויף קוקט עס אויס צו זיין זייער ווייט פון א וויסנשאַפטלעכער פאַרענטפערונג פון דער אומ־צופרידנקייט פון די אַראַבישע מאַסן. די „הנחה" וועגן דער „אומוויסנ־קייט" און „אָנגערייצטקייט" פון דעם אַראַבער איז ניט ווינציגער באַ־

לײדיגנדיג פאר׳ן פארשטאַנד פונ׳ם אַרבעטער, ווי דער „טעזיס" וועגן איינפירן סאָציאַליזם אין אַן אימפּעריאַליסטישער קאָלאָניע, און מיט דער הילף פון אימפּעריאַליזם גופא. דאָס האָבן די שוואַרצע אין אַלטן רוסלאַנד, און די שוואַרצע אין אַלע צייטן, גע׳טענה׳עט—און טענה׳ן —אַז די „אומוויסנדיגע מאַסן" ווערן „אויפגערייצט". אַלע מאָל איז עס „דער פינצטערער נאַראָד", „מאָב" (המון), וועלכער ווערט „אויפ־גערייצט"—פון „קראַמאָלניקעס", פון „זשידעס", פון „רויטע". איצט קומען די „אידישע אידן", די ציוניסטן פון אַלע קאָלירן, און דער־קלערן, אַז די אַראַבישע מאַסן ווערן „אויפגעהעצט"—דאָס מאָל ניט פון „זשידעס"—איז פון עפענדים, אָדער גאָר פון די „רויטע", אָדער פון ביידע צוזאַמען...

אָפּגערעדט דערפון, אַז די עפענדים האָבן אַלע סיבות צו זיין צופרידן מיט׳ן ציוניזם ווי מיר האָבן עס אָנגעוויזן אין קאַפּיטל: „דער ציוניסטישער אָנגריף" (זז. 55—67).זיי קריגן אַריין דאָס ציו־ניסטישע געלד. עס איז דאָך אָבער קלאָר פאַר יעדן איינעם, אַז מאַסן ווערן ניט אויפגערודערט, פירן ניט אָן א לאַנגן, האַרטנעקיגן קאַמף, און גייען ניט אַרויס אין אויפשטאַנדן, סתם ווייל מען רייצט זיי אָן. בפרט, ווען פאַר אונזערע אויגן ליגן די סיבות: דאָס עלנטע און וויסטע לעבן פון דעם אַראַבישן פעלאַך, זיין באַגער נאָך ערד, די ערד־לאָזיגקייט, וועלכע איז אומעטום, אַלע מאָל, א טרייב־קראַפט פאַר אויפשטאַנדן און סאָציאַלע איבערקערענישן. בפרט ווען די גאַנצע גע־שיכטע וועגן דער אומוויסנקייט פון דעם אַראַבער איז אויסגעזויגן פון פינגער. ער לעבט טאַקע זייער אָרים, אין אומסאַניטאַרע באַדינגונ־ען, עס הערשט צווישן אים אַנאַלפאַבעטיזם, אָבער זיין פּאָליטישער באַוואוסטזיין איז שאַרף אַנטוויקלט. וועגן דעם זאָגן עדות פאַרשיי־דענע פאָרשער פון דעם לעבן פון די אַראַבער. וועגן דעם זאָגט עדות אויך די שאָ־קאָמיסיע. אין אַלע דערפער, וואו זי איז געקומען, האָבן זיך די אַראַבער שנעל פאַנאַנדערגעקליבן אין די פראַגן, וועגן וועלכע די פאָרשטייער פון דער קאָמיסיע האָבן גערעדט. די אַראַבער זיינען געוואוינט צו דיסקוטירן זייערע פּראָבלעמען עפנטלעך, אין מאַרק, אומעטום וואו זיי קומען זיך צונויף, און די הויפּט־טעמע פון די דיס־קוסיעס איז—די ערדלאָזיגקייט און דער אָנגריף פון דעם ציוניזם.

ווידעראַמאָל: עס איז קיין פראַגע ניט, אַז צו יעדער צייט זיינען פאַראַן עלעמענטן, וואָס זוכן אומצואווענדן די אומצופרידנקייט פון דעם אַראַבער אויף פאַלשע וועגן, מייסטנס אויף וועגן פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם און האַס. אָבער משפּט׳ן א באַוועגונג מוז מען לויט די פונדאַמענטאַלע סיבות אירע און ניט לויט די פאַרפירער, וואָס פּרובירן די באַוועגונג אויסצונוצן. דער פונדאַמענט און דער כאַראַקטער פון

דער אַראַבישער באַוועגונג איז — דער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג. אין דעם קאַמף שטייען די אַראַבישע מאַסן פּעסט ווי די שונאים פון דער ציוניסטישער אַוואַנטיורע,—אַלץ איינס צי דאָ און דאָרטן וואַקסט יע אָדער וואַקסט ניט אויס אַ גרופּע, אָדער אַן איינצלנער, וואָס רעדט וועגן אַן „אויסגלייך" מיט'ן ציוניזם, אָדער גאָר וועגן דער „גוטסקייט" פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע (אַזאַ יחיד, אָדער גרופּע, פאַרטרעטן אין אַזעלכע פאַלן באַשטימטע אינטע־רעסן).

די אונטערשטע שורה: ניט דער ציוניזם האָט געשטרעבט אפילו —אָדער שטרעבט—צו לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע. פּאַלעסטינע קאָן ניט און באַצוועקט ניט צו ענטפערן אויף די פּראָבלעמען פון די אידי־שע מאַסן. די נאַציאָנאַלע פראַגע קען בכלל ניט פאַרענטפערט ווערן אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. די אָרדענונג האָט נאָך קיינמאָל ניט, אין ערגעץ ניט, ניט פאַרענטפערט וועלכע עס איז נאַציאָנאַלע פראַגע.

סאָוועטן־פאַרבאַנד ווייזט דעם וועג

איין לאַנד האָט געוויזן דעם וועג ווי צו פאַרענטפערן די נאַציאָ־נאַלע פראַגע—און האָט זי אויך פאַרענטפערט!

ניטאָ מער קיין נאַציאָנאַלע פראַגע אין—סאָוועטן־פאַרבאַנד!

עס זיינען דאָ איבערבלייבענישן פון דער פריערדיגער, קאַפּיטאַ־ליסטישער עפּאָכע, וועלכע דאַרפן נאָך אָפּגעראַמט ווערן. עס זיינען פאַראַן רעשטלעך פון אַלטע איינגעפלאַנצטע שנאה'ס, וואָס דאַר־פן אויסגעוואָרצלט ווערן. דאָ און דאָרטן ווערט נאָך געמאַכט אַ טעות, צוליב רעשטלעך פון אַלטע באַגריפן. אָבער אין גרויסן און גאַנצן איז די נאַציאָנאַלע פראַגע שוין געלייזט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ניטאָ אַזאַ זאַך. סיי אין פּרט פון בירגערלעכע רעכט, סיי אין פּרט פון נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, זיינען ניטאָ קיין מער־באַ־רעכטיגטע און ווייניגער באַרעכטיגטע נאַציעס, אָדער ראַסן. אַלע סאָוועטישע בירגער זיינען גלייך פאַר'ן געזעץ, קריגן גלייכע מעגלעכ־קייטן פאַר עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג. פאַרקערט, עס ווערן געגעבן מער מעגלעכקייטן, און אָפט אפילו פּריווילעגיעס, יענע נאַציאָנאַליטעטן, אָדער נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וועלכע זיינען פריער געווען פאַרפאָלגט. אַזוי קריגט, למשל, אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד מער מעגלעכקייטן — פּראָפּאָרציאָנעל — פאַר באַפעסטיגן זיך עקאָ־נאָמיש, אַניאַגן די רוסישע סאָוועטן־רעפּובליק. באַזונדערס איז דאָס ריכטיג בנוגע די רעפּובליקן און אויטאָנאָמיעס אין די מער־אָפּגעשטאַ־נענע געגנטן פון פאַרבאַנד, ווי קאַווקאַז, טורקעסטאַן, סיביר.

די אידישע מאסן האָבן זייער אָפט געקראָגן מער מעגלעכקייטן, און אפילו פריווילעגיעס, אין פארגלייך מיט די ניט־אידישע איינוואוי־נער אַרום זיי, אָפט ביים אויסטיילן ערטער פאַר יוגנטלעכע אין די ניי־געשאַפענע גיגאַנטן־פאַבריקן. די צאָל אידישע יוגנטלעכע שטייגט אין אַזעלכע פאַלן ווייט אריבער די פּראָפּאָרציע פון דער אידישער באַפעל־קערונג אין דער באַטרעפנדיגער רעפּובליק, אָדער אין גאַנצן פאַר־באַנד. די אידישע מאסן האָבן געקראָגן ערד פאַר קאָלאָניזיר־צוועקן אין אוקראַינע און קרים, אין אַזעלכע פאַלן, ווען אָרטיגע פּויערים פלעגן זיך—אין די צייטן ווען עס איז נאָך געווען אַרבעטלאָזיגקייט אין די שטעט, און די קאָלעקטיוויזאַציע איז ניט געווען אַנטוויקלט—וועקגעלאָזן אין סיביר און ווייטן מזרח צו באַזעצן זיך אויף ערד. מיט אַלערליי מיטלען, העלפנדיג די קוסטאַרניקעס—קליינע באַלמעלאָ־כעס—וועלכע האָבן זיך צווישן אידן געפונען אין אַן איבערוועגנדיגער פּראָפּאָרציע, טרייבנדיג דעם פּראָצעס פון עקאָנאָמישן איבערבוי, אָפט אין אָנגעזיכט פון געוואַלדיגע מאַטעריעלע שוועריגקייטן, און אין אָנגעזיכט פון „טראַדיציאָנעלע״ שוועריגקייטן מצד דער אידישער באַפעלקערונג, באַזונדערס אין די שטעטלעך,—האָט די סאָוועטן־רע־גירונג געזוכט צו פּראָדוקטיוויזירן די מאסן פון דער אידישער באַ־פעלקערונג, אויסגלייכן דעם אייביגן „אידישן האָרב״, אָפּשאַפן דעם לופט־מענטש, דעם מנחם מענדל, און זי האָט זיך דערשלאָגן רעזול־טאַטן, וואָס די געשיכטע האָט אַזוינס ניט געזען. און אויפ׳ן קולטור־רעלן געביט ניט ווינציגער ווי אויפ׳ן עקאָנאָמישן. די געוואַלטיגע אַנטוויקלונג פון דער אידישער קולטור, פון דעם שול־וועזן און פאַר־לאַג־וועזן אויף דער אידישער שפּראַך, האָבן ניט קיין פאַרגלייך צו זיך אין קיין שום קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, וואו אידישע מאסן געפינען זיך, אין קיין שום פּעריאָד. און די מלוכה־רעכט, וואָס די אידישע שפּראַך האָט דערגרייכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז אַ זאַך, וואָס קאָן אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד בשום אופן ניט געמאָלט זיין.

אָט דאָס האָט באַוויזן דער אַרבעטער, ווען ער איז געוואָרן דער באַלעבאָס, ווען ער האָט גענומען בויען סאָציאַליזם.

די אידישע פראַגע איז געלייזט געוואָרן

בעת ציוניזם, נאָך צענדליגער יאָרן פּלאַפּלען וועגן אָפּשאַפן די געטאָ און פּראָדוקטיוויזירן דעם אידן, האָט געשאַפן נאָך אַן ערגערע געטאָ ווי אונטער׳ן צאַריזם, און האָט דערפירט דעם מנחם־מענדעליזם צו דער העכסטער מדרגה, — האָט די מאַכט פון דעם אַרבעטער, אין סאָוועטן-פאַרבאַנד, שוין געלייזט די אידישע פראַגע.

בעת דער ענגלענדער און לופט־מענטש האבן פאר׳ן צאריזם אויס־געמאכט 38.6 פראצענט פון דער אידישער באפעלקערונג, האט ער אין 1920 שוין אויסגעמאכט 12 פראצענט, און אין 1931 האט ער שוין כמעט ווי ניט עקזיסטירט. קאלאניזאציע, אינדוסטריאליזאציע דורך די פאבריקן, דורך קוסטאר־ארטעלן, דאס אריינדרינגען אין די קאאפעראטיוון, אויף רעגירונגס־שטעלעס, אין דער ארמיי, צווישן דער לערערשאפט און די אקאדעמיקער, האט אפגעשאפט דעם לופט־מענטש, האט אוועקגעשטעלט דאס אידישע לעבן—צום ערשטן מאל אין דער געשיכטע! — אויף א געזונטן באזיס.

אט זיינען עטלעכע ציפערן פון דעם צושטאנד פון דער אידישער באפעלקערונג אין אוקראינע:*)

צום סוף 1930 זיינען 110,000 אידישע קוסטארן געווען ארגאניזירט אין ארטעלן. אין די ביי־שטעטלדיגע קאלעקטיוון (קאלאניעס לעבן די שטעטלעך, פאר שטעטלשע איינוואוינער) זיינען געווען באשעפטיגט 30,000 אידישע פאמיליעס, אויף 100,000 העקטאר לאנד (אויף דער פאלעסטינישער מאס—ארום א מיליאן דונאם). אין די דריי אידישע נאציאנאלע ראיאנען אין אוקראינע, אויסער קרים, געפינען זיך הונדערט און דריי (103) אידישע קאלאניעס, וועלכע האבן אין 1931 פארזייט 159,794 העקטאר לאנד (ארום א מיליאן מיט 600,000 דונאם). אין די דריי נאציאנאלע אידישע ראיאנען — קאלינינדארף, סטאלינדארף און נײ־זלאטאפאל — און אין א ריי שטעטלעך, וואו די אידישע באפעלקערונג איז די מערהייט, געפינען זיך אידישע סאוועטן, מיט אידיש ווי די מלוכה־שפראך. אידישע געריכטן און מיליציע־אפטיילונגען געפינען זיך אין כארקאוו, קיעוו, אדעס און אנדערע. 40,000 קינדער—79 פראצענט פון די אידישע שול־קינדער אין אוקראינע—לערנען זיך אין 768 אידישע שולן. אין די העכערע אידישע אינסטיטוטן און פעדאגאגישע טעכניקומס לערנען זיך 1,665 סטודענטן. עס זיינען פאראן 16 אידישע אינדוסטריעלע טעכניקומס, 5 לאנדווירטשאפטלעכע. עס איז דא א אידישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט אין קיעוו, דריי אידישע מלוכה־טעאטערס.

און דאס אלץ נאר אין אוקראינע.

עס זיינען דא ארום 200,000 אידישע קאלאניסטן אין אוקראינע, און צוזאמען מיט קרים, ווייס־רוסלאנד און בירא־בידזשאן—נאענט פון 300,000. כמעט אלע קאלאניעס זיינען קאלעקטיוויזירט, באפעסטיגן זיך אויף א סאציאליסטישן שטייגער. זיי ווערן באזארגט מיט טעכנישע מיטלען (די דריי ראיאנען אין אוקראינע האבן אין 1931

*) זע ארטיקל פון ד. מאץ פון כארקאוו, „מארגן־פרייהייט", דעצעמבער 15, 1931.

פאַרמאָגט 294 טראַקטאָרס). די קאָלאָניעס וואַקסן. דער קאַליניג־דאָרף ראַיאָן, למשל, האָט אין 1928 פאַרזייט 28,000 העקטאַר לאַנד, אין 1930—48,000, אין 1931—52,000. דער ביודזשעט פון דעם ראַיאָן איז אויסגעוואַקסן פון 114,000 רובל אין יאָר 1928—1929 ביז 754,168 אין 1931!

די צאָל אידישע אַרבעטער איז ניט נאָר ריזיג אויסגעוואַקסן, נאָר דער צוזאַמענשטעל פון די אידישע אַרבעטער האָט זיך שאַרף געענ־דערט צום בעסערן. דער נאָדל־אַרבעטער איז שוין ניט דער אידישער אַרבעטער. אין אוקראַינע איז אין אַפּריל, 1931, געווען 51,600 אי־דישע מעטאַליסטן, געגן 19,500 שניידער! אידן זיינען שטאַרק פאַר־טראָטן אין דער גרויס־אינדוסטריע, אין די פאַבריקן און מינעס.

עס וואַקסט דאָס עקאָנאָמישע און קולטורעלע לעבן פון די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס וואַקסט אַלץ פעסטער דער בונד צווישן די אידן און זייערע ניט־אידישע שכנים—די רוסן, אוקראַינער, ווייס־רוסן, דייטשן און אַנדערע. אין די נאַציאָנאַלע אידישע ראַיאָנען זיי־נען די רוסן, אוקראַינער, דייטשן—נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

חוץ די דריי נאַציאָנאַלע אידישע ראַיאָנען אין אוקראַינע איז דאָ א אידישער ראַיאָן אין קרים (פריידאָרף) און עס בויט זיך ביראָ־בידזשאַן, וואו עס וועט געשאַפן ווערן א אידישע סאָוועטן־רעפּובליק, ווען די אידישע באַפעלקערונג וועט ווערן די מערהייט. און עס גייט אויף דעם וועג, ווייל דאָס לאַנד (ביראָ־בידזשאַן איז צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי פּאַלעסטינע), איז א רייך לאַנד, פאַרמאָגט ניט מער ווי פער־ציג טויזנט איינוואוינער און די סאָוועטן־רעגירונג זוכט דאָרטן צו באַזעצן אַלץ גרעסערע אידישע מאַסן.

ווער קאָן גאָר טראַכטן אפילו וועגן פאַרגלייכן וועלכע עס איז פאַזע פון די אַלע דערגרייכונגען מיט—פּאַלעסטינע?

דער אויסוועג

איז פאַראַן אַן אויסוועג! די אידישע פראַגע קאָן געלייזט ווערן!

די אידישע פראַגע קאָן געלייזט ווערן נאָר אין קאַמף געגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. דער „לאַנגער וועג" איז דער קירצע־רער וועג!

ווען פּינסקער האָט אָנגעהויבן די חובבי ציון באַוועגונג, אין 1882, האָט דער שאָוויניזם געזאָגט: די לייזונג קומט! צו וואָס באַטייליגן זיך אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג? דאָס איז א לאַנגער וועג! דער צאַריזם, און בפרט דער קאַפּיטאַליזם, וועלן ניט פאַלן אַזוי גיך.

ווען הערצל האָט אָנגעהויבן קלאַפּן די טירן ביי די דינער פון

פּויפּסט, ביי די ערצהערצאָגן און פּלעוועס, און האָט „שיר ניט גע־רעדט“ מיט'ן סולטאַן, האָט זיך דעם באַלעבעסל געווים געדאַכט: אָט איז די ישועה. דער ערשטער פון די באַלעבעסלעך, הערצל, האָט נאָכ'ן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, דעם 3טן סעפּטעמבער, 1897, אריינגעשריבן אין זיין טאָג־בוך: „אין באַזעל האָב איך דעם יודנ־שטאַט געגרינדעט“. אָט־אָט—די אידישע מלוכה. צו וואָס די רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונג? ווי יעדער נאַציאָנאַליזם, ווי יעדע נאַציאָ־נאַליסטישע באַוועגונג, האָט זיך דער ציוניזם געשטעלט געגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און במילא געגן דער לייזונג פון דער אידישער פראַגע!

די אידישע פראַגע קאָן געלייזט ווערן נאָר אין קאַמף געגן אַרבע־טער־פיינטלעכן, קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן ציוניזם, וועלכער איז לכתחילה געווען אַן אינסטרומענט פון רעאַקציע און אימפּעריאַליזם.

די אידישע פראַגע קאָן נאָר געלייזט ווערן אין קאַמף געגן קאַפּי־טאַליזם, אין קאַמף פאַר דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, האַנט אין האַנט מיט דער אָרטיגער ניט־אידישער ארבעטערשאַפט, געגן דער אָרטיגער אידישער און ניט־אידישער בורזשואַזיע, געגן אידישן און ניט-אידישן קלעריקאַליזם, — אומעטום, אין פּאַלעסטינע ווי אין אַלע לענדער,—נאָר אַזוי און ניט אַנדערש. ווער עס וויל אָפּווענדן דעם אידישן אַרבעטער, דאָרט וואו ער געפינט זיך, פון אָט דעם קאַמף, אונ־טער'ן אויסרייד פון כל ישראל אינטערעסן, אונטער'ן אויסרייד פון אַן „אייגן לאַנד“, און זוכט דערמיט איינצושפּאַנען דעם אידישן אַר־בעטער אין רייטוואָגן פון רעאַקציע און אימפּעריאַליזם, איז אַ בלו־טיגער שונא פון אידישן אַרבעטער. אַזאַ איינער מוז שאַרף און ביי־טער באַקעמפט ווערן!

ביילאַגע

די באַלפור־דעקלאַראַציע

די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט באַטראַכט מיט באַגינסטיגונג דאָס איינאָרדענען אין פּאַלעסטינע א נאַציאָנאַלע היים פאַר׳ן אידישן פאָלק און וועלן אָנווענדן זייערע בעסטע באַמיאונגען צו מיטהעלפן דערגרייכן דעם צוועק, זייענדיג פארשטאַנען, אז קיין זאַך וועט ניט געטאָן ווערן צו מינדערן די בירגערלעכע און רעליגיעזע רעכט פון די ניט־אידישע געמיינדעס אין פּאַלעסטינע, אָדער די רעכט און דעם פּאָ־ליטישן סטאַטוס, וואָס די אידן אין וועלכן עס איז לאַנד גענים.

דער אָפּמאַך צווישן פּעטליורע און די ציוניסטן

באַריכט פון פעטליורע׳ס פאָרשטייער אין פּראַג, מאַקסים סלאַווינסקי, צו זיין רעגירונג, וועגן די באַציאונגען מיט די ציוניסטן

אוקראַינישע פאָלקס־רעפּובליק, ספּעציעלע דיפּלאָ־מאַטישע מיסיע אין טשעכאָסלאָוואַקיע.
דעם 16טן סעפּטעמבער, 1921.

ווי איך האָב שוין געשריבן, זיינען אין סוף יולי, 1921, פאָרגע־קומען צוגרייט־זיצונגען פון ציוניסטישן אויספיר־קאָמיטעט צום קאָנ־גרעס. פון די ציוניסטישע פירער איז געווען ביי אונז דער באַוואוס־טער וו. אי. זשאַבאָטינסקי, איצט—מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע און שעף פון אינפאָרמאַציע־אָפּטייל (אין זייער רשות געפינען זיך 450 טאָג־צייטונגען), און מיט אים האָב איך געהאַט צוויי שמועסן. ווי אַלטע גוטע פריינט, האָבן מיר מיט אים פרינציפּיעל ארומגערעדט, ווי אַזוי צוצופּאַסן די פאַרקריפּלטע אידישע מיינונג וועגן אונז, צו דעם אוקראַינטום. איך האָב אים איבערגעגעבן דעם גאַנצן מאַטע־ריאַל, און מיר זיינען געקומען צום געדאַנק—אָרגאַניזירן א אידישע זשאַנדאַרמעריע. דעם 1טן סעפּטעמבער האָט זיך געעפנט דער ציו־ניסטישער קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד. איך בין אין קאַרלסבאַד געווען

צוויי מאָל. דעם 29טן און 30טן אויגוסט האָט זיך אין די אונטער־האַנדלונגען באַטייליגט אויך אונזער בערלינער פאָרשטייער סטאָצקי. די ווייטערדיגע באַראַטונגען זיינען שוין פאָרגעקומען אָן אים, דעם 30טן און 31טן אויגוסט. מיר האָבן גערעדט וועגן דער טאַקטיק פון די קאָנגרעס־דעלעגאַטן. איך האָב זיי איבערגעגעבן מיין באַגריסונג, וועלכע איז אויפ'ן קאָנגרעס פאָרגעלייענט געוואָרן גלייך דעם ערשטן טאָג און געמאַכט זייער א גוטן איינדרוק אויף אַלע אָנוועזנדיגע אויפ'ן קאָנגרעס. מיין באַגריסונג און די באַראַטונגען האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג דערמיט, וואָס מען האָט דורכדעם אויסגעמיטן אַן אַרויס־טרעטונג פון א גרופע מערב־אייראָפּייאישע און ענגליש־אַמעריקאַ־נישע ציוניסטן, וועלכע האָבן געזאָלט אויפ'ן קאָנגרעס זיך אַרויסזאָגן, אַז אונזער רעגירונג האָט אָנגעפירט מיט די פּאָגראָמען אין אוקראַינע.

... פון 31טן אויגוסט ביז'ן 2טן סעפּטעמבער האָבן זיך געפירט די אונטערהאַנדלונגען וועגן א אידישער זשאַנדאַרמעריע און וועגן ציוניסטישע מחנות; נאָכדעם זיינען מיר געקומען צו א ספּעציעלן אויסגלייך.

די זשאַנדאַרמעריע וועט אויסגעהאַלטן ווערן דורך א סעפּאַראַטער אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט זיך רעכענען אויסער דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָרים די ציוניסטישע אוקראַינע נעמט אויף זיך צו דעקן די הוצאות פון די אוקראַינישע גרופּן, וואָס דרייען זיך אַרום די קאָמוניסטן.

אונזער אָפּמאַך האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין א פּרינציפּיע־לען אָפּמאַך, אונטערגעשריבן דורך מיר און זשאַבאָטינסקי'ן. אין די לעצטע באַראַטונגען, וואו מען האָט ענדגילטיג צענויפגעשטעלט דעם אָפּמאַך, האָט זיך צווישן אַנדערע אויך באַטייליגט דער ענגלישער אָבערסט (קאָלאָנעל, פּאָלקאָווניק) פּעטערסאָן, וועלכער האָט זיך זייער וואַרים באַצויגן צו דער זאַך און צוגעזאָגט זיין מיטווירקונג; און ער האָט אַן איינפלוס אין דעם מיליטערישן און אויסערן־מיניסטעריום פון ענגלאַנד.

חוץ דעם, וואָס עס געפינט זיך אין פּראָיעקט, וויל איך אונטער־שטרייכן די מיינונג, וואָס די ציוניסטישע פירער האָבן אַרויסגעזאָגט: „מיר דאַרפן זען באַהעפטן די אידן מיט די אוקראַינער, צום גליק, ווי צום אומגליק*). אויב אפילו פונ'ם פּראָיעקט זאָל גאָרניט אַרויסקו־

*) פ. שפּראַך, וועלכער האָט געבראַכט דעם גאַנצן דאָקומענט אין זיין בראָשור „די ציוניסטן” (קיעוו, 1928), באַמערקט, אַז אָט־די מיינונג פון די ציוניסטישע פירער איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער פּועלי־ציוניסטישער „דאָס אַרבעטער וואָרט”, נומער 44, דעם 4טן דעצעמבער, 1921.

מען, קען מען אים דאָך ניט פאַרשװײגן, ניט אָפּשאַצנדיג זײַן מאָ־ראַלישן דערפאָלג.

די װײטערדיגע באַראַטונגען אויף דעם געביט, דאַרפן געפירט װערן דורך די אָנפירער פון דער דערמאָנטער אָרגאַניזאַציע (דאָס װעט איצט זײַן טיאָמקין) און דורך פאַראַנטװאָרטלעכע פאָרשטײער פון דער אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובליק.

(אונטערגעשריבן) מ. סלאַװינסקי.

יאָר	אַרײַנגעפאָרן (1929—1917)	אַרויסגעפאָרן (1929—1922)	געבליבן אדער אפּגעפאַלן (1929—1922)
פון דעצ. 1917 ביז			
מאַי 1921 — — —	14,101	(ניט באַװאוסט)	
יוני—דעצ. 1921 —	4,784	(ניט באַװאוסט)	
1922 — — — — —	7,844	1,503	6,341
1923 — — — — —	7,421	3,466	3,955
1924 — — — — —	12,856	2,037	10,819
1925 — — — — —	33,801	2,151	31,650
1926 — — — — —	30,081	7,365	5,716
1927 — — — — —	2,713	5,,071	(*2,358
1928 — — — — —	2,178	2,168	10
1929 — — — — —	5,249	1,746	3,503
צוזאַמען — —	104,028	(*25,507	(*59,636

*) די טאַבעלע גיט אונז בלויז אײן באַשטימטן סך־הכל פאַר די יאָרן 1917־1929—104,028 אײַנגעװאַנדערטע. די צאָל אויסגעװאַנדערטע איז גילטיג נאָר פאַר די יאָרן 1922—1929. װיפיל עס האָבן אויסגעװאַנדערט ביז 1922 װערט דאָ ניט געזאָגט. עס איז דעריבער אומבאַשטימט װיפיל עס זײַנען געבליבן אין לאַנד פון די אײַנגעװאַנדערטע 104,028. פון דער אײַנ־װאַנדערונג צװישן די יאָרן 1922—1929 איז געבליבן אין לאַנד 59,636. אין די יאָרן האָט די גאַנצע אויסװאַנדערונג אויסגעמאַכט 30 פּראָצענט פון דער גאַנצער אײַנװאַנדערונג. אויב מען זאָל אָננעמען די מאָס פאַר די 18,885 אײַנגעװאַנדערטע ביז 1922, װעט דאָ די צאָל אויסגעװאַנדערטע אויסמאַכן 5,665 און עס װעט בלײַבן דער באַלאַנס פון 13,220. די אַלגעמײנע צאָל גע־בליבענע אין לאַנד צװישן 1917—1929 װעט דעמאָלט באַטרעפן 72,856.

װי ס'איז צו באַמערקן, האָט די צאָל אויסגעװאַנדערטע אין 1927 אויס־געמאַכט כמעט צװײ מאָל אַזױ פיל װי אײַנגעװאַנדערטע, און האָט געגעבן א „דעפיציט" אין 2,358 אימיגראַנטן. געקומען איז עס װי א רעזולטאַט פון דעם קראַך פון דער „פערטער עליה" (אײַנװאַנדערונג פון 1925־1926).

די טאַבעלע איז גענומען פון ה. ס. לינפילד'ס „סטאַטיסטיקס אָװ דזשוס, 1931", אַרויסגעגעבן פון דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע", ניו יאָרק, 1931.

פאַר'ן יאָר 1930 האָט דער ציוניסטישער באַריכט אין באַזל (ז. 230)

באַריכטן, „איידזשענסי" „ווייסער פּאַפּיר".

וואַרבורג באַריכט. דער באַריכט איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין לאָנדאָן, דעם 18טן יוני, 1928, פון פעליקס וואַרבורג (ניו יאָרק), אַל־פרעד מאָנד, שפּעטערדיגער לאָרד מעלטשעט (לאָנדאָן), אָסקאַר וואַסער־מאַן (בערלין), און דר. ל. ק. פרענקל (ניו יאָרק). די דאָזיגע „דזשאָינט פּאַלעסטיין סוירוועי קאָמישאָן" (פאַראייניגטע פּאַלעסטינע־אויספאָר־שונג קאָמיסיע) איז געשאַפן געוואָרן פון לואי מאַרשאַל, דעמאָלטדיגער פירער פון די אַמעריקאַנישע יאַהודים, און דר. חיים ווייצמאַן, דעמאָלט־דיגער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די עקספּערטן פון דער קאָמישאָן — אַ ריי פּראָפעסאָרן, אַגראָנאָמען און סטאַטיסטי־קער, כמעט אויסשליסלעך אַמעריקאַנישע, מיט פּראָפעסאָר עלוואָוד מיד בראַש — האָבן באַזוכט פּאַלעסטינע אין 1927 און 1928 און האָבן צוגעשטעלט אַ גרעסערן באַריכט („באַריכט פון די עקספּערטן"). אויפן סמך פון דעם באַריכט, האָבן די דערמאָנטע פיר — וואַרבורג, מעל־טשעט, וואַסערמאַן און פרענקעל — צוגעשטעלט אַ פאַרקירצטן באַ־ריכט מאַרשאַלן און ווייצמאַנען.

שאָ־באַריכט. ארויסגעגעבן געוואָרן אין מערץ, 1930, פון דער „קאָמישאָן אָן פּאַלעסטיין דיסטורבענסעס אָוו אויגוסט, 1929" (קאָ־מיסיע וועגן די פּאַלעסטינישע אומרועןָ אין אויגוסט, 1929). די קאָמיסיע איז באַשטימט געוואָרן דעם 13טן סעפּטעמבער, 1929, פון דעם דעמאָלטיגן מיניסטער פאַר קאָלאָניעס אין דער ענגלישער רעגי־רונג, לאָרד פּאַספילד (סידני וועב). די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון וואָלטער שאָ, הענרי בעטערטאָן, ר. האָפּקין מאָרים און ה. סנעל.

סימפּסאָן־באַריכט. ארויסגעגעבן געוואָרן אין אָקטאָבער, 1930, פון דזש. האָופּ סימפּסאָן, וועלכער איז אין מאַי פון זעלביגן יאָר באַ־שטימט געוואָרן פון פּאַספילד'ן, ווי אַ „ספּעציעלער שליח" קיין פּאַ־לעסטינע, צו אויספאָרשן די ענינים פון אימיגראַציע און קאָלאָניזאַ־ציע, וואָס זיינען אָפיציעל ניט אריין אין דער קאָמפּעטענץ פון דער שאָ־קאָמיסיע.

אָנגעגעבן 4,944 איינגעוואַנדערטע. די צאָל אויסגעוואַנדערטע ווערט אָנגע־געבן פאַר 1929-30—5,425 צוזאַמען (דערפון 1,298 איד;—פּאַלעסטינער בירגער). אַזוי ווי מיר ווייסן, אַז אין 1929 זיינען אַרויסגעפאָרן 1,746 אידן, הייסט עס אַז אין 1930 זיינען אַרויסגעפאָרן—1,676, און עס איז דעם יאָר געבליבן א געווינס פון 3,265.

פאַר די צוויי יאָר פון אַפּריל 1929 ביז אַפּריל 1931 האָט די „איידז־שענסי" געקראָגן פון דער פּאַלעסטינישער אַדמיניסטראַציע 5,690 איינוואַנ־דערונג־סערטיפיקאַטן. זינט דעמאָלט האָט די אַדמיניסטראַציע די צאָל פון אַזעלכע סערטיפיקאַטן שאַרף געשניטן און די אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע איז כמעט ווי אָפּגעשטעלט (ז ז. 104).

פֿאַספֿילד ווײַסער פּאַפּיר. אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך לאָרד פּאַספֿילד דעם 21טן אָקטאָבער, 1930, אויף'ן סמך פֿון סימפּסאָנ'ס באַריכט. דער פּאַפּיר האָט באַפֿעסטיגט די אימיגראַציע־באַגרענצונגען, וואָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן אין מאַי פֿון זעלביגן יאָר, נאָכ'ן באַריכט פֿון דער שאָ־קאָמיסיע, און האָט באַגרעניצט דאָס אײַנקויפֿן לאַנד. די ציוניסטישע אַרבעט איז אין דעם דאָזיגן פּאַפּיר פֿון דער ענגלישער רעגירונג קריטיקירט געוואָרן ווי אַ שעדלעכע פֿאַר די אַראַבער. דער פּאַפּיר האָט באַפֿעסטיגט דעם אָרדער, אַז אין די ציוניסטישע קאָלאָניעס זאָלן ווידער געשאַפֿן ווערן „פֿאַרזיגלטע אַרסענאַלן" (קאַסטנס מיט ביקסן, קוילן, און אַנדערע אַמוניציע), וואָס די שליסלען צו זיי זאָלן זיך געפֿינען בײַ די אָנפֿאַרטרויטע אײַנוווינער פֿון דער קאָלאָניע.

אײַדזשענסי (אָדער „דזשואיש אײַדזשענסי", אידישע אַגענטור). אין ענגלישן מאַנדאַט איבער פּאַלעסטינע, אַרויסגעגעבן פֿון דער פֿעלקער־ליגע אין 1922, זאָגט זיך (אַרטיקל 4): „אַ געהעריגע אידישע אַגענטור זאָל אָנערקענט ווערן, ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכע קערפּערשאַפֿט פֿאַר באַראַטן זיך און קאָאָפּערירן מיט דער אַדמיניסטראַציע פֿון פּאַלעסטינע וועגן אַזעלכע עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און אַנדערע ענינים, וואָס קאָנען באַרירן דאָס אײַנאָרדענען די אידישע נאַציאָנאַלע היים און די אינטערעסן פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג אין פּאַלעסטינע". ביז 1929 איז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע געווען אָט־די „אידישע אַגענטור". אין אויגוסט 1929, באַלד נאָכ'ן 16טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ציריך, איז געשאַפֿן געוואָרן די „פֿאַרברייטערטע אַגענטור", אין וועלכער עס זײַנען אַרײַנגעגאַנגען די רעפּאָרם־יאַהודים פֿון אַמעריקע, דײַטשלאַנד, אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון לואי מאַרשאַל און פֿעליקס וואַרבורג. ניט פֿאַר 1929 און ניט נאָכדעם האָט זיך די ענגלישע אַדמיניסטראַציע אין פּאַלעסטינע מיט קײן שום „אַגענטור" ניט באַראַטן וועגן דער אַרבעט.

„באַזל". אומעטום וואו עס ווערט אין דעם בוך גערעדט וועגן „באַזל", „באַזעלער קאָנגרעס", ווערט געמיינט דער 17טער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באַזל אין יולי, 1931.

פאַרלאַג פון

אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן

שול־ביכער :

קינדער

פאר'ן ערשטן לערניאָר, צוזאמענ־געשטעלט פון ד. טאַראַנט און ב. פרידמאַן. (160 זייטן, געבונדן). פרייז 80 ס., פאר שולן 50 ס.

שטאָט

פאר'ן 3טן לערניאָר (48 זייטן). פרייז 25 ס., פאר שולן 15 ס.

אונזער שול

פאר'ן 3טן און 4טן לערניאָר (48 זייטן). פרייז 30 סענט, פאַר שולן 20 סענט

אַמעריקע

פאַר'ן 4טן לרעניאָר (64 זייטן). פרייז 40 ס., פאר אונזערע שולן 20 סענט

ערשטער מאַי

פאר'ן דריטן און פערטן לערניאָר פרייז 10 ס., פאר אונזערע שולן 5 סענט

צום נייעם לעבן

פאר'ן דריטן לערניאָר (96 זייטן) פרייז 45 ס., פאר שולן 20 ס.

7טער נאָוועמבער

פאר'ן פערטן לערניאָר (96 זייטן) פרייז 40 ס., פאר אונזערע שולן 20 סענט

אַרבעט און קאַמף

פאר'ן דריטן און פערטן לערניאָר פרייז 40 ס., פאר אונזערע שולן 20 סענט

אין פאַרלאַג א. אַ. אָ. געפינען זיך צום פאַרקויף :

קינדער־מייסעלעך

(כאַוועך לעניז האט געזאגט. דער פאַבריק־קוימען סטרייקט. דער ערשטער גענעראַל. בירא־בידזשאַן. מאַטעלע פון דאָרף איקאָר. די מלחמה אין ניו יארק—פון שלמה דאַווידמאַן

זומער אין קינדערלאַנד. מיר פאָרן אין אַרטעף טעאַטער—פון א. לייב

פון יענער זייט טייך

(א מייסע) פון כאַוועך פאַוועך
פרייז 75 ס., פאר שולן 40 ס.

„ניו יאָרק"

ארבעט־פּראָיעקט, ארויסגעגעבן
פון מיטלשול גראַדואיר
קלאַס פון 1930

פרייז 1 דאָלאר, פאר שולן 50 ס.

„קינדערלאַנד"

(זשורנאַל)

10 סענט א נומער, פאר שולן 5 ס.

International Workers Order, Inc.

80 FIFTH AVENUE NEW YORK, N. Y.

פאַרלאַג פון

אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן

פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע ביכער:

דער אינטערנאַציאָנאַ־לער אַרבעטער־אָרדן

געשיכטע, אויפגאַבן, צילן. פון מ. אָלגין. פּרייז: 30 ס. פאַר ברענ־טשעס פון אינט. אַרב. אָרדן 15 ס.

סאָוועטן ־ פאַרבאַנד בויט סאָציאַליזם

פון מלך עפּשטיין
מיט אילוסטראַציעס

(128 זייטן) פּרייז 35 ס. פאַר ברענטשעס פון אינט. אַרב. אָרדן 30 סענט.

אַ נייע אַרבעטער־פּעסטונג

וואָס איז אַזוינס דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער אַרב. אָרדן און פאַר־וואָס אַרבעטער דאַרפן זיך אין אים אַנשליסן.

סאָציאַלע פאַרזיכערונג

(אין אַמעריקע, אין אַנדערע קאַ־פּיטאַליסטישע לענדער און אין סאָוועטן פאַרבאַנד)

פון ש. אַלמאַזאָוו

96 זייטן. פּרייז 40 סענט, פאַר ברענטשעס פון א. א. אָ. 20 ס.

די מלחמה־געפאַר

פון אַלעקסאַנדער ביטעלמאַן
פּרייז 20 סענט
פאַר ברענטשעס 15 סענט

קאַפּיטאַליזם — סאָציאַליזם קאָמוניזם.

אַ קורס פון 15 לעקציעס
פּרייז 50 ס., פאַר סטודענטן פון אַרב. אוניווערזיטעט און מיטגלי־דער פון א. אַ. אָ. 25 סענט

דער אינטערנאַציאָנאַ־לער אַרבעטער אָרדן

זיינע צילן און אויפגאַבן
אידיש, ענגליש און אַנדערע שפּראַכן.

דער אַרבעטער רינג העלפט אָרגאַניזירן מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד

(די ראָל פון אַבראַמאָוויטש'ן און דעם אַרבעטער רינג אין די אינ־טערווענציע־פאַרשווערונגען געגן פּראָלעטאַרישן פאָטערלאַנד)

פּאַלעסטינע, די אַראַבער, דער ציוניזם

פון פּ. נאָוויק

פּרייז 50 סענט, פאַר אונזערע ברענטשעס 30 סענט

שיינע ליטעראַטור:

„מיט געזאַנג צום קאַמף"

(לידער מיט נאָטן)

צוזאַמענגעשטעלט און באַאַרבעט פון יעקב שייפער

International Workers Order, Inc.

80 Fifth Avenue New York, N. Y.